YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i45

# GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 45
November 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

## Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 45)


### Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish


### Comments
*Justice* was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/22

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

# גערעכטיגקייט

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך גאָרנישט צו זיין אונגערעכט".
וואודראָו ווילסאָן.

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אַן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל לידיעס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

VOL. I. No. 45. NEW YORK, FRIDAY, NOVEMBER 21, 1919. פרייטאג, נאָוועמבער 21, PRICE 3 CENTS

# אמעריקאַן פעדערײשאַן אוו לייבאָר רופט א ספעשעל קאָנפערענץ אין וואשינגטאָן 13 דעצ.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Nov. 21, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

אלס אַן איינלאַדונג צו דער ספּעציעלער קאָנפערענץ, האָט פּרעזידענט שלעזינגער באַקומען דעם פאָלגענדען צושריפט:

ווערטער הערר און ברודער:

אונגעפעהר מיט א מאָנאט פאר דער קריעגס־ערקלעהרונג פון דער רעגיערונג פון די פאראייניגטע שטאאטען האָבען די עקזעקוטיווס פון די נאציאָנאלע און אינטערנאציאָנאלע יוניאָנס געהאט א קאָנפערענץ אין וואשינגטאָן און דאָרטען איז ערקלעהרט געוואָרען די שטעלונג פון דער ארבייטערשאפט צו אונזער רעגירונג, אין קריעג אָדער אין פריעדען, און די ארבייטער האָבען עס גוט־געמאכט.

דער וואַפּענשטילשטאנד איז אונטערשריבען געוואָרען דעם 11טען נאָוועמבער, 1918. די שלאַכטען האָבען זיך אויטאָמאטיש געענדיגט. טעכניש אָבער זיינען מיר נאָך איצט אין א צושטאנד פון קריעג; דאָס אומקעהרען זיך פון דער אינדוסטריע פון קריעגס־צושטאנד צו א באזיס פון פריעדען איז נאָך ניט דורכגעפיהרט געוואָרען. דער פּאטריאָטישער געפיהל, דאָס אונזער לאנד איז אין געפאהר, דער שרעק עס זאָל ניט פארניכטעט ווערען דעמאָקראטיע און פרייהייט, האָט שוין, ווי עס שיינט, זיך בארוהיגט.

אין דיעזען קריטישען רעקאָנסטרוקשאָן־פּעריאָד קומט די ארבייטערשאפט פּנים אל פּנים מיט א גרויסער געפאהר, וועלכע גרייפט אָן דעם סאמע פונדאמענט פון איהר געבוי. די סיטואציע ווערט באטראכט פאר אזוי ערנסט, דאָס אויף א מיטינג, וואָס איז לעצטענס אָפּגעהאלטען געוואָרען, האָט דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אוו לייבאָר און די פארטרעטער פון די ריילראָוד בראָדערהודס איינגעשטימט, דאָס די עקזעקוטיווס פון די נאציאָנאלע און אינטערנאציאָנאלע יוניאָנס זאָלען איינגעלאַדען ווערען אנטייל צו נעהמען אין א קאָנפערענץ אין די העדקוואָרטערס פון דער א. פ. אוו ל. דעם 13טען דעצעמבער, 1919, 10 אזייגער אין דער פריה. דאָרטען וועט מען זיך בעראַטען און פאָרמולירען א פּלאַן ווי צו האנדלען אָפּצוהיטען און פאַרטצוזעצען די רעכטע, אינטערעסען און פרייהייט פון די לוין־ארבייטער, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר די גרויסע מאסע פון פאָלק אין אונזער רעפובליק.

עס איז דעריבער גאנץ וויכטיג, דאָס פאראנטוואָרטליכע פארטרעטער פון דער ארבייטער־באוועגונג זאָלען באטראכטען די לאגע אין דעם אינדוסטריעלען און לעגיסלאטיווען פעלד און קומען צו א פארשטענדניס וועגען די פונדאמענטאלע פּרינציפּען און שאפען א פּראָגראם וועלכען די לוין־ארבייטער וועלען אָננעהמען, טועענדיג זייערע פליכטען אלס בירגער און אין דער זעלבער צייט אויפהאלטען דאָס רעכט פון פרייע מענשען, אין די אינטערעסען פון א מענשליכען וואוילזיין.

מיר האָבען זיך דורכגערעדט מיט פארטרעטער פון פארשיעדענע ארגאניזאציאָנען פון פארמערס. אין די נעקסטע דרייסיג טעג וועלען דיעזע קערפּערשאפטען אָפּהאלטען קאָנווענשאָנס. די פארטרעטער פון די פארמערס, כאָטש זיי סימפּאטיזירען מיט דעם צוועק פון דעם קאָנפערענץ, האָבען געדענקט, אז זיי האָבען ניט די אויטאָריטעט צוצושטעלען זייערע נעמען אונטער דיעזען רוף. מיר וועלען אָבער צושיקען א פאָרמעלען צושריפט צו זייערע קאָנווענשאָנס און זיי איינלאַדען צו ערוועהלען פארטרעטער אנטייל צו נעהמען אין דער קאָנפערענץ, דעם 13טען דעצעמבער, מיט אויטאָריטעט צו רעדען אין נאָמען פון די ארגאניזאציאָנען, וואָס זיי פארטרעטען.

איהר ווערט דרינגענד אויפגעפאָדערט פערזענליך בייצואוואוינען דעם קאָנפערענץ און דורך דעם געבען א גאנץ טיכטיגען און פאראנטוואָרטליכען אויסדרוק, וואָס עס איז אם בעסטען צו טאָן אין דער יעצטיגער סיטואציע.

עקזעקוטיוו קאונסיל, אמעריקאַן
פעדערײשאַן אָף לייבאָר.
סעמועל גאָמפּערס, פּרעז.
דזשיימס דאָנקאָן, וויס־פּרעז.
דזש. פ. וואַלענטיין, 2טער וויס־פּרעז.
פראַנק דאַפי, 3טער וויס־פּרעז.
וויליאם גרין, 4טער וויס־פּרעז.
וו. ד. מאַהאָן, 5טער וויס־פּרעז.
ט. אל. ריקערדס, 6טער וויס־פּרעז.
דזשייקאָב פישער, 7טער וויס־פּרעז.
מעטהיו דזש. וואָלל, 8טער וויס־פּרעז.
דעניעל דזש. טאָבין, טרעזש.
פראַנק מאָריסאָן, סעק.
וואָרען ס. סטאָן, גרענד טשיף בראָד. לאָקאָמאָטיוו אינדזש.
טימאָטי שיא, גרענד טשיף בראָד. לאָקאָמא. פייערמען.
וו. ע. לי, גרענד טשיף, בראָד. אוו ריילראָוד טריינמען.
ל. ע. שעפּארד, גרענד טשיף ארדער רעילוועי קאָנדוקטאָרס אוו אמעריקא.

# דיפּערמאַכער יוניאָן לאָקאַל 17 טוט איהר גרויסע פליכט צו די שטאָל ארבייטער

6000 דאָלאר געזאמעלט אין איין וואָך. נאָך מעהר געלט ווערט ערוואַרטעט.

אויף אַנאַנדער פּלאַץ אין דעם נומער דרוקען מיר די נעמען פון די שעפּער און די סומע וויפיעל יעדער שאָפּ האָט בייגעשטייערט. די נעמען פון די שעפּער ווערען געדרוקט נאָכ'ן „אלף־בית" און יעדער איינער וועט לייכט קענען געפינען דעם נאָמען פון זיין שאָפּ.

עס איז אונזער גרעסטער שטאָלץ, דאָס מעמבערס פון דער דיפּער מאכער יוניאָן האָבען זיך אזוי גרויסמוטיג אָפּגערופען אויף דעם רוף פון דער אינטערנעשאָנאל. אונז פרעהט צו זעהן, אז אונזער מעמבערשיפּ (מיט קליינע אויסנאָמען) באגרייפט גרינדליך דעם הויפּט־געדאנק פון אונזער באוועגונג. א יוניאָן איז ניט קיין קערפּערשאפט פאר א י י ג ע נ ע מאטריעלע פארבעסערונגען. א יוניאָן איז א פעסטונג פון דעם ריזיגען פארטיידיגונגס בנין, וואָס די ארבייטער האָבען מיט זייער בלוט און שוויים אויפגעבויט איבער'ן גאנצען לאנד. דעריבער טאָר קיין יוניאָן ניט שטעהן פון דער ווייטענס ווען די ריזיגע קאנאָנען פון קאפּיטאל מאכען אן אטאקע אויף א טייל, און וועלכען ניט איז טייל פון דער ארבייטער באוועגונג. אלע מוזען זיין אין „ליין" און טראָגען די פארלוסטען פון דער שלאכט מיט דערזעלבער ברייטהארציגקייט און דעמזעלבען פארגעניגען ווי די וועמענס מזל עס איז צו זיין אין די ערשטע רייהען טרענטשעס. די זעקס טויזענד דאָלער, וועלכע די דיפּער מאכער האָבען בייגעשטייערט אין פארלויף פון לעצטער וואָך, וועט פארוואנדעלט ווערען אין 60 טויזענד לעבלאך ברויט פאר די סטרייקערס. דאָס וועט צייטווייליג שטילען זייער הונגער און זיי געבען קרעפטען פארטצוזעצען זייער קאמפּף.

דאָס איז אָבער נאָך ניט אלעס. טוענדיג אונזער פליכט צו דריי הונדערט פופציג טויזענד שטאָל סטרייקערס, האָבען מיר זיי פאר איין גאנג געשיקט א גרוס פון ערמוטיגונג. זיי ווייסען יעצט, די סטרייקערס, אז טויזענדע הערצער קלאפּען אין הארמאָניע מיט זייערע, טויזענדע נשמות נאָרען און לעכצען פאר זייער סוקסעס. זיי ווייסען אז זיי זיינען ניט אליין אין זייער קאמפּף. אלע וואָס דענקען און פיהלען ווינשען די שטאָל סטרייקער ערפאָלג אין זייער קאמפּף און די דיפּערמאכער געפינען זיך איצט צווישען דיעזע מענשען.

# פילאַדעלפיער קלאָוקמאַכער יוניאָן שטעלט ארויס נייע פאָדערונגען

נאָך פיעלע מיטינגען פון פילאַדעלפיער דזשאָינט באָארד, ווען אלע פאָדערונגען זיינען געמאָסטען און געוואויגען געוואָרען, נאָכדעם ווי יעדער פּונקט איז פיעל דיסקוטירט געוואָרען פון דעם דזשאָינט באָארד צוזאמען מיט פּרעזידענט שלעזינגער און סעקרעטער באראָף פון ניו יאָרק, ווי אויך ביי די מיטינגען פון אלע לאָקאַל יוניאָנס, זיינען די נייע פאָדערונגען אויסגעארבייט געוואָרען, וועלכע זיינען, צוזאמען מיט א בריעף, געשיקט געוואָרען צו די בעלי־בתים.

דיעזע פאָדערונגען זיינען אויך געשיקט געוואָרען צו דער באָסעס אסאָסיאיישאָן, און עס איז איהר געגעבען געוואָרען צייט ביז מאָנטאג, דעם 24טען נאָוועמבער, צו ענטפערען.

נעקסטע וואָך וועלען מיר שוין קענען באריכטען דעם רעזולטאט, דאָס הייסט דעם ענטפער פון די בעלי־בתים.

אין נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט" וועלען מיר אויך איבערגעבען די פאָדערונגען, וואָס די יוניאָן האָט ארויסגעשטעלט, פּונקט ביי פּונקט, און אויך דעם בריעף וואָס די יוניאָן האָט מיט די פאָדערונגען צוגעשיקט צו די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס פון פילאַדעלפיא. אין די פּונקטען פון די נייע פאָדערונגען געפינט זיך וואָך־ארבייט, א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואָך און באשטימטע מינימום סקיילס פאר אלע באזונדערע פאכען אין דער קלאָוק־אינדוסטריע.

# אַן אינדזשאָנקשאָן נעגען דער ריינקאָוטמאַכער יוניאָן לאָקאַל 20

לעצטע וואָך האָבען מיר געמעלדעט וועגען אַן אינדזשאָנקשאָן געגען דער טשילדרען'ס דרעסמייקערס יוניאָן לאָקאַל 50. די הירינג אין קאָורט איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף דער וואָך. היינטיגס מאָל האָבען מיר צו מעלדען וועגען א צווייטען אינדזשאָנקשאָן — דעם מאָל געגען אונזער ריינקאָוט מאכער יוניאָן לאָקאַל 20.

פאר די לעצטע 15 וואָכען, זינט נאָך דעם לעצטען גענעראל סטרייק פון די ריינקאָוט מאכער אין ניו יאָרק, פיהרט די יוניאָן אַן א סטרייק אין דעם שאָפּ פון באָס סילבער, אין ריטשמאָנד טאָרענפּייק, לאָנג איילאנד.

דער סטרייק איז א פארביטערטער. פאר די לעצטע 5—6 יאָהר איז דער שאָפּ געווען א סקעב־שאָפּ. אין דעם לעצטען סטרייק זיינען אלע ארבייטער ארונטער און זיי שטעהען נאָך ביז היינט אין סטרייק. דער באָס האָט ערגעץ געקראָגען א פּאָר סקעבס. דער שאָפּ ווערט די גאנצע צייט גערפיקעט און דער באָס האָט זיך געווענדעט אין קאָורט נאָך אַן אינדזשאָנקשאָן און ער האָט דאָס אויך באקומען. עס דארף נאָך אָבער פארקומען וועגען דעם א צווייטע הירינג אין קאָורט די וואָך.

די יוניאָן איז אין געריכט פארטראַטען דורך עקס קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן.

דער סטרייק קאָסט שוין דער יוניאָן א סך געלד און מיה. די ארבייטער זיינען אָבער ענטשלאָסען ווייטער צו סטרייקען ביז די איינגעשפּארטקייט פון באָס וועט דאָך געבראָכען ווערען.

## אינהאַלט־פאַרצייכניס

גערעכטיגקייט נומער 45.

זייט 2. די וואָך — נ. בוכוואַלד. דער מיטינג פון דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן — ל. לאַנגער.
זייט 3. די ציעלען און פּראָבלעמען פון אונזער עדיוקיישאָנאל טעטיגקייט — דר. לואיס ס. פרידלאַנד.
זייט 4. טרייד און ארגאַניזאציאָנס פראגען — י. מאַזעסאָן, ע. ליכטענשטיין, מ. וואָלאָך.
זייט 5. אינטערנעשאָנאל עדיוקיישאָנאל דעפּארטמענט.
זייט 6. די רומענישע פרוי — דר. אסתר לוריע. זאמלונגען אין די דיפּער שעפּער פאר די שטאָל סטרייקער — דזש. העללער.
זייט 7. אינטערעסאנטע פאסירונגען אין דער קלאָוקמאכער יוניאָן פון שיקאגאָ — ה. סקולמאַן. די ווירקונג פון די הויכע לעבענס־קאָסטען אויף אונזער געזונד — דר. מאקס געטנער.
זייט 8. א געיעג נאָך ליעבע (ראָמאַן) — פאלינא וואָלמי.
זייט 9. ראָמאַן. אינסטאַלײשאָן מיטינג פון לאָקאל 25 עקז. באָארד — י. שעהנהאָלץ.
זייט 10. פון רעדאקטאָר'ס נאָטיץ־ביכעל.
זייט 11. דער לעצטער קאמפּיין — מ. באַראַנאָוו. דער אינטערנאציאָנאלער קאָנפערענץ פון דער „ארבייטער סעקציע" צו דער „ליעג אָוו ניישאָנס" — ה. לאנג.
זייט 12. די ארבייט פון דער אינטערנעשאָנאל פאר די לעצטע פּאָר מאָנאטען — אַב. באראָף. ווען א פילאָסאָף באגעגעט זעלבסטמאָרד (פעליעטאָן) — דער לעבעדיגער.
זייט 13. „פּארבלאָנדזשעטע" (ערצעהלונג) — שמואל דייקסעל.
זייט 14. וועלכע געזעצע דארפען די ארבייטער אויספאָלגען? — ב. מיימאָן. ליעדער — י. אדלער.
זייט 15. די פרויען־וועלט — ראָזע בעדריק (בלינדער). קורצע שמועסען צווישען רעדאקטאָר און לעזער.
זייטען 16, 17, 18 און 19. אַדווערטייזמענטס.
זייט 20. צו דער איינשטעלונג פון דער נייער עקזעקוטיווע אין דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאָן ל. 25 — א סטאָף רעפּארטער.

# אינטערנעשאנאל עדיוקיישא־נאל דעפארטמענט

**א וויכטיגער מיטינג פון דזשאינט קאנפערענץ דעם שבת בייטאג. — רע־דזשיסטריישאן פאר מעמבערס געהט נאך אן. — די קורסען און לעק־טשורס אין אלע יוניטי סענטערס אנגעפאנגען. — אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל ארבייט אין פילאדעלפיא.**

**א וויכטיגער מיטינג פון דעם באַ־שטענדיגען דזשאינט קאנפערענץ פון די עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון אונזערע לא־קאלס אין ניו יארק וועט אפגעהאלטען ווערען דעם שבת, דעם 15טען נאוועמבער, 2 אוהר נאכמיטאג, אין קאונסיל רום פון דעם אינטערנעשאנאל אפיס, 31 יוניאן סקווער. דאס וועט זיין דער צווייטער צוזאמענקונפט פון דעם דזשאינט קאנפע־רענץ צו דיסקוטירען זעהר וויכטיגע פראגען.**

אויף דעם קאנפערענץ וועט אויסגע־קליבען ווערען א באשטענדיגער סעקרע־טער, און עס וועט דיסקוטירט ווערען די קורסען פאר אקטיווע מיטגליעדער פון דער יוניאן. דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט ערווארט, דאס אלע עדיוקיישאנאל קאמי־טעס פון די לאקאלס וועלען זיין דארט אין זייער גאנצער צאהל. עס זיינען דא צו באטראכטען פיעלע וויכטיגע פראגען פון דעם מאמענט און דער ראט און די מיטארבייטערשאפט פון די עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון די לאקאלס איז נויטיג. מיר דארפען אימער געדענקען אונזער עדיוקיי־שאנאל מאטא: „לערנט צו רעדזשיסטרי־רען! לעבט אום צו לערנען! לערענט אום צו לעבען!" אויף דעם אופן מוזען מיר פארשפרייטען די בשורה פון בילדונג און ערציהונג.

די עקזעקוטיוו עדיוקיישאנאל קאמיטע און דער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, דר. ל. ס. פרידלאנד, מאכען מיט צופריעדענ־הייט באקאנט, דאס אין אלע אונזערע יוניטי סענטערס איז די ארבייט שוין אין פולען גאנג. די רעדזשיסטרירונגען זיינען צופריעדענשטעלענד, אבער מיר אלע פיהלען, אז עס קען נאך פיעל בעסער זיין. ווען יעדער מיטגליעד פון דער אינטער־נעשאנאל, וואס האט זיך איינגעשריבען און אטענדעט אונזערע קלאסען, וואלט זא־גען איינעם אדער צוויי פון זיינע מיט־ארבייטער אין שאפ וועגען דער געלעגענ־הייט, וואס מיר גיבען די מיטגליעדער צום לערנען, זיך צו ענטוויקלען, דורך אונזער עדיוקיישאנאל ארבייט, וואלטען מיר, אהן גרויסע שוועריגקייטען, קענען פארדאפלען אונזער רעדזשיסטריישאן־ליסט.

אלע מיטגליעדער, וואס ווילען זיך רע־דזשיסטרירען פאר די קורסען אין דעם בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקוהל 54, אינטערוויל עוועניו און פרימאן סט., ווי אויך אלע די, וואס האבען זיך שוין רעדזשיסטרירט אין אפיס פון זייער לא־קאל יוניאן, זיינען געבעטען זיך צו מעל־דען צו מר. טאלבאט, דעם עדיוקיישאנאל אדווייזער, וועלכער וועט אלעמען אנווייזען זייערע קלאסען און געבען אלע נויטיגע אינפארמאציעס. מר. טאלבאט גע־פינט זיך אין רום 351 פון דער סקוהל־בילדינג.

די יעניגע מיטגליעדער, וואס שרייבען זיך איין פאר די קורסען אין די איסט סייד יוניטי סענטער, פאבליק סקוהל 63, פיערטע סטריט, נעבען ערשטע עוועניו, זאלען זיך מעלדען צו מר. גאטהעלף, אויפ'ן פיערטען פלאר פון דער סקוהל.

אין דעם וועסטמאכער יוניטי סענ־טער, פאבליק סקוהל 40, 230 איסט 20טע סט., זאל מען זיך מעלדען צו מיסעס לוסי רעטינג, עדיוקיישאנאל סופערווייזער.

אין דעם בראנזווילער יוניטי סענטער, פאבליק סקוהל 84, סטאן און גלענמאר עוועניוס, ברוקלין, זאלען די שילער זיך מעלדען צו מיסס מערי קאהען, וועלכע וועט אייך אנווייזען די קלאסען.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איז צוגעגרייט צו פארמירען מעהר עדיוקיי־שאנאל קלאסען, מיט נייע לעהרער, אזוי גיך ווי מעהר מענשען וועלען זיך איינ־שרייבען צום לערנען. מיר וועלען דאן מיט צופריעדענהייט אויסברייטען אונזער ארבייט.

דא איז א צעטעל פון לעקטשורס פאר דער וואך, וואס האט זיך אנגעפאנגען מיט'ן 10טען נאוועמבער, 1919.

**איסט סייד יוניטי סענ־טער** — פאבליק סקוהל 63, 4טע סט. און 1טע עווע., ניו יארק. — דאנערשטאג אווענד, דעם 13טען נאוועמבער, אום 7.45 — די ערשטע לעקטשור פון מיסס עלען א. קעגאן וועגען לעבען און דראמא, גאלסווארטי'ס „זילבערנע קעסטעל".

**בראנקס יוניטי סענטער**, פאבליק סקוהל 54, פרימאן סט. און אינ־טערוויל עוועניו. —

שבת, דעם 15טען נאוועמבער, 1:30 נאכמיטאג, ערשטע לעקטשור איבער גע־זונד — דר. אנא ע. ראי־ראבינסאן.

פרייטאג אווענט, אום 7:45, דעם 14טען נאוועמבער — ערשטער לעקטשור פון מרס. אלגא מארקס איבער דער באדיי־טונג פון דער מאדערנער דראמא — ג. הויפטמאן'ס „די וועבער".

---

**וועסט מאכער יוניטי סענטער**, פאבליק סקוהל 40, 320 איסט 20טע סט.

פרייטאג, דעם 14טען נאוועמבער, 8 אוהר אווענד — דר. מאיסעי דזש. אלגין וועט האלטען דעם ערשטען מיטינג מיט דער דראמאטישער גרופע, וואו עס וועט דיסקוטירט ווערען פרץ הירשביין'ס „די פוסטע קרעטשמע".

---

**בראנזוויל יוניטי סענ־טער**, פאבליק סקוהל 84, סטאן און גלענמאר עוועניוס, ברוקלין.

דאנערשטאג, דעם 13טען נאוועמבער, 7:45 אווענד — ערשטע לעקטשור פון מר. פרענק טאנענבוים איבער „דער גרונד פאר דער ארבייטער־באוועגונג".

פרייטאג אווענט, דעם 14טען נאוועמ־בער, 7:45 אוהר — ערשטע לעקטשור פון מיס עלען א. קעגאן איבער „לעבען און דראמא", גאלסווארטהי'ס „זילבערנע קעסטעלע".

---

## בולעטין פאר דער וואך פון 17טען נאוועמבער.

**איסט סייד יוניטי סענ־טער**, פאבליק סקוהל 63, 4טע סט. און ערשטע עוועניו.

דיענסטאג, 9 אוהר אווענט, דעם 18טען נאוועמבער — צווייטער לעקטשור פון פרענק טאנענבוים. טעמא: „די קאנ־סערוואטיווע פונקציאנען פון דער ארביי־טער באוועגונג."

דאנערשטאג, 7:45 אווענד, דעם 20טען נאוועמבער — די צווייטע לעק־טשור פון מיס עלען א. קעגאן וועגען „חתונה האבען" פון בערנארד שאא.

---

**בראנזוויל יוניטי סענ־טער**, פאבליק סקוהל 84, גלענמאר און סטאן עוועניוס, ברוקלין.

דאנערשטאג אווענד, דעם 20טען נא־וועמבער, 7:45 — צווייטער לעקטשור פון פרענק טאנענבוים: „קאנסערוואטיווע פונקציאנען פון דער ארבייטער באווע־גונג".

פרייטאג, 7:45 אווענד, דעם 21טען נאוועמבער — צווייטע לעקטשור פון מיס עלען א. קעגאן וועגען בערנארד שאא.

**בראנקס יוניטי סענטער**, פאבליק סקוהל 54, אינטערוויל עוועניו און פרי־מאן סטריט.

פרייטאג אווענט, 21טען נאוועמבער, 7:45 — צווייטע לעקטשור פון מרס. אלגא מארקס, איבער צוויי פיעסען פון צוויי אידישע שרייבער: שניצלער'ס „פראפעסאר בערנארדי" און דוד פינסקי'ס „דער אוצר".

שבת, דעם 22טען נאוועמבער, אום 1.30 נאכמיטאג — צווייטע לעקטשור פון דר. אננא ע. ראי ראבינסאן. טעמא: „טרינקוואסער, ווענטילאציע, קליידונג אין זומער און ווינטער.

**וועסט מאכער יוניטי סענטער**, פאבהיק סקול 40, 320 א. 20טע סטריט.

דינסטאג, דעם 118טען נאוועמבער, 8.45 אווענט, ערשטע לעקטשור פון מרס. סאסקין ראדזשערס „א פארערד צים טרייד־יוניאניזם".

פרייטאג אווענט, דעם 21טען נאוועמ־בער, 8 אוהר, צווייטער קלאס־מיטינג מיט דר. אלגין. עס וועט אנאליזירט ווערען גערהארד הויפטמאנ'ס פיעסע „איינזאמע מענשען".

טיקעטס פאר די אווענטען קען מען באקומען אין אפיס פון אונזער עדיוקיי־שאנעל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער און אין אפיס פון דער וועיסט און דרעס־מאכער יוניאן לאקאל 25.

### ווייכטיגע באקאנטמאכונג

איידער די לעקטשורס וועלען זיך אנ־פאנגען, וועלען די סטודענטען באקומען „מימאגראפד" אויסציגע פון די לעק־טשורס, וועלכע וועלען ענטהאלטען דעם גאנצען אינהאלט. מיר האפען, אז דאס וועט העלפען די שילער צו פארשטעהן די הויפט פונקטען אין די לעקטשורס און דאס וועט ביי זיי ארויסרופען א חשק צו שטעלען פראגען, און דורך דעם מאכען דעם צווייטען טייל פון דער לעקטשור פאר א לעבעדיגער, נוצבארער דיסקוסיאן, אין וועלכע אי די לעהרער, אי די שילער וועלען זיך באטייליגען.

קומט, אלזא, אין וואס א גרעסערער צאהל צו דיזע לעקטשורס. אייער עדיו־קיישאנעל דעפארטמענט און די לעקטשו־רער וועלען טאן זייער טייל, טו טוט זשע איהר אייער טייל.

די „פאלדערס", וואס ענטהאלטען די לעקטשורס און קורסען פאר די נעקסטע פאר מאנאטען, וועלען באלד פארטיילט ווערען.

---

## עדיוקיישאנעל ארבייט אין פילא־דעלפיא.

לעצטען שבת, דעם 8טען נאוועמבער, האט אונזער עדיוקיישאנעל דירעקטאר, דר. פרידלאנד, בייגעוואוינט א מיטינג פון דער דזשאינט עדיוקיישאנעל קאמיטע אין פילאדעלפיא, פון לאקאל 15 און לאקאל 69. דער מיטינג איז אפגעהאלטען גע־ווארען אין יוניטי סענטער, 38 נארד 11טע סטריט, און ער איז געווען גוט באזוכט. דר. פרידלאנד האט גערעדט וועגען דעם פראגרעס פון דער עדיוקיישאנעל ארבייט אין ניו יארק און האט דיסקוטירט דעם ציעל און צוועק פון דער טרייד יוניאן עדיוקיישאנעל ארבייט אין אלגעמיין. ער האט געגעבען זיין ספעציפישע מיינונג, און זיינע פארשלעגע, ווי עס זאל אמבעס־טען אנגעפיהרט ווערען די עדיוקיישאנעל קורסען אין פילאדעלפיא. די רעדזשיסט־רירונג פון די מיטגליעדער אין פילאדעל־פיא פאר די אינטערנעשאנעל קלאסען זעהט אויס גאנץ גוט, אפשר נאך בעסער ווי דא אין ניו יארק. טו לאמיר דעריבער אביסעל מעהר צוארבייטען אום אריינצו־קריגען וואס מעהר מיטגלידער אין אונ־זערע קלאסען..

שבת אווענט האט די קלאוק פינישערס יוניאן לאקאל 69, געגעבען א קאנצערט אין לולו טעמפעל. א גרויסער עולם איז גע־קומען און האבען גאנץ ענטוזיאסטיש אויפגענומען די קאנצערטיסטען, הערמאן וויינבערג, א פידעל שפילער און עסטעלע שריינער, א סאפראנא זינגערין. עס זיינען אויך געהאלטען געווארען צוויי אינטערעסאנטע רעדען. עס האט גערעדט מיסס פאניא מ. קאהן, אונזער וויים פרע־זידענטין און עקזעקוטיוו סעקרעטערי פון דער עדיוקיישאנעל קאמיטע און דר. פרדי־לאנד, אונזער עדיוקיישאנעל דירעקטאר. ביידע רעדנער האבען זיך באזונדערס אפ־געשטעלט אויף דער וויכטיגקייט און נויטיגקייט פון די עדיוקיישאנעל ארבייט און געגעבען צו פארשטעהן דעם עולם די פלע־נער פון דער אינטערנעשאנעל עדיוקיישא־נעל קאמיטע. זיי האבען אויך שטארק באטאנט, ווי נויטיג עס איז, אז וואס מעהר מיטגלידער זאלען זיך פאראינטע־רעסירען און מיטהעלפען אין דער אר־בייט; זיי זאלען זיך אליין רעדזשיסטרי־רען פאר די קלאסען און זאלען זעהן אז זייערע פריינד און באקאנטע זאלען דאס אויך טאן.

צום סוף פון דעם מיטינג און קאנצערט האבען א גרויסע צאהל מיטגליעדער פון לאקאל 69 אויף דעם געענטפערט מיט דעם וואס זיי האבען גלייך אויפ'ן שטעל איינגעשריבען זיך אין די קלאסען. דער מיטינג איז אין יעדער הינזיכט געווען צו־פרידענשטעלענד. אונזערע שוועסטער און ברידער פון פילאדעלפיא האבען אנ־גענומען די מאטא פון אונזער עדיוקיישא־נעל דעפארטמענט: „לערנט אייך רע־דזשיסטרירען! לעבט אום צו לערנען! לערנט אום צו לעבען!"

---

# פרעזידענט שלעזינגער'ס ערקלערונג אין באצוג דעם בריעף וואס ער האט געשיקט צו סעמועל אונטערמייער

ווען איהר לעזט פארזיכטיג דעם בריעף וועט איהר געפינען, אז דארטען ווערט ניט געזאגט קיין איין ווארט און עס ווערט ניט געגעבען קיין שבח דעם קאנדידאט אוירווינג אונטערמייער. איך רייד דארטען בלויז וועגען דעם פאטער, סעמועל אונ־טערמייער, און אלעס וואס איך זאג וועגען איהם, איז דער אבסאלוטער אמת, אויף וועלכען דער בעסטער סאציאליסט וועט זיך אונטערשרייבען.

דעם בריעף האב איך געשריבען אלס אן ענטפער אויף אן אנפראגע פון מר. סע־מועל אונטערמייער, אן אנפראגע, אויף וועלכער עס איז געווען מיין פליכט צו ענט־פערען אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל. אין דיזען בריעף האט ער זיך צו מיר געווענדעט, אלס מאן, וועלכער האט אונזער יוניאן אין די קריטישסטע מא־מענטען מאראליש און פינאנציעל געהאלפען, און פיעל געהאלפען — אלס אזויגער האט ער זיך צו מיר געווענדעט איך זאל ארויסרייידען מיין ווארט בנוגע די אטאקעס וואס ווערען איצט אויף איהם געמאכט אלס ראדיקאל, אלס א מיטעל צו שעדיגען זיין זוהן. אין דעם בריעף ווייזט ער אן ספעציעל אויף דעם פונקט, דאס דיזע אנגרייפער זיינע זוכען צו שטעלען אין א דונקעלע ליכט די גוטע ארבייט, וואס ער האט געטאן פאר די קלאוקמאכער אין דעם לאקאוט און סטרייק אין יאהר 1916. (כ'וויל דא פארבייגעהענדיג באמערקען, אז אין יענעם סטרייק האט מר. אונטערמייער געשטיצט די סטרייקערס מיט 2 טויזענד 5 הונדערט דאל. א וואך פון זיין אייגענעם פאקעט).

איך האב געפיהלט, אז עס איז געווען מיין פליכט אי אלס מענש, אי אלס פאר־שטעהער פון דער ארגאניזאציאן אויף דיזען בריעף צו ענטפערען, און צו זאגען אין דעם בריעף דעם אמת. און דער אמת איז, אז די לידיס גארמענט ארבייטער האבען סעמועל אונטערמייער'ן פיעל, זעהר פיעל צו פארדאנקען.

איך זעה ניט איין ווי אזוי א לאנישער מענש, א מענש, וואס זוכט ניט צו כאַ־פען פיש אין מוטנע וואסער, קען דיזען בריעף אויסטייטשען אלס אן אינדארסמענט פאר אונטערמייער'ס זוהן, וועהרענד אין דעם בריעף ווערט ניט מיט איין ווארט דער־מאנט די מעלות אדער חסרונות פון זיין זוהן. אלעס וואס איך שרייב דארט, איז בלויז אז איך פיהל, אז די אטאקעס וואס ווערען געמאכט אויף זיין זוהן אויף דעם ג ר ו נ ד, וואס ער, סעמועל אונטערמייער, האט געהאנדעלט פריינדליך צו ארביי־טער, וועט ניט נאר ניט שעדיגען זיין זוהן'ס קאנדידאטור, נאר וועט שאפען א גינס־טיגע עפענטליכע מיינונג.

דיזע פראזע איז ניט מעהר ווי אן אויסדרוק פון אנערקענונג פאר סעמועל אונטערמייער'ס ליבעראלע שטעלונג און האנדלונג און אן ערמוטיגונג, אז ער זאל אין דער צוקונפט אנגעהן מיט דער זעלבער ליבעראלער פאליסי זיינער.

ווען צו מיר וואלטען זיך געווענדעט מיט דער זעלבער ביטע ווי סעמועל אונ־טערמייער'ס, אזוינע פערזאנען ווי לואיס מארשאל, דזשייקאב שיף, דזשאדזש מעק. פעליקס אדלער, פראפעסאר קוירטשוועי, דזשאדזש בראנדייס, מיסעס ווילארד סטרייט, אללאן ראבינסאן און דר. מאגנעס, וואלט איך קיין אנדער ענטפער ניט גע־קענט געבען, ווי דעם וואס איך האב געשיקט צו סעמועל אונטערמייער.

דאס וואס דער בריעף איז פון דער דעמאקראטישער קאמפיין קאמיטע אפגעדרוקט געווארען אויף א פאטאגראפירטען לעטער־העד פון אונזער אינטערנעשאנאל מיט אן אונטערשריפט „גוט פאר אירווינג אונטערמייער", איז דאס געטאן געווארען אהן אירגענד וועמעס צושטימונג. דער פאקט איז, אז אזוי שנעל ווי מען האט אויפמערק־זאם געמאכט סעמועל אונטערמייער'ן וועגען דעם, האט ער באלד געמאכט אן עפענט־ליכע ערקלעהרונג, אז ער האט באדויערט דעם פאל און ער האט באלד געהייסען עס צוריק־ציהען.

איך האב אין דעם פאל אזוי ווי אימער געהאנדעלט אין די בעסטע אינטערעסען פון די צעהנדליגע טויזענדע מעמבערס פון אונזער אינטערנעשאנאל און פון דער אר־בייטער באוועגונג אין אלגעמיין.

אפאינטען א קאמיטע פון פינף דעלעגאטען.

דער יונייטעד האספיטאל פאנד פארלאנגט שטיצע. דער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנץ־קאמיטע.

די פינאנץ קאמיטע באריכטעט, אז זי האט באשלאסען צו שטיצען דעם „עמאנסיפייטאר”, אן אויסגאבע פאר שווארצע ארבייטער, מיט 25 דאלאר. די רעקאמענדאציע ווערט גוטגעהייסען.

דער דזשאינט באארד נעהמט אויף די פראגע פון דעם פראטעסט־מיטינג, וואס וועט פארקומען דעם 24טען נאוועמבער, געגען די פאגראמען אין אוקראינע. אזוי ווי עס איז שפעט, ווערט די פראגע איבערגעשיקט צו דעם באארד אוו דירעקטארס.

רעפארט פון דעם באארד אוו דירעקטארס.

דזש. ראנקין, א גיט יוניאן דעזוינער פון דער פירמע לעסער אינפארמירט, אז מען האט איהם אומשולדיג באשטראפט מיט 50 דאלאר און ער פארלאנגט, אז מען זאל איהם דאס געלד צוריק אומקעהרען. ער ערקלעהרט, אז ער האט ניט געוואוסט, וואו די פירמע שיקט איהר ארבייט צו פרעסען. די פרעסערס פון דעם שאפ, באהויפטעט ער, האבען איהם אומזיסט פארמישט אין דעם קאמפליינט. אזוי ווי דער דעזוינער איז ניט קיין מעמבער פון אונזער יוניאן און זיין דזשאב האט ער אויך פארלארען, ווערט באשלאסען זיין פארלאנג צו באוויליגען.

מאקס קאראלינסקי, א מעמבער פון לאקאל 1, אינפארמירט, אז ער איז קראנק און ער דארף וועקפאהרען, דארום פארלאנגט ער פינאנציעלע שטיצע. זיין פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנץ קאמיטע.

דער באשלוס פון לאקאל 17, אז זייערע מעמבערס זאלען ארבייטען דריי שטונדען פאר די שטאל־סטרייקער ווערט אויפגענומען. דער באארד אוו דירעקטארס ערקלעהרט, אז דער באשלוס פון לאקאל 17 איז אין געגענזאץ צום באשלוס פון דזשאינט באארד. נאך דעם ווי די פראגע ווערט דיסקוטירט, ווערט באשלאסען, אז דער מענעדזשער פון אינדעפענדענט דעפארטמענט זאל ארויסשיקען א לעטער אין די ריפער שעפער אויפפאדערענדיג די מעמבערס ניט צו ארבייטען די דריי שטונדען ביז דער רעפערענדום־וואוט וועגען דעם 2 דאלאר־טעקס וועט זיין פאראיבער. די מעמבערס אין די אויבען דערמאנטע שעפער זאלען אויפגעפאדערט ווערען זיך צו באטייליגען אין דעם רעפערענדום־וואוט.

די פירמע פ. ס. און ל. מאנופעקטשורינג קא. פארלאנגט, אז אזוי ווי איהרע אלע ארבייטער זיינען מעמבערס פון לאקאל 25, פארלאנגט זי קאנטראלירט צו ווערען פון דעם אויבענדערמאנטען לאקאל. איהר פארלאנג ווערט צוריקגעוויזען.

ל. לאנגער, סעק.

## ארטיקלען איבער געזונד פראגען.

אוים מאנגעל אין פלאץ האט די וואך נים געקאנט ערשיינען דר. ב. דובאווסקי'ס ארטיקעל, דער ערשטער ארטיקעל פון א סעריע איבער געזונדהייטס פראגען. די ארטיקלען וועלען מיר אנפאנגען דרוקען נעקסטע וואך. — רעדאקציאן.

## ביליגע טעאטער טיקעטס

פאר דאנערשטאג ביינאכט און שבת בייטאג קענען מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנעל באקומען טיקעטס פאר א האלבען פרייז, אין דעם נייעם אידישען טעאטער. עס ווערט געשפיעלט דוד פינסקי'ס „דער שטומער משיח”.

ווייזט אין באקס אפיס אייער יוניאן קארד און איהר וועט באקומען די טיקעטס צו א האלבען פרייז.

# די ציעלען און פראבלעמען פון אונזער עדיוק. טעטיגקייט

פון דר. לואיס ס. פרידלאנד. (עדיוקיישאנאל דירעקטאר פון אונזער אינטערנעשאנאל.)

אין מיין ערשטען ארטיקעל וואס איך שרייב אלס עדיוקיישאנאל דירעקטאר פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, דענק איך, אז דאס בעסטע וואלט זיין איבערצוגעבען אין קורצען די איצטיגע טעטיגקייט און די פלענער פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. אלזא, דאס נאכפאלגענדע איז בלויז א דארשטעלונג פון אונזער עדיוקיישאנאל ארבייט אין דעם איצטיגען מאמענט.

אין די ארטיקלען וואס איך וועל שרייבען וועכענטליך נאך דיעזען, האב איך בדעה צוצושטעלען אין אלע איינצעלהייטען די ציעלען, דעם צוועק און די מעטאדען פון דער עדיוקיישאנאל ארבייט פון די טרייד יוניאנס. ביסלעכווייז דארפען מיר אומענדערען די בילדונגס און ערציהונגס פארמען, — אומענדערען דעם גייסט אזוי גוט ווי די ציעלען, אום עס זאל געשאפען ווערען אן עדיוקיישאנאל סיסטעם, וואס זאל זיין באזירט אויף די עקאנאמישע פאקטען פון אונזער לעבען. אנצונעהן מיט אונזער עדיוקיישאנאל ארבייט אויפ'ן זעלבינען אלט־מאדישען, אקאדעמישען אופן, וואלט געווען נוצלאז, וואלט ניט האבען קיין ווירקונג, ווייל עס שטימט ניט מיט'ן ווירקליכען לעבען פון דעם ארבייטסמאן און די ארבייטס פרוי. מיר האבען א גאנץ באשטימטען באזיס, אלס ארבייטער, אלס טרייד יוניאניסטען, אלס א טייל פון דער גרויסער אינדוסטריע, אלס מיטגליעדער פון פאמיליען און אלס בירגער פון דער געזעלשאפט. אויף דעם באזיס דארף אויסגעבויט ווערען די בילדונג און ערציהונגס סיסטעם פאר די ערוואקסענע ארבייטער.

עס וועט נעהמען צייט דורכצופיהרען די אומענדערונג אין די פרינציפען, ציעלען און מעטאדען פון ערציהונג און בילדונג. אבער דורך אונזער אלעמענס צוזאמענארבייטען, און מיט דער הילף פון יעדען מיטגליעד פון דער אינטערנעשאנאל, וועלען מיר האבען ערפאלג. עס איז א גרויסע, באגייסטערענדע ארבייט. מיר מוזען אלע צולעגען א האנד צום ראד און זיך פאראינטערעסירען מיט בילדונג, פונקט ווי מיט דער ארבייט אין שאפ. ווארים עס קומט אן די צייט, ווען די ארבייטער, סיי די וואס ארבייטען מיט די הענד, סיי די וואס ארבייטען מיט'ן קאפ, וועלען זיך פאראייניגען צו קאנטראלירען די אינדוסטריע. זיינען מיר צוגעגרייט פאר דעם? בלויז בילדונג, אמת'ע ארבייטער און טרייד יוניאן בילדונג, אמת'ע בילדונג פאר א פולערען, בעסערען לעבען, פאר א בעסערער מענשהייט, — בלויז דאס קאן אונז צופערטיגען פאר דער גרויסער ארבייט וואס שטעהט אונז פאר.

סוף כל סוף וועט זיין דער ציעל פון דער טרייד יוניאן ערציהונג, אומצובויטען דעם געוועהנליכען אקאדעמישען עדיוקיישאנאל סיסטעם, אין דער ריכטונג, לויט דער ענטוויקלונג פון די אינדוסטריעלע און עקאנאמישע אומשטענדען. דאס קאן נאר קומען לאנגזאם, צוביסלעכווייז, דאס מוז אבער אימער געהאלטען ווערען פאר'ן אויג, און עס דארף וועגען דעם דירעקט געטראכט ווערען.

דערווייל האט די עדיוקיישאנאל ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן צוויי אויסזיכטען. פון איין זייט זוכען מיר צו קריגען אזוי פיעל מיטגליעדער ווי נאר מעגליך, פאר אינטעלעקטועלער און קולטורעלער ערציהונג, און אויך פאר קערפערליכע איבונגען. דאס איז מאסען־ערציהונג און קאן אנגעפיהרט ווערען בלויז אויף א גרויסען מאסשטאב. דער צווייטער אויסזיכט איז, צו געבען א באזונדערס אויפמערקזאמע בילדונג אזעלכע וואס ווילען זיך ענטוויקלען פאר יוניאן־בעאמטע, פאר פיהרער, סעקרעטערע, ביזנעס אידזשענטס, מענעדזשערס און אזוי ווייטער. דא איז פאראן א געלעגענהייט פאר מענשען, וועלכע ווילען באקומען א מעהר ספעציאליזירטען, א מעהר סיסטעמאטישען עדיוקיישאן.

אין דעם לאנד, און מעגליך אין די מעהרסטע פון אונזערע טרייד יוניאנס, ווערט די עדיוקיישאנאל פראגע א סך קאמפליצירטער דורך דעם פאקט, דאס מיר האבען דא א גרויסען צוזאמענגעמיש פון פרעמד־שפראכיגע מענשען. דאס מאכט אונזער עדיוקיישאנאל ארבייט א סך שווערער. דאס מאכט אונז צו שענקען פיעל אויפמערקזאמקייט צו דער באזונדער אימיגראנטען פראבלעם; עס פאדערט זיך זיי צו באקאנען מיט די ארומיגע אומשטענדען, צי זיי זייגען ערשט ניט לאנג צוריק געקומען אהער, אדער זיי זייגען שוין דא א לענגערע צייט. דאס מיינט, ערשטענס, זיך צו פארנעהמען לערנען זיי די שפראך פון זייער נייע לאנד, וואס דאס גיט זיי א בעסערע באקאנטשאפט מיט אלעם פון ארום. דאס לערנען, דעריבער, ענגליש, פאר אנפאנגער און אדוואנסד, איז די ערשטע נויטוועגדיגקייט אין אונזער סיטואציע. דאס מיינט ניט אז אונזערע מיטגליעדער דארפען אויפגעבען זייער אייגענע שפראך, אין געגענטייל, זיי קריגען נאך צו נאך א לשון.

די טעטיגקייט וואס מיר פיהרען איצט אן אין אונזערע „יוניטי סענטערס”, ווי מיר רופען די פאבליק סקולס אין וועלכע מיר פיהרען אן א גרויסען טייל פון אונזער עדיוקיישאנאל ארבייט, שליסט אין זיך איין — ניט בלויז קורסען און קלאסען — מיר האבען אויך קאנצערטען, „פארומס” פאר דיסקוסיאנען, אווענדען פאר פאראייניגען אין זיך באלערנדע, באוועגליכע בילדער מיט קורצע רעדען וועגען זיי, וועלכע זייגען אפט איבער פראגען וואס האבען א שייכות צו אונזער אינדוסטריע. פונקט אזוי גוט האבען מיר אויך מוזיקאלישע אונטערהאלטען, וואס מאכט אונזער פראגראם פארשידענארטיג. מיר האבען אויך ניט אויסגעלאזען די דראמא און אום צו מאכען די זאך נאך מעהר אנציהענד, געהמען מיר אונזערע שילער גרופען־ווייז צו דראמאטישע און מוזיקאלישע פארשטעלונגען און נאכדעם האבען מיר וועגען דעם דיסקוסיאנען.

פאר די ספעציעלע, אויסגעקליבענע גרופען, וועלכע פארמירען אונזער „ארבייטער אוניווערזיטעט”, האבען מיר פארבערייט באזונדערע שטודיום־קורסען. אין דיעזע קורסען ווערט געשענקט א באזונדער אויפמערקזאמקייט צו די פראקטישע ארגאניזאציאנס־פראבלעמען, צו די לערען פון טרייד יוניאניזם, צו די לערען פון דער ארבייטער באוועגונג אין אלגעמיין, און אויך צו די ביזנעס מעטאדען, וואס האט א שייכות צו ארגאניזאציאנס־ארבייט. מיר רעכענען, דאס ביידע, די בעאמטע פונקט אזוי גוט ווי די געוועהנליכע מיטגליעדערשאפט, דארפען זיין גרייט צו עמפאנגען די נייע, אינדוסטריעלע סיטואציע, וועלכע פארמירט זיך איצט. מיר מאכען יעדען פארזוך צו באשאפען און אויסשפרייטען נייע ענערגיע, א ווילען צום לערנען און מעהר מאכט פאר דער ארבייטער באוועגונג. אויסער אנדערע מאכט עס נויטיג צו זיין באקאנט מיט דער ענטוויקלונג פון טרייד יוניאניזם, צו פארשטעהן די היינטיגע ארבייטער־פראבלעמען, עקאנאמיקס און אינדוסטריע; מען דארף פארשטעהן דעם אנגאנג פון דער פראדוקציאן, פון דער פארטיילונג פון די פראדוקטען און דעם פארברויך.

די פאלגענדע צוויי שוועריגקייטען שטעהען איצט אין וועג: ערשטענס די אויפקלערונג פונ'ם ארבייטער, ווי נויטיג עס איז פאר איהם בילדונג, אום מיט דער צייט זאלען מיר קאנען גרייכען די גרעסטע צאל פון אונזערע מיטגליעדער. דאס איז דער ווירקליכער פראבלעם. מיר זוכען דאס בייצוקומען אויף פארשידענע אופנים, אנדערעס דורך דזשאינט קאנפערענצען פון די עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון אלע אונזערע לאקאלס. דער קאנפערענץ האט אפט מיטינגען מיט'ן עדיוקיישאנאל דירעקטאר און די עקזעקוטיוו סעקרעטערו פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע. דיעזער קאנפערענץ שאפט א באזיס פאר דער צוזאמענארבייטונג פון אלע לאקאלס אין דער יוניאן אויף דעם עדיוקיישאנאל געביט. דורך דעם דערוויסען מיר זיך וואס יעדער באזונדער לאקאל דארף און מוז וויסען וואס איהם צו געבען. אבער א חוץ דעם האבען מיר נאך אויך אן עקזעקוטיוו קאמיטעט, וואס באשטעהט פון אלע סעקרעטערע פון די לאקאל עדיוקיישאנאל קאמיטעס, וועלכע באזארגען אלע סעקרעטער־ארבייטען בנוגע דער עדיוקיישאנאל ארבייט און אויך זיי העלפען אונז פארשפרייטען די בשורה פון טרייד יוניאן ערציהונג.

די צווייטע שוועריגקייט וואס מיר האבען בייצוקומען, איז וואס עס זיינען נאך ניטא קיינע טעקסט־ביכער, וועלכע זאלען זיך פאסען פאר דעם צוועק. מיר גרייטען זיך צו אויך דאס בייצוקומען און מיר האפען, דאס עס וועט ניט נעהמען לאנג און מיר וועלען אזעלכע טעקסט ביכער האבען, וואס וועלען זיין צוגעפאסט צו דינען דעם צוועק.

מעגליך אז דאס וואס מיר האבען דא פארגעלעגט, איז ניט קיין גענינגענדע סר־מירונג פון דער ארבייט, ווי עס איז שוין איצט ארגאניזירט. די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן האט אנגעפאנגען די טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ארבייט אין דעם לאנד. און כאטש מיר קאנען נאך א סך לערנען פון ענגלאנד און אנדערע לענדער אין באצוג בילדונג צווישען דערוואקסענע מענשען, זיינען מיר דאך איבערצייגט, דאס אונזער אויפגאבע האט אין ערגעץ קיין גלייכען ניט. אונזער ארבייט איז א סך מעהר קאמפליצירט, ווי אין יענע לענדער וועלכע האבען ניט אזא געמישטע באפעלקערונג. אין אט דער קורצער דארלעגונג האבען מיר אויסגעדריקט די האפנונג, און דעם ציעל און צוועק פון דער אונטערנעמונג.

## א שלום ווארט.

(די שייכות פון דער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל ארבייט צו ארבייטער־בילדונג אין אמעריקא בכלל.)

ווי מיר האבען שוין פריהער באמערקט, איז די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן געווען די ערשטע אין אונזער לאנד אנצופאנגען געבען די ארבייטער א סיסטעמאטישע בילדונג, מיר האבען אבער קיין מאל אין זינען ניט געהאט אבצוזונדערען אין גאנצען אונזער עדיוקיישאנאל ארבייט, פון איין זייט, פון דעם ברייטען שטראם פון עפענטליכער, אלגעמיינער בילדונג, און פון דער צווייטער זייט, פון דער מעהר ספעציפישער, זיך אויסברייטערענדער טרייד יוניאן בילדונג. געהענדיג אין אונזערע פוס טריט, האבען די אנדערע טרייד יוניאנס פון ניו יארק, ווי די יוניאנס פון באסטאן, שיקאגא, לאס אנדזשעלעס, וואשינגטאן, סיאטעל און נאך אנדערע שטעט אין ווייטען וועסט, — געגרינדעט ארבייטער אוניווערזיטעטען. מיר זוכען צו פארבינדען די נאהענטסטע באציהונגען, וואס איז נאר מעגליך, מיט אלע די וואס ארבייטען אין דער זעלבער ריכטונג. אונזער אינטערנעשאנאל איז גענייגט זיך אין גאנצען אפצוזונדערען מיט דער ארבייט. מיר זיינען מיט דער מיינונג, דאס אן אנשטרענגונג זאל געמאכט ווערען פאר דער צוזאמענארבייטונג פון דער טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ארבייט; מען וואלט געקענט צוזאמען שאפען די נויטיגע טעקסט ביכער און נאך אנדערע זאכען וואס וואלט געווען פון גרויס נוצען פאר דער גאנצער טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל באוועגונג אין אמעריקא. בלויז דורך בילדען און ערציהען, ניט נאר פון די בעאמטע פון די יוניאנס, זאנדערן פון דער „ראנק ענד פייל” קען די טרייד־יוניאן באוועגונג אנהאלטען דעם פלאץ און פארגרעסערען איהר איינפלוס אויף דעם גאנצען געזעלשאפטליכען בנין.

לואיס ס. פרידלאנד, פה. ד.
עדיוקיישאנאל דירעקטאר [illegible]

**GERECHTIGKEIT**
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr
Subscription price paid in advance, $1.50 per year.
VOL. I. No. 45. NEW YORK, FRIDAY, NOVEMBER 21, 1919.
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

# די וואך

פון נ. בוכוואלד.

## וויסער טעראר.

פון טאג צו טאג ווערען די אטאקעס אויף אלעם וואס איז פראגרעסיוו און ראדיקאל אלץ שטארקער און ווילדער, אלץ מעהר חוצפה'דיג און ברוטאל. די נייע אפענסיווע געגען די „רויטע", וואס האט זיך אנגעהויבען פאר צוויי וואכען, ערב דעם צוויי־יאהריגען געבורטס טאג פון דער סאוועטען־רעגירונג אין רוסלאנד, נעהט נאך אלץ אן, און פון יעדען וויג־קעל פון לאנד הערט מען וועגען פאר־ברעכענס, שווערליכקייטען און נידער־טרעכטיגקייטען, וואס ווערען באגאנגען געגען פראגרעסיווע פערזאנען און ארגא־ניזאציעס אין נאמען פון אויסראטען די רויטע.

פיליכט איז דאס בלויז א צוזאמענ־פאל, אבער די ארגאניזירטע אפיציעלע אפענסיווע געגען דער ארבייטער באוועגונג מצד דער רעגיערונג פון די פאראיי־ניגטע שטאאטען, דער פאגראם אויף די רעכט פון די ארבייטער, וואס איז גע־מאכט געווארען אין דער פארם פון אינ־דזשאנקשאנס און געריכט אוקאזען גע־גען די סטרייקענדע קויהלען מיינערס; און די אטאקעס און אבלאוועס אויף ראדיקא־לען זיינען געמאכט געווארען אין דער זעלבער צייט. און אויב איהר צווייפעלט, אז עס איז דא וועלכע עס איז פארבינ־דונג צווישען די צוויי באזונדערע אפענ־סיוועס, קומט די אמעריקאנער פרעסע און זאגט אייך אז אזא פארבינדונג איז יא דא, אז די ארבייטער אין זייער בונט געגען די בעלי הבתים זוכען צו דער־גרייכען די זעלבע צוועקען, פאר וועלכע די „רויטע" אגיטירען און אז פאלגליך איז די אפענסיווע פון דער רעגירונג גע־גען די ארבייטער און די פאגראמען אויף סתם ראדיקאלען געווענדעט אין דער זעל־בער ריכטונג.

די אבלאוועס און ברוטאלע אטאקעס אויף ראדיקאלע פערזאנען און ראדיקאלע ארגאניזאציעס ווערען געמכט אונטער דעם אויסרייד, אז אין לאנד ווערט צוגעגרייט א פארשווערונג צו פארניכטען די רע־גירונג דורך גוואלד. מען רעדט דעם עולם איין אז דאס לאנד איז אין געפאהר, אז די עלעמענטען פון געוואלד און טעראר זיינען לעצטענס געווארען זעהר טעטיג און אז מען דארף זיי איינמאל פאר אלע מאל איבערהאקען די הענט. און דער בייזער שיקזאל אדער די משוגעת פון א פאר פערזאן האט די „געזעץ און ארד־נונג" פאגראמשטשיקעס געגעבען נאך א געוועהר אין האנד. אין צענטראליא, א קליין שטעדטעל אין וואשינגטאן סטייט, זיינען א פאר געוועזענע סאלדאטען דער־הרג'עט געווארען בעת עס איז אפגעהאל־טען געווארען א פאטריאטישער פאראד. אין דעם מארד האט מען באשולדיגט די ארטיגע א. וו. וו., און באלד אויפ'ן פלאץ האט מען געלינטשט דעם ארטיגען פיה־רער פון דער דאזיגער ארגאניזאציע. אין דער צייט ווען מען קערט וועלטען, אז אלצדינג מוז געטאן ווערען אויף א שטרענג געזעצליכען אופן, אנערקענט מען אבער פאר רעכט און „פאטריאטיש", וואס מען האט א מענשען געלינטשט אהן שום משפט און וואס מען באשולדיגט די אדער יענע גרופע פערזאנען נאך איידער די מינדעסטע אונטערזוכונג איז געמאכט גע־ווארען. דאס געזעץ גילט אר ווען עס קען אנגעווענדעט ווערען געגען ראדיקא־לען און ארגאניזירטע ארבייטער. דאן איז דאס הייליג און אומבאריהרבאר. ווען עס קומט אבער צו א געיעג אויף ראדי־קאליזם אדער א פאגראם אויף ארבייטער ארגאניזאציעס מעג מען, ניין מען דארף, דאס געזעץ פארבייגען, אדער זאגאר איב־נאנצען איגנארירען.

די וואקכאנאליע פון „רויט־זוכעניש" איז באזונדערס ווילד און באזונדערס אפ־שטויסענד אין ניו יארק סטייט. דא הא־בען מיר, פארשטעהט איהר, די לוסק קא־מיטע, א קערפערשאפט וואס וועט אין דער געשיכטע פארצייכענט ווערען אלס דער פינסטערסטער אויסדרוק פון רע־אקציע אין אמעריקא. אנגעלאדען מיט אן ערלויבניש פון אונזער יוסטיץ־מיניס־טער פאלמער, וועלכער האט זיך אזוי בא־ריהמט געמאכט מיט זיינע באמיהונגען צו ברעכען דעם מיינער סטרייק, האבען זיך די לוסקערס א לאז געטאן איבער ניו יארק, באפאלען די פלעצער וואו ראדי־קאלע פערזאנען פארברענגען, און ארעס־טירט אריבער טויזענד פון זיי. נאטיר־ליך האט מען אויך פארכאפט גאנצע בערג „געפעהרליכע" „גוואלד" „פרעדיגענדע" פראפאגאנדא ליטעראטור, וואס יעדער איינער האט צו יעדער צייט געקאנט בא־קומען אין די בוך קראמען און אויף די סטענדס. פון די טויזענד ארעסטירטע האט מען בלויז 30 פארהאלטען און פון די דרייסיג זיינען ערנסטע קלאגעס גע־מאכט געווארען בלויז געגען צוויי — לאר־קין, א באוואוסטער איירישער ראדיקאל און גיטלאוו, א מיטגליד פון דער קאמוניס־טישער פארטיי. ביידע זיינען געשטעלט געווארען אונטער 15,000 בייל און עס הערט זיך, אז זיי ווילען זיך ניט באנוצען מיט בייל און ווילען בעסער בלייבען אין טורמע. דער הויפט שטאדט־מאגיס־טראט (א נידריגער ריכטער אמט) מעק־עדו, האט גע'פסק'ענט אז די 7500 מיט גליעדער פון דער קאמוניסטישער פאר־טיי קענען אלע פארפאלגט ווערען אויף דעם גרונד אליין, וואס זיי זיינען מיטגליעדער פון דער דאזיגער פארטיי. עס מוז דא באמערקט ווערען אז די פרא־גראם פון דער קאמוניסטישער פארטיי איז אויסדריקליך געגען גוואלד אלס א מיטעל צו פארכאפען די רע־גירונג.

## מען גראבט קיין קויהלען ניט.

עס איז גאנץ מעגליך אז נאך אלע זיע־גען וואס די רעגירונג האט אויף אזא סקאנדאליעזען אופן פאר זיי אויסגע־קעמפט וועלען זיך, די קויהלען־בעראנען מוזען בויגען און נאכגעבען די מעהרס־טע פון די פאדערונגען פון די סטריי־קענדע מיינערס. דער געריכט באפעהל צוריקצורופען דעם סטרייק איז פינקטליך אויסגעפיהרט געווארען פון די מיינערס' פיהרער, אויף דעם גרונד וואס „מיר זיי־נען אמעריקאנער און קענען זיך ניט שטע־לען געגען דער רעגירונג", אבער בלויז נאראנים אדער משוגעים האבען געגלויבט אז די מיינערס וועלען דעם צוריקרוף נעה־מען ערנסט. עס איז דאך געווען קלאהר, אז די רעגיערונג האט די פיהרער גע־כאפט ביים גארגעל און זיי געצוואונגען צו פאלגען דעם באפעהל, צו אונטערשריי־בען א פאררעט דאקומענט געגען די הונ־דערטער טויזענדער ארבייטער וואס זיי פארטרעטען. צי דאס איז געווען קלוג פון זייער זייט צי ניט, די פארשטעהער פון די יונייטעד מיין ווארקערס אוו אמע־ריקא האבען באשלאסען צו פאלגען דעם געריכט אוקאז און הייסען די מיינערס צוריקקעהרען זיך צו דער ארבייט. אבער די מיינערס האבען גאנץ גוט פארשטאנען אז דאס איז ניט דער וואונש פון זייערע פיהרער. דער וואונש פון די פיהרער אזוי גוט ווי פון די האלב מיליאן ארבייטער איז קלאהר אויסגעדריקט געווארען צו־ערשט אויף דער קאנווענשאן אין קליוו־לאנד און דער נאך אין דעם סטרייק רוף. און אט דעם וואונש פאלגען די מיינערס. זיי סטרייקען, זיי דענקען ניט אויפגעבען דעם סטרייק ביז זייערע פא־דערונגען וועלען ניט נאכגעגעבען ווע־רען.

די רעגירונג און די קויהלען־אפעריי־טארס האבען, נאטירליך, גאנץ גוט גע־וואוסט, אז דער געריכט אוקאז וועט דעם סטרייק ניט ענדיגען, און א קאנפערענץ צווישען די מיינערס פארשטעהער און די אפערייטארס איז אויף שנעל גערופען געווארען. אויף דער קאנפערענץ הא־בען די פיהרער פון די מיינערס געשטעלט אלץ די זעלבע פאדערונגען — 60 פרא־צענט העכערונג אין ווידזשעס און א זעקס־שטונדיגען ארבייטס־טאג. שוין עטליכע טעג אז די קאנפערענץ ציהט זיך, און נאך האבען זיי פון זייערע פאדערונ־גען ניט ארונטערגעלאזט. אויב מארא־ליש זיינען די פיהרער פון די מיינערס אפגעשמיסען געווארען פון דער רעגי־רונג, זיינען זיי אבער פונקט אזוי שטארק ווי פריהער. אין די ערשטע פאר־קאנ־פערענצען האבען זיי געזאגט: „אדער מיר קריגען אלע פאדערונגען אדער מיר סטרייקען." איצט קענען זיי ניט זאגען „אדער מיר סטרייקען." אבער דאס ווערט פאר זיי ניט בלויז געזאגט, נאר מאכי געטאן פון די מיינערס גופא. זיי ריהרען זיך ניט פון ארט. זיי ווארטען אויף די רעזולטאטען פון דער קאנפע־רענץ.

די לאגע איז א גאנץ אינטערעסאנטע. פון איין זייט קענען זיך די פארשטעהער פון די ארבייטער ניט העלפען און מוזען זיך ענטזאגען פון דעם סטרייק אלס א לעצטען מיטעל; פון דער אנדערער זייט באנוצען זיי זיך מיט דעם סטרייק אלס

א פאקט און ווילען זיך ניט א ריהר טאן פון זייער פריהערדיגער פאזי־ציע. די טישען האבען זיך אומגעקע־רעהט. די רעגירונג און די קויהלען־מאגנאטען זיינען איצט אין א מאדנער לאגע. זיי האבען אויסגעפיהרט זייערס און איצט ערשט מוזען זיי זיך בויגען פאר די ארבייטער, וועמען זיי האבען בא־קעמפט. ווען די לאגע וואלט ניט געווען אזא ערנסטע, וואלט דאס ווירקליך געווען אן אויסגעצייכענטע קאמעדיע. אבער די לאגע איז נאך אלץ א גאנץ ערנסטע. דער סטרייק איז אין פולער קראפט. דער מאנ־געל אין קויהלען ווערט אלץ גרעסער. דער סטרייק וועט אנהאלטען אזוי לאנג, ווי די קויהלען־מאגנאטען וועלען בלייבען איינגעשפארט. די רעגירונג האט גע־טאן אלצדינג דעם סטרייק צו ברעכען. אבער עס האט זיך איהר ניט איינגעגע־בען דאס צו טאן. פאלמער האט געזאגט אז א סטרייק אהן פיהרער קען ניט אנ־האלטען. פיליכט. אבער די מיינערס האבען באוויזען, אז טראץ אלעמען „קענט איהר מיט קיין אינדזשאנקשאנס קיין קויהלען ניט גראבען."

## דער געבראכענער פארשפרעכען.

אין דעם לעצטען נומער פון דער „ניו רעפאבליק" געפינען מיר אויף דעם פא־דערבלאט די פאלגענדע פיעל־באדייטענדע עטליכע ווערטער:

„איך בין באפאלמעכטיגט פון דעם סעקרעטערי אוו לייבאר, מר. ווילסאן, צו זאגען, אז די אדמיניסטראציע טייטשט ניט אויס דעם דאזיגען ביל אלס א פאר־באט פון סטרייקס און פרידליכען פיקע־טען, און וועט דעם ביל אזוי ניט אויס־טייטשען, און אז דער יוסטיץ דעפארט־מענט טייטשט אזוי ניט אויס דעם ביל און וועט דעם ביל אזוי ניט אויסטיי־טשען".

קאנגרעשאנאל רעקארד, פינף־און זעכציגסטער קאנגרעס, ער־שטע סעשאן, זייט 5904.

„דער ביל" — דאס איז דער לעווער געזעץ, אויף דעם גרונד פון וועלכען די אינדזשאנקשאן געגען די מיינערס איז ארויסגעגעבען געווארען. די ווערטער גע־הערען צו סענאטאר האסטינג און זיינען ארויסגעזאגט געווארען אויף דעם פלאר פון סענאט ווען דער ביל האט געהאלטען ביים דורכגעהן.

קאמענטארען זיינען קוים נויטיג.

**True translation filed with the Postmaster at New York City on Nov. 21, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."**

## מארטענס מאכט א פראקטישען פאר־שלאג.

דער לעצטער אויפטו פון דער לוסק קאמיטע איז נאך אן אטאקע אויף דער סאוועט־ביורא אין ניו יארק. מארטענס, דער פארשטעהר פון דער סאוועטען רע־גירונג, האט זיך ענטזאגט ארויסצוגעבען די קארעספאנדענץ צווישען איהם און דער סאוועטען רעגירונג. אויף דעם פאר־לאנג פון דער לוסק קאמיטע איז ער דער־פאר ארעסטירט געווארען און איז ארויס־געלאזט געווארען אונטער טויזענד דאלאר בייל.

אויף דעם פארהער האט די קאמיטע ווידער געפאדערט מארטענס אפיציעלע קארעספאנדענץ און ער האט זי דאס מאל ארויסגעגעבען. אבער די לוסקערס זיי־נען נאך מיט איהם נישט פארטיג. זיי האבען ערקלערט, אז זיי וועלען זוכען מארטענס'ן צו דעפארטירען.

און אז עס האט שוין געהאלטען דער־ביי, האט מארטענס פארעפענטליכט א בריעף, וואס ער האט געשיקט צו סעק־רעטערי אוו סטיט לענסינג, אין וועלכען ער שלאגט פאר דער רעגירונג אפצו־שיקען קיין רוסלאנד אויף דעם חשבון פון דער סאוועט ביורא, אלע „נישט־גע־ווינשטע" רוסישע בירגער און אלע ביר־גער פון סאוועט רוסלאנד, וואס ווילען זיך צוריקקעהרען א היים. דאכט זיך, א פראקטישער פארשלאג. די רעגירונג טענה'ט דאך, אז די „פאראינערס" וואס זיינען אנהענגער פון די באלשעוויקעס, מאכען אן צרות און מען דארף פון זיי פטור ווערען, זיי ארויסשיקען פון לאנד. טא זאגט מארטענס, אז ער וועט דער רעגירונג פארשפארען די הוצאות און וועט זיי אליין אפשיקען פון וואנען זיי זיינען געקומען. אבער אין סטיים דעפארטמענט וויל מען דעם פארשלאג ניט אננעהמען, ווייל דאס וואלט געהייסען אז מען אנ־ערקענט מארטענס'ען פאר אן אפיציע־לער פערזאן, און עס וואלט אויך געמיינט די טיילווייזע אנערקענונג פון הצד סא־וועט־רעגירונג. און נאך א זאך. אז מען שיקט די רוסישע ראדיקאלען ארויס פון לאנד, שיקט מען זיי קיין סיביר אדער אין אנדערע געגענדען אין די הענד פון קאנטר־רעוואלוציאנערען. פון דארטען קומען שוין די צוריקגעשיקטע קיין לעבע־דיגע ניט ארויס. ווייל די רעגיערונג, ווייזט אויס, ניט נאר פטור ווערען פון זיי, נאר אויך זיי איבערגעבען אין געהע־ריגע הענד.

# דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן

עס ווערען אויפגענומען קאמיטעס.

א קאמיטע פון די פיאנא־סטרייקער אינפארמירט, אז זיי זיינען עטליכע טוי־זענד ארבייטער אין סטרייק און זיי פאר־לאנגען פינאנציעלע שטיצע. זייער פאר־לאנג ווערט איבערגעגעבען צו דער פי־נאנץ־קאמיטע.

די פאראייניגטע דראגיסט־ארבייטער אינפארמירען, אז זיי זיינען אין סטרייק פאר בעסערע קאנדישאנס און זיי פאר־לאנגען פינאנציעלע און מאראלישע שטיצע. וואס אנבאלאנגט פינאנציעלע שטיצע ווערט די פראגע איבערגעגעבען צו דער פינאנץ קאמיטע. וועגען מא־ראלע שטיצע ווערט באשלאסען, אז א רעזאלוציע זאל ארויסגעשיקט ווערען אין די צייטונגען אויפפאדערענדיג אונזערע מעמבערס צו קויפען זייערע „דראגס" אין די דראג־סטארס, וועלכע האבען גע־סעטעלט מיט דער דראגיסט־יוניאן.

א קאמיטע פון דער צענטראלער קערפערשאפט פאר באפרייען די פאלי־טישע פריזאנערס אין אמעריקא פאר־לאנגט שטיצע. גענאסע לאנג איז איי־נער פון דער קאמיטע. די קאמיטע ער־קלעהרט, אז די באוועגונג צו באפרייען גענאסע דעבס און די אנדערע ראדיקא־לען, וואס זיצען יעצט אין פריזאן פאר זייער שטעלונג צו געוויסע פאסירונגען דא אין לאנד, ווערט אנגעפיהרט פון דער גאנצער טרייד־יוניאן באוועגונג אין אמעריקא. די קאמיטע ערקלעהרט, אז עס קויטיגט זיך זעהר א סך געלד און זי האפט, אז דער דזשאינט באארד וועט העלפען דער באוועגונג, ווי ער העלפט אנדערע באוועגונגען. דער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנץ־קאמיטע.

לאקאל 17 אינפארמירט, אז זיי הא־בען ארייגעשיקט 6,000 דאלאר צו דער אינטערנעשאנאל פאר די שטאל־סטריי־קער. דער טשערמאן ערקלעהרט דעם לאקאל, אז ער וועט דארפען ארייגשיקען צום דזשאינט באארד צו צוויי דאלאר פער קאפ פאר יעדען פון זיינע מעמבערס.

לאקאל 21 אינפארמירט, אז זייערע מעמבערס האבען גוטגעהייסען דעם צוויי דאלאר־טעקס פאר די שטאל־סטרייקער מיט א גרויסער מאיאריטעט.

לאקאל 48 אינפארמירט, אז לאקאל 17 האט נאך ביז היינט ניט אויסגע־פאלגט דעם באשלוס פון דעם דזשענע־ראל עקזעקוטיוו באארד צו טראנספע־רירען אלע איטאליענישע מעמבערס פון לאקאל 17 צו לאקאל 48. דער לאקאל פארלאנגט, אז דער דזשאינט באארד זאל זעהן, דאס דער באשלוס פון דזשע־נעראל עקזעקוטיוו באארד זאל דורכגע־פיהרט ווערען. דער צושריפט ווערט איבערגעשיקט צו דעם באארד אוו די־רעקטארס.

די אינטערנעשאנאל פארלאנגט, דאס דער דזשאינט באארד זאל אפאינטען א קאמיטע פון דריי צו איהר עדיוקיישא־נאל דעפארטמענט. דער טשערמאן ווערט בעאויפטראגט אזא קאמיטע צו אפאינטען.

די פאראייניגטע אידישע געווערק־שאפטען לאדען איין דעם דזשאינט באארד צום באנקעט, וואס ווערט געגע־בען צור עהרע פון ברודער ב. וויינ־שטיין לכבוד זיין 35־יעהריגער טעטיג־קייט אין דער ארבייטער־באוועגונג. דער טשערמאן ווערט בעאויפטראגט צו

# אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

בולעטין פון דער וואך אנפאנגענדיג דעם 17טען נאוועמבער, 1919.

**איסט סייד יוניטי סענטער**, פאבליק סקול 63, 4טע סט. לעבען 1טער עוו. דאנערשטאג דעם 20טען נאוועמבער, 7.45 אבענד, צווייטער לעקטשור פון עללען א. קענאן, ווענען בערנארד שאו'ס דראמא „ווי מען האט חתונה".

**בראנקס יוניטי סענטער**, פאבליק סקול 54, פרימאן סט. און אינטערוויל עוועניו. דאנערשטאג, נאוועמבער דעם 18טען, 9 אוהר אווענד, א לעקטשור איבער טרייד יוניאניזם פון מיס מארגארעט דעניעלס. — פרייטאג אבענד, 7.45 אוהר, דעם 21טען נאוועמבער, צווייטער לעקטשור פון מרס. אלגא מארקס, ווענען צוויי פיעסען פון צוויי אידישע שרייבער: שניצלער'ס „פראפעסאר בערנארדי" און דוד פינסקי'ס "דער אוצר".

שבת, דעם 22טען נאוועמבער, 1.30 נאכמיטאג, ערשטער לעקטשור פון דר. ע. אנא ראי־ראבינסאן, איבער „געזונד־צושטענדע אין שאפ און אין דער היים — פאך־קראנקהייטען.

**בראנזוויל יוניטי סענטער**, פאבליק סקול 84, גלענמאר און סטאון עוועניו, ברוקלין. דאנערשטאג דעם 20טען נאוו. אום 7.45 אבענד, פראנק טאנענבוים'ס צווייטע לעקטשור איבער „די קאנסערוואטיווע פונקציאן פון דער ארבייטער באוועגונג".

פרייטאג, דעם 21טען נאוועמבער, אום 7.45 אבענד, צווייטער לעקטשור פון מיס עללען א. קענאן, בערנארד שאו'ס „ווי מען האט חתונה".

**וויסט מאכער יוניטי סענטער**, פאבליק סקול 40, 320 איסט 20טע סט. פרייטאג דעם 21טען נאוועמבער, אום 8 אוהר אבענד, צווייטער מיטינג פון דעם קלאס צוזאמען מיט דר. אלגין. דיסקוסיאן ווענען הויפטמאן'ס דראמא „איינזאמע מענשען".

---

בולעטין פון דער וואך אנפאנגענדיג דעם 24טען נאוועמבער, 1919.

**איסט סייד יוניטי סענטער**, פאבליק סקול 63, 4טע סט. לעבען 1טע עוו. דינסטאג דעם 25טען נאוועמבער, 9 אוהר אבענד, דריטער ליקטשור פון פרענק טאנענבוים. טעמא: „פראגרעסיווע און קאנסערוואטיווע ארבייטער באוועגונגען".

**בראנקס יוניטי סענטער**, פאבליק סקול 54, אינטערוויל עוו. און פרימאן סטרים. דינסטאג, דעם 25טען נאוועמבער אום 9 אוהר אבענד, צווייטער לעקטשור פון מרס. ליליען סאסקין ראדזשערס. „ארבייטער ארגאניזאציאנען אין די פאראייניגטע שטאאטען".

פרייטאג אבענד דעם 25טען, אום 7.45 אוהר, דריטער לעקטשור פון מרס. אלגא מארקס: טאלסטאי'ס „די מאכט פון פינסטערניש".

שבת דעם 29טען נאוועמבער, 1.30 נאכמיטאג. צווייטער לעקטשור פון דר. אנא ע. ראי־ראבינסאן. „טרינק וואסער און ווענטילאציע".

**בראנזוויל יוניטי סענטער**, סטאון און גלענמאר עוו. פאבליק סקול 84.

מיטוואך אבענד, 8.45, דעם 26טען נאוועמבער. דריטער לעקטשור פון פרענק טאנענבוים. „פראגרעסיווע און קאנסערוואטיווע ארבייטער באוועגונגען".

פרייטאג אבענד, דעם 29טען נאוועמבער, אום 7.45 אבענד. דריטער לעקטשור פון מיס עללען א. קענאן, ווענען גרענוויל בארקערס דראמא: „פארשווענדונג".

**וויסט מאכער יוניטי סענטער**, סקול 40, 320 איסט 20טע סט.

דינסטאג דעם 25טען נאוועמבער, אום 8.45 אבענד. צווייטער לעקטשור פון דר. אנא ע. ראי־ראבינסאן. „טרינק וואסער און ווענטילאציע, קליידונג, זומער און ווינטער".

מיטוואך אבענד דעם 26טען נאוועמבער, א לעקטשור איבער טרייד יוניאניזם פון מרס. ליליען ס. ראדזשערס.

פרייטאג דעם 28טען נאוועמבער, 8 אוהר אבענד. דריטער קלאס־דיסקוסיאן מיט דר. אלגין ווענען דער נייער צוויי אקטיגער דראמא פון שלום אש וואס ווערט אויפגעפיהרט אין דעם נייעם אידישען קונסט־טעאטער.

*

דער דריטער מיטינג פון דעם באשטענדיגען קאנפערענץ פון די עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון די ניו יארקער לאקאלס איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען שבת נאכמיטאג, דעם 15טען נאוועמבער, אין דער קאונסול רום פון אינטערנעשאנאל אפיס, 31 יוניאן סקוער.

די טשער איז געפיהרט געווארען פון מיס פאניא מ. קאהן, עקזעקוטיוו סעקרעטערי פון דער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל קאמיטע. א חוץ די מיטגלידער פון די לאקאל עדיוקיישאנאל קאמיטעס איז אויף דעם מיטינג אנוועזענד געווען דר. פרידלאנד, דער עדיוקיישאנאל דירעקטאר. מרס. רעטינג, פון דער וויסט מאכער יוניאן און מר. קאראש, א פארטרעטער פון דעם נייעם אידישען קונסט־טעאטער. ער איז געקומען איבערגעבען צום מיטינג די קאנדיציאנען ווענען די אראנזשמענטס מיט דעם „נייעם טעאטער" צו באקומען טיקעטס פאר האלבע פרייזען, צו די פארשטעלונגען וואס ווערען דארט געגעבען, דאנערשטאג אבענד און שבת מאטינע. אין א פאר טעג ארום וועלען די טיקעטס זיין אין אפיס.

לאקאלס וואס ווילען נעהמען אין געוויסע אבענדען א גאנצע פארשטעלונג פאר זיך, קאנען דאס טאן, זיי וועלען באקומען די טיקעטס צו גאנץ בילינע פרייזען. די לאקאלס וואס האבען בדעה דאס צו טאן ווערען געבעטען זיך דורכצושרייבען מיט דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

דר. אלגין'ס קלאס, יעדען פרייטאג אווענט, אין דעם וועסטמאכער יוניטי סענטער, פאבליק סקול 44, 320 איסט 20טע סטריט, וואו ס'ווערט דיסקוטירט די פיעסען וואס ווערען געשפיעלט אין דעם נייעם אידישען קונסט טעאטער, ווערט גאנץ גוט באזוכט. דער קלאס איז גאנץ גיך פאפולער געווארען.

דר. פרידלאנד האט אויף דער דזשאינט קאנפערענץ באקאנט געמאכט, דאס דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איז געלונגען צו באקומען טיקעטס פאר האלבע פרייזען פאר אונזערע מיטגליעדער, פאר די סימפאניע קאנצערטען וואס ווערען דיריזשירט פון מאקס דזשייקאבס אין עאליען האל. דער ערשטער פון דיזע קאנצערטען וועט שטאטפינדען דעם 23טען נאוועמבער, 3 אוהר נאכמיטאג. א 1.50 ת. טיקעטס קען מען באקומען פאר 75 סענט און א דאלאר טיקעט פאר 50 סענט. די טיקעטס קען מען באקומען אין די יוניאן אפיסעס פון די לאקאלס. אלע די וואס וועלען נאך האבען מעהרערע טיקעטס, זאלען זיך ווענדען צו אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

צוליעב א מיספארשטענדניס, איז לעצטען שבת בייטאג, דעם 15טען, ניט אפגעהאלטען געווארען קיין לעקטשור אין דעם בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקול 54. דעם שבת בייטאג, 1.30, דעם 22טען נאוועמבער, וועט [illegible] ראי־ראבינס דארט לעקטשורען איבער "העלט און סעקס עדיוקיישאן". אלע זיינען געבעטען צו קומען צום לעקטשור אין צייט.

אייניגע אנדערע וויכטיגע פראגען זיינען אויף דעם דזשאינט קאנפערענץ אויפגענומען געווארען. צווישען אנדערע האט דר. פרידלאנד באקאנט געמאכט, דאס מיט'ן אנפאנג פון נעקסטען טערמין, דעם 2טען יאנואר, וועט געעפענט ווערען נאך א יוניטי סענטער אין הארלעם. דער יוניטי סענטער וועט זיין ווארשיינליך אין דער פאבליק סקול אויף לעקסינגטאן עוועניו און 106טע סטרים. די עפענונג פון דעם יוניטי סענטער ווענדט זיך אבער, צי אונזערע מיטגלידער וועלען עס פארלאנגען. דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט גלויבט, אז אזא סענטער אין הארלעם איז נויטיג. די מיטגלידער, וואס וואוינען אין הארלעם, ווערען ערזוכט אריינצוגעבען זייערע נעמען און אדרעסען אין זייערע לאקאל אפיסעס און דורך דעם וועלען זיי אויסדריקען א וואונש, אז זיי ווילען אזא סענטער. די מיטגליעדער פון די עדיוקיישאנאל קאמיטעס ווערען אויפגעפאדערט מיטצוהעלפען, צו באקומען נעמען און אדרעסען פון די מיטגליעדער אין הארלעם, וועלכע ווילען אזא סענטער.

מיר דענקען אויך צו עפענען נאך א יוניטי סענטער אין די בראנקס, אין א סקול ארום קלערמאנט פארקוויי. מיר וועלען דאן האבען זעקס יוניטי סענטערס.

* * *

אונזער רעדזשיסטריישאן ליסט האט זיך אין די לעצטע פאר וואכען באדייטענד פארגרעסערט. מיס קאהן און דר. פרידלאנד האבען אדרעסירט א גרויסע צאהל ביזנעס מיטינגען פון די לאקאלס און אויך מיטינגען פון די ביזנעס אידזשענטס פון דער יוניאן. דער רעזולטאט איז, דאס מעהרערע מענשען האבען זיך פאראינטערעסירט אין אונזער עדיוקיישאנאל ארבייט און די רעדזשיסטריישאן ליסט איז געוואקסען. עס איז אויך ערפרעהענד דאס דער באזוך אין די קלאסען איז צאהלרייך און באשטענדיג. מיר דארפען פארזעצען די ארבייט און געדענקען, דאס רעדזשיסטרירען דארף מען זיך היינט, ניט אפלעגען אויף מארגען. לערענט אייך רעדזשיסטרירען! לעבט צום לערנען! לערענט אום צו לעבען!

עס איז אויך באשפראכען געווארען דער ארבייטער - אוניווערזיטעט. דר. פרידלאנד האט באריכטעט ווענען די קורסען וואס דארט וועלען געגעבען ווערען. עס וועט זיין איינגעטיילט אין צוויי טיילען: קלאסען פאר ביזנעס־אידזשענטס און אנדערע יוניאן בעאמטע, און קלאסען פאר אקטיווע מיטגליעדער. די מעהרסטע פון די קלאסען וועלען זיין אין דער וואשינגטאן אירווינג היי סקוהל, אבער מיר האפען אויך צו האבען אזעלכע קלאסען פרייטאג און שבת נאכמיטאג, אין ניו יארק סיטי קאלעדזש, 23טע סט. און לעקסינגטאן עוו.

דער ארבייטער־אוניווערזיטעט וועט זיך עפענען די ערשטע וואך אין דעצעמבער, 1919, מיט קלאסען (פאר ביזנעס אידזשענטס), מיטוואך אווענד, פרייטאג און שבת נאכמיטאג און זונטאג אין דער פריה. פארלויפיג זיינען באשלאסען געווארען די פאלגענדע קורסען:

1. אדוואנסד ענגליש; פראקטיקעל גראמער און געשריבענע קאמפאזישאנס.

לעהרער — הענרי דייווידאף און גוסטאוו פ. שולטץ.

2. שפראך אויסבעסערונג, און רעדען אין דער עפענטליכקייט. ווי פארצובערייטען א רעדע, ווי אנצופיהרען א מיטינג א. ז. וו.

לעהרער — גוסטאוו פ. שולטץ.

3. די געשיכטע פון דער ארבייטער־באוועגונג. צייטליכע ארבייטער פראבלעמען.

לעהרער — לעאן ארדזארוני און ליא וואלמאן.

נאך אנדערע לעקטשורערס זיינען איינגעלאדען.

4. פראקטיקעל פסיכאלאגיע פאר דער לעהרע פון פיהרער, בעאמטע, ביזנעס אידזשענטס א. ז. וו.

דער לעהרער וועט קירצליך באקאנט געמאכט ווערען.

5. סיוויקס פאר ארבייטער, אינדוסטריעלע געזעצע.

לעהרער וועלען אנאנסירט ווערען.

6. אמעריקאנער געשיכטע — סאציאלע, עקאנאמישע און אינדוסטריעלע. אמעריקאנער ליטעראטור—איהר סאציאלע באדייטונג.

דיזע קורסען וועלען זיין אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון אונזער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, דר. פרידלאנד און קיין שילער וועט נים צוגעלאזען ווערען בעפאר זיי וועלען דורכגעהן א געוויסען עקזאמען. אלע, וואס ווילען אנטייל נעהמען אין דיזע קלאסען, זאלען גלייך אנגעבען זייערע נעמען און אדרעסען אין אפיס פון זייער לאקאל, צו די מיטגליעדער פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטעס, אדער דירעקט אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

* * *

אין דעם נומער „גערעכטיגקייט" ערשיינט א באזונדער ארטיקעל פון דר. פרידלאנד ווענען ארבייטער בילדונג. דאס איז דער ערשטער פון א סעריע ארטיקלען. א צווייטער ארטיקעל וועט ערשיינען נעקסטע וואך.

* * *

דער באארד אוו אפישעלס פון דער קלאוקמאכער יוניאן, וועלכער באשטעהט פון אלע בעאמטע און אנגעשטעלטע אין די דזשאינט באארד אפיסעס, האט לעצטען פרייטאג נאכמיטאג איינגערופען א ספעשעל מיטינג, צו וועלכען עס זיינען געלאדען געווארען דר. פרידלאנד און מיס פאניא מ. קאהן פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. זיי האבען דארטען גערעדט ווענען דעם פראגראם פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פאר דעם סיזאן. עס איז נאכדעם פארגעקומען א דיסקוסיאן ווענען דער נויטיגקייט צו עפענען באזונדערע קלאסען אין ענגליש, עקאנאמיקס און ארבייטער־פראגען ספעציעל פאר די בעאמטע פון דער יוניאן.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איז גרייט צו עפענען אזעלכע קלאסען און מיר ערווארטען, אז די בעאמטע פון דער יוניאן וועלען זיך אנשליסען. די קלאסען וועלען געגעבען ווערען אין אזא צייט, אז זיי זאלען קענען אטענדען. דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט וועט ניט שפארען קיין מיה און קיין געלד צו מאכען דיעזע קלאסען וואס בעסער און די ביזנעס אידזשענטס און די לאקאל בעאמטע פון דער יוניאן וועלען האפענטליך ניט דורכלאזען די געלעגענהייט וואס ווערט זיי געגעבען זיי איינצושאפען א העכערע בילדונג, וואס איז אזוי נויטיג פאר זיי, וועלכע זיינען דאך אין דער אמת'ען די פיהרער פון טויזענדער ארבייטער. דאס וועט זיי מאכען מעהר ערפאלגרייך אין דער ארבייט און זיי וועלען אויך באקומען מעהר רעספעקט פון די מאסען.

# פילאדעלפיער קלאוק מאכער, אויפמערקזאם!

## קומט צו די בראנטש־מיטינגען

מיר פאדערען אויף אלע אונזערע מעמבערס, וועלכע פארשטעהען די וויכטיגקייט פון דער יעצטיגער צייט, צו קומען צו די בראנטש־מיטינגען, וואו וויכטיגע פראגען ווערען פארהאנדעלט. ביי די מיטינגען וועט מען אויך קענען קריגען אלע וויכטיגע אינפארמיישאן אין באצוג צו דער ארבייט פון נעקסטען סעזאן.

עס איז איבערהויפט נויטיג. אונטער די איצטיגע אומשטענדען איהר זאלט די מיטינגען אטענדען.

---

## קיין סטאק־ארבייט טאר ניט געארבייט ווערען.

מיר פאדערען אויף אלע שאפ־טשערלייטע צו זעהן, אז קיין סטאק־ארבייט זאל יעצט ניט געמאכט ווערען.

סעמפעלס און דופליקייטס מוזען געמאכט ווערען פון וואך. די פרייזען פאר דופליקייטס וועלען באשטימט ווערען דיעזע וואך, און יעדער ארבייטער וואס דארף אנפאנגען מאכען דופליקייטס, מוז פריהער קומען אין אפיס פון דער יוניאן און אויסגעפינען וועגען די פרייזען.

---

## פינישערס אויפמערקזאם.

איהר קענט שוין יעצט אויספילען אייער אפליקיישאן פאר די אווענד־קורסען, וועלכע אונזער לאקאל האט פאר אייך ארראנזשירט.

אפליקיישאנס קענט איהר קריגען ביי אונזער פינאנס־סעקרעטער, ברודער א. סענדלער, אין אפיס פון דער יוניאן.

---

## שאפ טשערלייטע פרעזענטירט.

אבוואהל דער לעצטער סיזאן איז ניט געווען ווי אם בעסטען, דאך האבען די ארבייטער אין די שעפער אנערקענט די שאפ־טשערלייטע זייערע מיט דעם וואס זיי האבען זיי געגעבען ווערטפולע פרעזענטען אלס אנערקענונג.

אט איז א ליסט פון די שעפער:

בארנשטיין'ס שאפ טשערמאן, מר. פאלסקי — 300 דאלאר קעש.

קרעמער'ס שאפ טשערמאן, מר. פיין, א גאלדענע וואטש און משיין.

ריטש'ס שאפ טשערמאן, מר. סאלאף — א וויקטראלא.

לינדער בראס. שאפ טשערמאן, מר. אדביל — א גאלדען וואטש און טשיין.

גאלדבערג בראס. שאפ טשערמאן — ווערטפולען פרעזענט.

א. ניי באור.
סעקרעטער.

# טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

## נאך אמאל די שבת פראגע.

1.

ווערטעהר רעדאקטאר:

אזוי ווי אונזער „גערעכטיגקייט" איז פריי פאר אלע קלאוק מאכער צו פאר־עפענטליכען זייערע גערעכטע טענות בנוגע אונזער יוניאן, וואלט איך בעטען ערלויבעניש, אויסצודריקען מיינע געפיהלען אין באצוג דער שבת־פראגע.

מיר האבען געקעמפפט פיעלע יאהרען פאר א גרויסע און א שטארקע יוניאן, א ריעזיגע פאראייניגטע מאכט פון פארשיע־דענע עלעמענטען, אלע צוזאמען האבען זיך פשוט מקריב געווען, געליטען קאלט און ווארים", און ענדליך עררייכט אונזער ציעל. גליקליך און כמעט פאר'שיכור'ט זיינען מיר געווען פון דעם גרויסען זיעג, וואס מיר זיינען ענדליך פטור געווארען פון דער באנדעל מגפה, און פיעלע אנדערע איבלען אין טרייד, וועלכעס דער וואך־סיסטעם האט אפגעשאפט.

אויך מיר, שומרי שבת, האבען פרייער אפגעאטעמט, זעהענדיג די ישועה און טייערע געלעגענהייט צו זיין מיט אלע גלייך, און צו דער זעלבער צייט, אפהיטען אונזער הייליגען שבת, וועלכען מיר האבען צו פארדאנקען דעם אידישען עקזיסטענץ.

שרעקליכע און ביטערע ליידען האט נעבאך דער פרומער קלאוק מאכער גע־ליטען פון זיינע אייגענע ארבייטער ברי־דער, וועלכע האבען זיך אמוזירט און חוזק געמאכט אויף זיין חשבון, עס האט גע־מענט זיין דער פעהיגסטער בעל מלאכה און געטרייסטער יוניאן מאן האט צוליעב שבת ניט געקענט צוקומען צו א ריכ־טיגען סאניטארישען יוניאן שאפ, נאר שוויצען אין שמוציגע „סוועט שאפס". און די יעניגע וועלכע האבען זיך ווי עס איז ארייננעשמוגעלט אין א בעסערען פלאץ, זיינען באטראכט געווארען ווי ציי־גיינער אדער האטענטאטען, און געשטערט געווארען פון זייערע יוניאן ברידער אהן א פאר/וואס.

היינט, שטעלט זיך פאר די שמחה פון די שומרי שבת, ווען מ'האט אנגע־פאנגען ארבייטען אין פיעלע שעפער 5 טעג א וואך, און דער פרומער צוגלייך מיט דעם ניט פרומען האבען גערוהט גאנצע צוויי טעג.

עס האט דאך א ליכטיגע זון אויפ־געשיינט פאר אונזערע אויגען. אבער ליידער האט זיך באלד פארשפרייט א שווארצע כמארע און פארפינסטערט אונ־זערע אויגען, און דאס איז דער באשלוס פון דזשאינט באארד, ניט צו ארבייטען קיין פינף טעג, נאר שבת אדער זונטאג, וועלכעס וועט ווידער פאראורזאכען פאר־אורטיילע צווישען ארבייטער און ארביי־טער.

איך באשולדיג ניט אונזערע פיהרער, אז זיי האבען עס חלילה געטאן בכונה, צו שאדען די שבת'ניקעס, ווייל איך האב מיט זיי גערעדט וועגען דער פראגע נאך מיט יאהרען צוריק, האבען זיי זעהר סימ־פאטיזירט מיט די שומרי שבת, און אויך פאר'פארבען זיך אנצונעהמען זיין קריוור־דע, וועלכעס איז א פאקט ביז היינטיגען טאג. זעה איך אלזא ניט איין ווארום די יוניאן זאל ניט ערלויבען צו ארבייטען 5 טעג א וואך. מ'ארבייט דאך סיי ווי סיי ניט מעהר ווי 44 שטונדען א וואך, אי אווערטיים? איז עס ערשטענס, ניט אר־מעטום ארבייטען מען איבער שטונדען, און צווייטענס, וואלט שוין צייט געווען די יוניאן זאל ניט ערלויבען קיין אווער־טיים, נאר דער ארבייטער זאל קענען מאכען אן אנשטענדיגען לעבען פון רעגולע ארבייטס־שטונדען, אזוי ווי די „אמאל־גאמייטער" האט באשלאסען נאר 5 טאג א וואך און קיינע אווערטיים, מעג זיין ווי ביזי און אפילו דער באס וויל געבען 10 דאלאר א שטונדע. און אז מיר וועלען פארלאנגען 40 שטונדען א וואך, וועט פיעל לייכטער זיין נאכצוגעבען א שטונדע יעדען טאג, ווי 3 טאג אין גאנצען ניט צו קומען אין שאפ.

אזוי ווי דאס איז „דברים היוצאים מן הלב", האף איך, אז עס וועט זיין „נכנסים ללב", און די יוניאן וועט ערלוי־בען צו ארבייטען 5 טאג א וואך.

יוסף מאזעסאן.
מעמבער לאקאל 1.

2

געהרטער רעדאקטאר!

ס'איז ניט זעהר אנגענעהם צו רעבא־טירען מיט אן עלעמענט וואס שעפט זיין תורה און חכמה פון דער אין „טאגעבלאט" „שעהנע אסתר" און ווען זיי גראבען איין די נענעל אין איהר, קען די וועלט זיך איבערקעהרען, וועט מען זיי ניט אפריי־סען און נאכהער קומען זיי קלאגען אויף גלות־השכינה. לעבען מיר דאך אבער אין א צייט פון „דעמאקראטיע" ווען כלנו שרייבען איז דאך ניט שייך.

עס קומען צו געהן אין די „גערעכטיג־קייט" „שבת אידען" און וויינען, סטייטש, מען לאזט זיי ניט אפארבייטען זונטאג. מען לאזט ניט ארבייטען מיט א שטונדע שפעטער יעדען טאג אין מיטען וואך, און סטייטש, גזלנים, יקרות, פאמיליע, א. ז. וו., צו דער זעלבער צייט גיט מען א שטורך די גנאסען (ביי אונז איז יעדער וואס זאגט א גוט ווארט פאר דער יוניאן א „גנאסע") אז נאר זיי קענען זיך פאר־גינען צו ארבייטען 7 טעג אין וואך. און איך וויל פרעגען אט־די „שבת אידען" איז עס ניט א פאקט, ווען ניט אט די גע־נאסען, (איך מיין די אמת'ע גנאסען) אט די וואס טראגען ארום דעם יוניאן אדער אחדות געפיהל אין הארצען, — ניט בלויז די יוניאן קארד אין קעשענע... אז ווען ניט זיי, אט די „שקצים" מיט זייער ארויסשטעלען זיך ביי יעדער געלעגענ־הייט געגען באס, פארמאן, אין דער צייט ווען איהר פלעגט ארייננראבען די לאנגע נעזער אין די בערד, הויבען שנעלער די הענט, — טרייבען האסטיגער די מא־שין און דאן נאכ'ן „שטורעם" פלעגט איהר ברייט שמייכלען, איי, האט ער איהם ארייננעזאגט, און נאך אפילו א קלאפ געגעבען איהם אין פלייצע אויך א מאל, ווען דער באס אדער פארמען פלעגט ניט זעהן, פאר זיין מוטה, בראוקייט. און די באלוינונג פלעגט זיין אלע מאנטאג און דאנערשטאג קושען אין אנאנדער שאפ די מזוזה, און אין אלגעמיין זיין אויף צרות. זאג איך, ווען ניט זיי, וואלט איהר נאך היינט געווען אויף גרויסע צרות. איהר ווייסט דאס גאנץ גוט. אך מעהר, איהר מיט אייער טעמפקייט, הכנעה'דיג־קייט, שפל'דינקייט, און אפטמאל פאר'ן באס א שמייכעל, אדער א קלאפ אין פלייצע פארראטען די מענשען וואס זיינען אויסען געווען אייער טובה. דאס זיינט איהר געווען די גרויסע שטערונג, דער „אבן נגף" צו דער באפרייאונג פון סוועט־טינג סיסטעם. איצט, ווען טראָץ די אלע שווערינקייטען איז דאך צוגעקומען צו דער שטופע אין וועלכע מיר געפינען זיך איצט, אמת, נאך ניט דאס וואס מען האט אין יענע מסירת נפש'דיגע צייטען געטרוימט, אבער דאך זעהר ווייט אוועק פון יענער צייט. האט מען נאך די חוצפה ארויסצוקומען אין די עפענטליכקייט, אז דאס איז די גנאסען פון אייער הדר וואס קענען זיך פארגינען צו ארבייטען זיעבען טעג אין וואך. איצט ווען איהר געניסט אזוי ברייטליך די פרוכט, וואס די גנא־סען די „שקצים" האבען מיט צרות און לייד פארזעעט פאר איך דורך די בעסטע יאהרען זייערע....

זיי, די „שבת אידען" פרעגען: וואס ארט עס איך אז מיר וועלען ארבייטען א שטונדע יעדען טאג? איהר זאגט, אז ס'איז פאראן פיעלע וואס ארבייטען אי שבת אי זונטאג דאריבער איז וואס? אז אין ניו יארק איז דא א פאר הונדערט גנבים, באדארף מען אלע מענשען אין ניו יארק ארייזעצען אין פריזאן? און זיי פארגעסען, אדער זיי מאכען זיך פארגעסען, אז ליידער איז נאך דא ניט עטליכע בעל מלאכות נאר מעהר ווי עטליכע וואס זיינען זיך מתיר צו גנב'ענען ביי דער יוניאן. ס'איז טרויעריג, אז איצט זאלען נאך זיין אזעלכע, אבער ליידער איז עס אמת. און דער התר קומט נאר דערפאר, ווייל עס איז קיין יוניאן־פריזאן ניטא, און ווען זאגאר עס וואלט יא געווען א יוניאן־פריזאן איז אויך א צווייפעל צו עס וואלט געהאלפען, אזוי לאנג ווען עס פעהלט דער באוואוסטזיין, אז איך גנב'ע ניט ביי דער יוניאן, נאר ביי זיך, ביי מיינע ברידער מיטארבייטער און פראַ־פיטירען פראפיטירט נאר דער בעל־הבית. איבערהויפט נאך אז ווען מען כאפט געהט דאס נאר אויס צו א פאר דאלאר (ווייל פאר דעם גוטען נאמען קעהרען זיי דאך ניט). נו, איידער וואס ווען, דערוויל כאפט מען אריין א פאר דאלאר זאל זיין בגנבה פון די אייגענע שאפ־ברידער. א דאנה מיר.

און איך וויל טאקע פרעגען אט די אידען: פאר וואס אז מיר האבען שוין יא דערלעבט מיט מזל צו ארבייטען ביז 5 אזייגער און מען האט שוין יא די גע־לעגענהייט זיך אביסעל ארומצוקוקען ארום זיך, טו צו וואס זשע צום טייפעל ווייטער עסען סאפער האלב נאך ניין— צעהן אזייגער און געהן מיט'ן פולען בויך צו דער מגילה און אין דער פריה זיך אויפהויבען מיט א קאפוועהטאג און א גאנצען טאג זיין אין כעס אויף דער וועלט, און אזוי טאג־איין, טאג־אויס דורך א רייהע פון וואכען און ארומטראַ־גען זיך מיט כראנישע מאגען־קראנקהיי־טען און אנדערע שלעק. ווייל א פאקט איז דאך, אז טראָץ די אנדערהאלבען מאל געצאהלטע איבער־שטונדען, אר־בייט מען דאך אין די מעהרצאהל שע־פער איבערשטונדען, מאנכעס מאל דער גאנצער שאפ, מאנכעס מאל געוויסע אפ־טיילונגען, אבער מען ארבייט. און אויב אין דער קלאוק־אינדוסטריע עקזיסטירט נאך דער פארשאלטענער אווערטיים־סיסטעם, טו פאר וואס זשע זאל איך ניט עסען סאפער דעם איינציגען רעכטען מאלצייט פאר א גאנצען טאג, ארום 8 אזייגער, אום איך זאל נאך קענען לעזען א צייטונג און אביסעלע זיך איבערגעהען אום צו כאפען א ביסעל פרישע לופט פאר א גאנצען טאג און שלאפען גע־שמאקער.

דאס איז וואס אנבאלאנגט די עלטע־רע. איצט וועגען די יונגע.

פאר וואס זאלען די יעניגע קלאוק־מאכער, וואס אין זיי לעבט נאך דער געפיהל פון האפנונג, פון דערגרייכען עפעס, וואס ווילען לעזען עפעס מעהר ווי דעם ראמאן אין דער טעגליכער צייטונג, ביי וועמען דער דורשט צו וויסען איז גרעסער ווי ביי דעם ראמאנען־לע־זער, אדער וועלכע ווילען זיך נאר עפעס לערנען אום צו קענען ארויסגעהען פון דער אקסען־קאטעגאריע. אום ניט צו לעבען מיט שקלאפען און פאשע... — פרעג איך, פאר וואס זאלען אט די יונגע מענ־שען פארטאכלעווען זייערע בעסטע יאה־רען אין גארניט און נאכהער לעבען מיט חרטה?

אלע ווייסען, אז ווען דער גאנצער שאפ ארבייט, קען מען ניט זיין קיין אויס־נאהם און אוועקגעהן ווען אפילו דער יצר־הרע פון די פאר דאלאר זאל ניט זיין.

און נאך א פראגע: איז דאס א יושר, אז צוליעב א קליינער מינאריטעט זאל אין אזא גרויסער ארגאניזאציאן הערשען א שטענדיגער כאאס?

לאמיר זיך ניט נארען. דער אמת'ער אמת איז דאך, אז אמת־פרומע, רעלי־גיעזע אידען אין קלאוקס־טרייד קען מען צעהלען אויף די פינגער פון איין האנד. די איבעריגע האבען אין זינען ניט דעם חלול שבת אלס רעליגיאן, נאר פשוט אלס באקוועמליכקייט, דהיינו, מען ברענגט זיך איין 10 סענט, מען שטופט זיך ניט אין סאבוויי, אדער גאר ווייל מ'עסט פרייטאג־צו־נאכט געפילטע פיש, צימעס מיט קאשע, און ניט 10, נאר טאקע 6—7 אזייגער. פאלגליך שלאפט מען איבער א געשמאקע נאכט. אין דער פריה ווילט זיך ליגען אביסעלע שפעטער אין בעט; מאנכע גלייכען צו געהן אין שוהל צו די לאנדסלייט, דורכלופטערען די צונג מיט א קאפעטשקע רכילות לכבוד שבת. ווייטער זיינען דא מאנכע, וואס כאפען זיך נאר ארויין באלד אין דער פריה צום נעקסט־דאריגען מאכען א פינאקעל. און ווען די אמאליגע תנאים און אמוראים, וועלכע האבען אונז ניט געזשאלעוועט קיין פעק מיט לא תעשות, וואלטען געדארפט אויסקלייבען פון די צוויי צרות — פון שפיעלען אין קאר־טען אום שבת אין א הויז וואס איז פול מיט סיגארעטען־רויך, און געהן ארביי־טען — בין איך זיכער, אז זיי וואלטען אויסגעקליבען דאס לעצטען. אם וועניג־סטענס ווערט מען דאך ביי דער ארבייט ניט פארוואנדעלט אין אזא חיה רעה...

אלזא, איך ענדיג, אבוואהל ס'איז נאך דא פיעל צו זאגען איבער דעם ענין. מען דארף ארויסטרעטען מיט מוט גע־גען דאס אפארבייטען, אום אויסצומיי־דען כאאס. תחינה־טרעהרען און צוקרא־כענער רחמנות איז דא ניט אם פלאץ. דער לעבענס־צושטאנד פון א גרויסער ארגאניזאציאן אין דער איצטיגער צייט פאדערט, אז מען זאל זיך רעכענען דער־מיט, וואס עס איז גוט פאר'ן כלל און ניט בלויז פאר'ן מאגען נאר פאר'ן ווייטערען לויף. ווען דער דאקטאר, צום ביישפיעל, זאל וועלען קוקען אויף די ווייבערשע טרערען אדער אויף צוקרא־כענעם רחמנות און צוליעב דעם ניט טאן וואס ער געפינט פאר נויטיג, וואלט דער חולה, אלס פרט, און די גאנצע געזעל־שאפט אלס כלל גאנץ פיין אויסגעזעהן. דאס זעלבע איז דא.

און די יעניגע, וואס קענען ניט און ווילען ניט זעהן זאכען ווי זיי זיינען, ווייל זייער עגאאיזם און אייגען־ליעבע שטעהט ביי זיי העכער ווי אלעס — ביי זיי איז דאך כלל די יוניאן ניט וויכטיג, ווען זיי זאלען דארפען אפפערען מיט א פאר דאלאר. און וועגען די איינצעלנע, זעהר וועניג אין צאהל, אמת־רעליגיעזע אידען, איז ווי מיר זאלען ניט סימפא־טיזירען מיט זיי, קענען מיר זיי גארניט העלפען פארלויפיג. נאך אלעמען עק־זיסטירט ניט די וועלט אין זייער זכות. כדי אז אלעס זאל זיך בויגען צו זיי. זיי מוזען האבען געדולד און ווארטען אויף דער צייט, ווען די ארבייטס־שטונ־דען וועלען נאך קלענער ווערען און מען וועט שבת איגנאנצען ניט ארבייטען — קיינער ניט. דאן וועלען מיר אגב אויך פטור ווערען פון דארפען הערען ווי מען קלאפט א טשייניק מיט פאליאק, איד, נאציאן, ארץ ישראל א. ז. וו.

מיט אכטונג,
ע. ליכטענשטיין,
לעדזשער נומער 733.

---

## א ווארט אין צייט.

ברידער פרעסער!

יעצט איז די צייט פון ערוועהלען אונזער נייעם עקזעקוטיוו באארד. וויל איך אייך פרעגען, צו וועט איהר דאס מאל, ווי אלע מאל, זיין אזוי גלייכגיל־טיג צו די וואהלען?

איך גלויב, אז דאס איז דער גרעס־טער שאד, ספעציעל אין דער יעצטיגער צייט, ווען מענשען מאכען אזא פארט־שריט אין דענקען, אין באוועגען זיך אויף יעדען געביעט. ווילט איהר אין אזא צייט בלייבען ביים אלטען? ניין, ברידער, איהר מוזט זיך אנפאנגען אבי־סעל פארטראכטען, צו עס איז ריכטיג צו דערלאזען, אז אנשטאט מיר זאלען הא־בען די בעסטע מענשען אן דער שפיצע זאלען מיר האבען גלאט מענשען. דאס איז נאר דערפאר, ווייל איהר קומט ניט צו די מיטינגען אין גרויסע מאסען, און אפילו ניט אין צייט פון וואהלען. עס איז שוין די העכסטע צייט, אז איהר זאלט אנפאנגען באטראכטען אייער יונ־יאן אנדערש ווי ביז יעצט.

איך וויל איך זאגען א פאר ווערטער צו די יעניגע, וואס קענען פארטרעטען דעם אמט: קומט און לאזט זיך נאמי־נירען! גיט אויף אייער פעסימיזם און היבט זיך אן וויעדער אינטערעסירען מיט אייערע מיט־ברידער!

אויך וויל איך אויפמערקזאם מאכען אונזערע ברידער פרעסער, וואס וואוינען אין די בראנקס, אז איהר זאלט קומען אין מאסען צו אונזער נייעם סעקשאן־מיטינג. קומט און נעהמט אן אנטייל אין דעם לעבען פון אייער יוניאן!

מ. וואלאך,
מעמבער פון לאקאל 35.

---

## וויכטיגע באקאנטמא־כונג!

די „גערעכטיגקייט" ערשיינט איצט מיט א טאג פריהער ווי געוועהנליך; מיר געהען צום פרעס מיטוואך אנ־שטאט דאנערשטאג, ווי ביז יעצט.

אלע אונזערע ארטיקעל שרייבער, סעקרעטערע פון די לאקאלס און קא־רעספאנדענטען ווערען געבעטען אויפ־געפאדערט צוצושיקען דעם מאטעריאל פריהער. מאנטאג איז דער שפעט־סטער טאג וואס מיר קענען ארייננעה־מען זאכען פאר'ן לויפענדען נומער.

רעדאקציע.

# אינטערעסאנטע פאסירונגען אין דער קלאוק-מאכער יוניאן פון שיקאגא.

פון ה. סקולמאן.

ביי אברהם רייזען איז דא א סקיצע ים דעם נאמען „אייזען". עס ווערט דאר- ען דערצעהלט ווי א יונגערמאן פאר- עבט זיך אין א מיידעל, וועלכע האט א ראם פון אייזען, און דער יונגערמאן ווע- ענדיג מאכען באקאנטשאפט מיט דער יידעל, הויבט אן כמעט טעגליך צו קויפען לערליי אייזענוואארג, ביז זיין גאנצער חור'שער צומער ווערט פול מיט אייזען. מעט דאס זעלבע האט פאסירט מיט אונז, יר האבען זיך אזוי פארליעבט אין די שטאל ארבייטער, און מיר האבען אזוי פיעל אנגעהויבען ריידען, דענקען. און יהלען וועגען ארבייטער און שטאל ז אונזער גאנצער לעבען איז כמעט אויס- עפילט מיט שטאל, וואס מיר זאלען ניט טאן און וועגען וואס פאר אן ענין מיר זא- לען ניט ריידען, קומט באלד ארויף די פראגע פון שטאל... שטאל סטרייקערס, העלפען די פון יאהרען פארשקלאפטע שטאל ארבייטער. דער באשלוס פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד צו שאפען א פאנד פון א פערטעל מיליאן דאלאר פאר דיזען גיגאנטישען סטרייק איז פון אונזערע מעמבערס אויפגענומען געווארען מיט א געפיהל פון שטאלץ און באגייסטערונג. שטאלץ אויף דעם פאקט, דאס אונזערע פארשטעהער האבען ריכטיג באגריפען די גאנצע גרויס און וויכטיגקייט פון דער לאגע, און באגייסטערט צו קענען אויף א שעהנעם, ברידערליכען אופן העלפען געווינען דעם סטרייק און העלפען באזיגען דעם מעכטיגען שטאל טראסט.

דער ערשטער געדאנק איז ביי אונז געווען, דאס אום צו קריגען די נויטיגע סומע געלט פאר דעם פערטעל מיליאן דאלאר, איז צו לייגען איין אסעסמענט אויף אונזערע מעמבערס, ווייסען מיר אבער פון ערפאהרונג, אז אן אסעסמענט איז זעהר שווער צו קאלעקטען, און אגב נעהמט דאס צו לאנג ביז וואנען מען קאן גרייכען יעדען מעמבער. מיר האבען אויך געפלאנעוועט צו טעקסען יעדען מיטגליעד מיט 15 פראצענט פון א פולע וואך ווידזשעס. אבער אויך דיזער פלאן ליידעט פון דיזעלבע חסרונות ווי דער אסעסמענט פלאן. מיר האבען דאריבער אלע זיך געאייניגט צו רעקאמענדירען צו אונזער גרויסער מעמבערשיפ, דאס די וועכענטליכע דיוס זאל געהעכערט ווערען פאר דעם יאהר 1920, און די יוניאן זאל פארלויפיג אויסלייגען די גאנצע געלט און דאס צושיקען צו דער אינטערנעשאנאל.

נאוועמבער דעם 4טען, עלעקשאן טאג אין שיקאגא, האבען אונזערע מעמבערס לויט דעם אגרימענט, א האלבען טאג יום טוב, און האבען דאריבער אויסגענוצט די געלעגענהייט און פאררופען א מיטינג, אום פארצולייגען פאר די מעמבערס אונזערע פארשלעגע. 3 אזייגער נאכמיטאג, איז דער „עמפייער טעאטער" געווען פול. דער שרייבער פון דיזע צייל[ע]ן איז געווען דער טשערמאן פון דיזען אונפארגעסליכען מיטינג. ערעפענענדיג די פארזאמלונג, האב איך ערקלעהרט אין קורצען דעם צוועק פון דעם מיטינג, און אויך די פארשלעגע פון דעם דזשאינט באארד, וועלכע ווי שוין פריהער אויסגעארבייט, דארפען איבערגעגעבען ווערען צו די שאפ טשערלייטע פאר באטראכטונג. אלע אנוועזענדע שאפ טשערלייטע זיינען דאן אויפגעפאדערט געווארען ארויס צו געהן אין א צווייטען צימער, וואו זיי זאלען נאך א גרינדליכע באטראכטונג אריינברענגען א רעקאמענדיישאן, וועלכע די מעבערס וועלען גוטהייסען אדער אמענדירען.

דורך דער צייט וואס די שאפ טשערלייטע האבען געהאט זייער מיטינג, האבען א רייהע פון רעדנער אדרעסירט די פארזאמלטע. די רעדעס זיינען אויפגענומען געווארען פון אונזער עולם מיט אן אונבאשרייבליכע באגייסטערונג. נאך די רעדעס איז די קאמיטע פון שאפ-טשערלייטע געווען פארטיג מיט איהר רעפארט. עס האט געלויטעט, דאס די דיוס פאר דעם יאהר 1920 זאל זיין 40 סענט א וואך אנשטאט דרייסיג, און די עקסטרא 10 סענטיגע פון דעם יאהר 1920 זאל דעקען אונזער „קוואטא" צו דעם פערטעל מיליאן דאלאר פאנד, וואס די דזשענעראל עקזעקוטיווע האט זיך אונטערגענומען צו שאפען פאר די סטרייקענדע שטאל ארבייטער.

די רעקאמענדיישאן איז פון אונזערע מעמבערס איינשטימיג גוט געהייסען געווארען, און אזוי האבען די קלאוקמאכער פון שיקאגא גענומען אויף זיך א „מארטגיידזש" אום צו קענען באצאלען זייער חוב צו די סטרייקער. מיר דענקען, אז דאס איז דער פראקטישסטער, און אויב איהר ווילט, דער וואונדערבארסטער פארשלאג, וואס אונזערע מעמבערס האבען ווען עס איז אנגענומען. ניט אומזיסט שרייבט וויס-פרעזידענט פערלשטיין, דאס שיקאגא איז אנגעפיקעוועט מיט וואונדער.

### אין טאראנטא, קענעדע.

ווען ברודער קאלדאווסקי האט מיר געבעטען צו פאהרען מיט איהם נאך טאראנטא, האב איך דעם אמת זאגענדיג, געהאט בדעה איהם צו עטזאגען. איך האב מיר ערקלעהרט, געה פאהר אין א שטאדט, וואו זיי האבען ערשט יעצט דורכגעמאכט אזא ביטערען קאמף, און דער רעזולטאט איז ניט געווען אזוי גלענצענד. עס האט זיך מיר פשוט ניט געוואלט קרמען אין טאראנטא, און שפילען די ראלע פון א מנחם אבל. אגב האב איך מיר פארגעשטעלט, אז דארטען מוז יעצט הערשען א שרעקליכער מיסטרויען צו דער יוניאן, צו די בעאמטע, און צו אלע די, וועלכע האבען אין ברען פון קאמף געראטען די ארבייטער, צו ליידען און זיך פלאגען, פארזיכערענדיג זיי, אז זיי וועלען זיכער געווינען אלע זייערע פאדערונגען. ווער ווייס, האב איך זיך געטראכט, פיעלייכט ווערען די פיהרער באשולדיגט אין פארראטה, אין פארקויפען די ארבייטער צו די באסעס, עטוואס וואס עס פלעגט געוועהנליך פאסירען אמאליגע צייטען נאך א פארלארענעם סטרייק.

נאר דער דרינגליכער בעטען פון מיין פריינד און קאלעגע קאלדאווסקי, און דער פאקט אז ברודער פערלשטיין פאהרט אויך מיט, האט מיר געמאכט צוזושטימען צו פאהרען. איך האב מיר געקלעהרט, אז איך מיט ברודער פערלשטיין, וועלען זיך שוין ווי עס איז אן עצה געבען.

ווי אנגענעהם איבערראשט בין איך אבער געווארען, ווען אריינקומענדיג אין האל אויף ספעדיינע עוועניו, האב איך געטראפען א היבשען עולם מיט מענשען, וועלכע האבען צווישען זיך גערעדט און דיסקוטירט וועגען אלעם אין דער וועלט, נאר ניט דערמאהנענדיג אפילו א ווארט וועגען אלעם וואס איך האב פארדעכטיגט צו הערען, און איך האב מיר אין דער שטיל זעלבסט פארווירפע געמאכט, סטייטש! ווי אזוי האסטו גאר געקענט דענקען אזוי ניט שעהן וועגען קלאוקמאכער, וועלכע זיינען פאר 10 לאנגע וואכען אויסגעשטאנען אללערליי צרות און יסורים פון דער פאליציי און פון דחקות, נויט, און פיעלייכט פשוט'ען הונגער? יא, איך האב זיי געפונען די דאזיגע טאראנטא'ער קלאוקמאכער אין דעם בעסטען ספיריט. דער מיטינג, וועלכער איז אדרעסירט געווארען פון וויס פרעזידענט קאלדאווסקי, וויס-פרעזידענט פערלשטיין, און פון מיר אליין, האט דאס דייטליך באוויזען. איך בין ביי זיך געווען אבסאלוט זיכער, דאס טראץ דעם וואס זיי האבען ערשט ניט לאנג געענדיגט א סטרייק, זיינען זיי גרייט ווידער אויפצונעמען א פייט געגען זייערע באסעס, און סטרייקען אויב נויטיג צוויי מאל 10 וואכען, פאר די פאדערונגען וועלכע זיי גלויבען זיינען יושר'דיג און גערעכט. ווער זאגט דאס, אז די טאראנטא'ער קלאוקמאכער האבען פארלארען? אויב עמיצער האט פארלארען זיינען דאס זיכער זייערע באסעס. די קלאוקמאכער האבען געוואונען דעם גלויבען און צוטרויען צו זיך זעלבסט, און עס וועט ניט נעמען לאנג און זיי וועלען קריגען פון זייערע ברויטגעבער אלע זייערע פאדערונגען אהן א סטרייק. די טאראנטא'ער קלאוק-מאנופעקטשורערס ווייסען שוין יעצט מיט וועמען זיי האבען צו טאן...

זאל דא אויך דערמאהנט ווערען, דאס ביי דעם זעלבען מיטינג, האבען זיך די מעמבערס געטעקסט יעדער מיט 2 דאלאר, אום צו העלפען איינינע פון די סטרייקער, וועלכע ווערען אנגעקלאגט פאר — נו יא, פאר סטרייקען צו גוט. דער גרעסטער טייל פון די אנוועזענדע האבען די 2 דאלארדיגע באלד באצאהלט, און די ברידער יאנקאלסקי, שור, און קאלדאווסקי האבען געהאט א שווערען דזשאב צו קענען פארשרייבען די נעמען פון די געבער, וועלכע האבען פשוט געווארפען מיט די קענעדער אסיגנאציעס.

### ברידער און שוועסטער, גיט אונז א „שאו"!

שיקאגא איז איינע פון די שטעדט וועגען וועלכע די מעמבערס פון אונזער אינטערנעשאנאל וועלען דארפען שטימען, וואו די קאנווענשאן אונזערע זאל געהאלטען ווערען.

מיר ווילען דעריבער אויסנוצען די געלעגענהייט און בעטען די מעמבערס אונז געבען א „שאו", אונז צוטיילען דעם כבוד און אויך דעם טראבעל צו האבען די קאנווענשאן ביי אונז אין שטאדט. קיין בערג מיט גליקען קענען מיר אייך ניט צוזאגען, נאר מיר פארזיכערען אייך, אז מיר וועלען אייך געבען א גאנץ שעהנע אויפנאהמע. יעדענפאלס ניט קיין ערגערע ווי איהר האט געהאט אין אנדערע מקומות פאר די לעצטע עטליכע יאהר, וואו אונזערע קאנווענשאנס זיינען אפגעהאלטען געווארען.

אלזא, אפגעמאכט!... דעם קומענדען מאי זעהן מיר זיך אין שיקאגא ביי דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, ביי דער קאנווענשאן וואו מיר וועלען פייערען דעם זיעג פון וואך ארבייט און דעם 8 שטונדיגען ארבייטס טאג.

### ארבייטער פון שאנינגער און קא. פרעזענטירען זייער שאפ-טשערמאן.

ברודער טשארלי פריעדמאן, וועלכער איז שוין שאפ-טשערמאן אין דיזען שאפ פאר א לענגערע צייט, האט זיך הויפטזעכליך אויסגעצייכענט אין שטענדיג האבען זיינע מיטארבייטער גוטשטעהענד אין דיוס. טשארלי דענקט, דאס דער אלף בית פון יוניאן איז דיוס און אסעסמענט, און די ארבייטער, נאך א משך פון צייט און נאך אלערליי ארגומענטען וואס זיי האבען שטענדיג געהאט מיט איהם, האבען ענדליך איינגעזעהן, אז ער האט רעכט, און האבען דערפאר איהם פרעזענטירט מיט א שעהן גראווירטען גאלדענעם רינג.

# די ווירקונג פון די הויכע לעבענס-קאסטען אויף אונזער געזונד און געזעלשאפטליכע באדינגונגען

פון דר. מאקס געטנער.

ווען מ'רעדט וועגען די הויכע לעבענס-קאסטען, וועלכע האבען דערגרייכט ביז'ן הימעל, הערט מען אפטמאל דעם ארגומענט, אז שולדיג אין די הויכע פרייזען זיינען די ארבייטער מיט זייערע סטרייקס. פון דער קאפיטאליסטישער פרעסע איז דאך שוין אפגערעדט — זי איז דאך אימער איינזייטיג; אבער אזעלכע ארגומענטען הערען מיר גאנץ אפט פון פיעלע ראדיקאלען און זאגאר פון אייניגע ארבייטער אויך. „דער ארבייטער — זאגען זיי — וויל העכערע ווידזשעס, — דארום מוז דער מאנופעקטשורער העכערען די פרייזען אויף די ארטיקלען, אום צו קריגען זיינע פארדינסטען. און כאטש אלעם קאסט טייערער, קריגען דאך די ארבייטער יעצט אזעלכע הויכע ווידזשעס, אז פראפארציאנעל האבען זיי גאר ניט דערלעגט". א. ז. וו.

עס איז אמת, אז דער ארבייטער האט ערוואכט און אנגעפאנגען צו פארשטעהן, אז איהם קומט פיעל מעהר פון אלעם וואס ער פראדוצירט, ווי ער פלעגט קריגען ביז יעצט; דערווייל קריעגט ער אבער ניט נאר ניט מעהר ווי ער וואלט באדארפט נאר פיעל, פיעל ווייניגער און דארום טאקע סטרייקט ער, און עס איז ניט דער ארבייטער מיט זיינע סטרייקס האט דאס ארויפגעשלעפט די פרייזען, נאר עס זיינען די פארברעכערישע פראפיטירענדע פרייזען וועלכע רופען ארויס די סטרייקס, ווען ניט וואלט דעם ארבייטער אויסגעקומען צו געהן מיט דער טארבע.

מען דארף נאר קיין גרויסער עקאמיקער ניט זיין, אום צו פארשטעהן, די באהויפטונג, דאס די ארבייטער קריג יעצט-צו-טאג ווידזשעס פראפארציאנ מיט די הויכע לעבענס-קאסטען, איז ני קיין ריכטיגע, ווען יא, וואלטען אונזער שטאאטס-מענער זיך וועני וואס געקמערט וועגען דער פראגע און געמאכ גאנצע אישום פון איהר. נאך אלעמען בלאנגען זיי דאך צום אלטען חדר, וועלכ גלויבען נאך אלץ אין דעם „אייזערנע געזעץ", דאס דער ארבייטער דארף פאר דינען גענוג, אז איהם זאל קלעקען אוי צו דערהאלטען זיין נשמה און קענען א געהן מיט זיין ארבייט.

אבער דאס איז ניט אן ארטיקעל איבער פאליטישע עקאנאמיע; איך ווי זיך דא גאר פארנעמען מיט דער פראגע וואס פאר א ווירקונג די הויכע לעבענס-קאסטען האט אויף אונזער געזונט ווי אויך אויף אנדערע סאציאלע באדינגונגען אדער געזעלשאפטליכען לעבען, און דאס דארף אונז אינטערעסירען.

ניט לאנג צוריק האט די ניו יארקער באארד אוו העלטה ארויסגעגעבען א לאנגען רעפארט איבער דיזער פראגע און איז צוזאמענגעשטעלט געווארען ביי דר. ל. ., וועלכער איז דער הויפט פון די פארהיטונגס-קראנקהייטען פון ניו יארק. א קאמיטע איז אפאינטעט געווארען אין 1918 צו אויספארשען די פאלגענדע פראגען:

1. אהן וועלכע שפייזען מוזען זיך די ארבייטער באגעהן, ווען דאס עסען קאסט אזוי טייער?

2. וויפיעל נאהרונג פארלידען זיי, ניט זייענדיג אימשטאנד צו קויפען די ריכטיגע מאכלים?

3. וויפיעל קינדער און פרויען זיינען געצוואונגען געווארען צו געהן ארבייטען אום ארויסצוהעלפען מאכען א לעבען?

פאר דיזע צוועק זיינען ארויסגעשיקט געווארען א גאנצער סטעף פון נוירסעס, וועלכע זיינען ארומגעגאנגען אין די הייזער און האבען געקליבען סטאטיסטיקס.

די אויספארשונג האט זיך ניט באגרעניצט צו א געוויסען דיסטריקט אדער נאציאנאליטעט. מען האט אונטערזוכט 2084 אזעלכע פאמיליעס, וועלכע שפייען ריכטיג אפ גאנץ ניו יארק אין יעדען הינזיכט. ניט נאר זיינען די געשטעלטע פראגען פארענטפערט געווארען, נאר פיעע אנדערע וועהטאגען זיינען ארויסגעראכט געווארען.

אלזא, אונטערזוכט האט מען 2084 פאמיליעס, באשטעהענדיג פון 10.603 מיטליעדער, ד. ה. דורכשניטליך 4 און האלב מיטגליעדער צו א פאמיליע. (אין אמערי- א רעכענט זיך א דורכשניטליכע פאמיליע זעלכע, וואס באשטעהט פון 5 מיטגליעער).

נאך די נאציאנאליטעטען:

אמעריקאנער, 465 פאמיליעס.
אידען, 772 פאמיליעס.
איטאליענער, 478 פאמיליעס.
רישע, 210 פאמיליעס.
עסטרייך-דייטשען, 108 פאמיליעס.
שווארצע, 51 פאמיליעס.

וויפיעל פארדינען דיזע פאמיליעס?

21 פראצענט פארדינען פון 300 ביז 60 דאלאר יעהרליך.

30 און א האלב פראצענט פארדינען 600 ביז 900 דאלאר יעהרליך.

21 פראצענט פארדינען פון 900 ביז 1,20 דאלאר יעהרליך.

10 פראצענט פארדינען פון 1,200 ביז 1,50 דאלאר יעהרליך.

3 פראצענט פארדינען פון 1,500 ביז 1,80 דאלאר יעהרליך.

13 פראצענט פארדינען פון 1,800 דאלאר און העכער.

גראדע אין יענעם יאהר ווען דיזע אויספארשונג איז געמאכט געווארען, ד. ה. אין 1918 האט די יונייטעד סטייטס לייבאר קאמישאן ערקלעהרט, אז א פאמיליע וועלכע באשטעהט פון 5 מענשען, (פאטער, מוטער און 3 קינדער), מוז האבען 1800 דאלאר א יאהר אום צו מאכען אן אנשטענדיגען לעבען.

ווי עס איז צו זעהן פון דעם רעפארט, האבען 78 פראצענט פארדינט פיעל ווייניגער פון 1800 דאלאר און נאר 13 פראצענט האבען פארדינט 1800 דאלאר און

# די רוימישע פרוי

פון דר. אסתר לוריע

רוים, די אלטע שטאדט פון דער רוי-
מישער רעפובליק, די הויפט-שטאדט פון
איטאליען, איז בארימט מיט איהרע
היסטארישע אנטיקען, מיט איהרע גע-
ביידעס, מיט איהרע קירכען, מיט איה-
רע פאלאצען, מיט איהרע גאסען, מיט
איהרע מוזעען א. א. וו. דיעזע שטאדט
האט אבער אויסגעזעהן גאנץ אנדערש
מיט 2000—2500 יאהר צוריק. די
קירכען האט מען אנגעהויבען בויען אין
דער צייט פון קריסטענטום, די פאלא-
צען און מוזעען האט מען אוועקגע-
שטעלט אין דער צייט פון דער רענע-
סאנס-עפאכע א. א. וו. די אמאליגע
רוימישע הויפט-שטאדט, אזוי ווי דאס
גאנצע רוימישע לאנד, איז באשטאנען
פון איינפאכע שטעדט, די איינוואוינער
האבען זיך באשעפטיגט מיט אקערבוי.
דאס רוימישע פאלק איז געווען פלייסיג,
געשעפטסמעסיג. דאס רוימישע פאלק
האט געשאפען געזעצע, וועלכע האבען
א באדייטונג ביז היינטיגען טאג. דאס
רוימישע פאלק האט אבער ניט געשא-
פען, ווי דאס גריכישע פאלק, אן אונ-
שטערבליכע פילאזאפיע און ליטעראטור.
דאס געשעפטסמעסיגע רוימישע פאלק
האט אבער ארויסגעגעבען היסטאריקער,
וועלכע האבען פארצייכענט און איבער-
געגעבען די פאליטישע פאסירונגען און
די שטאאטס-אנגעלעגענהייטען אין דער
וועלט. דאס לעבען האט אין רוימישען
לאנד אנגענומען א גאנץ אנדערען כא-
ראקטער, ווי אין גריכישען. אין גרי-
כענלאנד האט דאס פאלק פארבראכט
פיעל צייט אונטער'ן פרייען הימעל. אין
די רעליגיעזע צערעמאניען פון לאנד
האט גענומען אן אנטייל דאס גאנצע
פאלק — סיי פרוי, סיי מאן. אין רוי-
מישען לאנד האט דאס רעליגיעזע לעבען
ניט געשפיעלט אזא גרויסע ראלע. דער-
פאר האט דא ניט עקזיסטירט קיין
עפענטליכער פלאץ, וואו פרויען און מע-
נער פלעגען זיך צוזאמענקומען, ווי דאס
איז געווען דער פאל אין גריכענלאנד.

עס איז איבערהויפט שווער צו זא-
גען, צי די פרויען האט געשפיעלט אין
רוימישען לאנד א גרעסערע ראלע ווי
אין גריכענלאנד. דא האט די פרוי פון
איין זייט געהאט גרעסערע פרייהייטען
ווי אין גריכענלאנד, פון דער אנדער
זייט איז זי אבער געווען פיעל מעהר
פארשקלאפט. אין רוים האט זיך געפו-
נען פארהעלטניסמעסיג א קליינע צאהל
פרויען, און צוליעב דעם האט דאס גע-
זעץ פארעהרט דעם מאן צו האבען
מעהר ווי איין פרוי. די פרוי איז אויך
געווען פרייער פון דער גריכישער פרוי
אין הויז. דאס רוימישע הויז איז ניט
געווען צוטיילט, ווי דאס איז געווען דער
פאל אין גריכענלאנד, אויף צוויי העלפ-
טען — אויף פרויען און מענער-אפארט-
מענטס. די פרוי האט זיך באוועגט פריי
אין הויז. זי פלעגט פארברענגען צוזא-
מען מיט דער מענערשער געזעלשאפט.
זי איז געווען די בעל הבית'טע און די
ערציהערין פון איהרע קינדער. די שפינ-
ראד האט די פרוי געברויכט צו איהר
ארבייט, די שטיקעריי אבער האט זיך
געפונען אין די הענד פון די מענער.

אין רוים האט געהערשט, ווי אומע-
טום אין יענער צייט, די שקלאפעריי.
די פרויען שקלאפען פלעגען האבען די
זעלבע רעכטע, ווי די מענער שקלאפען,
אדער ריכטיגער געזאגט האבען זיי ניט
געהאט קיין שום רעכטע. די שקלאפען
האט דאס רוימישע געזעץ באטראכט
אלס אן אייגענטום פון בעל הבית. פון
רעסטווענען איז די באציהונג צו איהר
ניט געווען קיין גרויזאמע. צוליעב דעם
וואס דאס רוימישע פאלק האט זיך גע-
נויטיגט אין דעם צוואוואקס פון דער בא-
פעלקערונג, פלעגט מען די רוימישע
שקלאפין באפרייען פון א טייל ארבייט,
ווען זי פלעגט האבען עטליכע קינדער,
און ווען זי האט געהאט מעהר ווי דריי
קינדער, פלעגט זי אין גאנצען באפרייט
ווערען פון ארבייט.

דאס רוימישע געזעץ האט געגעבען
דעם מאן די אונבאגרענצטע מאכט אי-
בער זיין פרוי און זיינע קינדער. ער
האט געהאט דאס רעכט [illegible] דער'הרג'ע-
נען די פרוי אדער די קינדער אהן א גע-
ריכט. קאטא דער צענזאר האט גע-
זאגט: „ווען דו כאפסט דיין פרוי אין
אונטריייהייט, האסט דו דאס רעכט זי
צו דער'הרג'ענען גלייך אויפ'ן פלאץ,
[illegible] ווען זי כאפט [illegible] אבער
דיך האט זי ניט דאס רעכט דיך אנצו-
ריהרען מיט'ן פינגער, ווייל זי האט אי-
בערהויפט ניט קיין רעכטע."

דער פאלגענדער צעטעל כאראקטע-
ריזירט די באציהונג פון רוימישען מאן
צו דער ווייב:

ס . . . גאלוס האט זיך צושיידט מיט
זיין פרוי, ווייל זי פלעגט ארויסגעהן אין
גאס אהן א שלייער. אנטיסטוס וועטוס
האט זיך צושיידט מיט זיין ווייב, ווייל
זי פלעגט ארויסגעהן אהן א שלייער. ס.
ג. האט זיך צושיידט מיט זיין פרוי, ווייל
ער האט זי געזעהן רעדענדיג אין גע-
היים מיט א צווייטער פרוי. סאמפרא-
ניס סאפיוס האט ארויסגעטריבען זיין
פרוי פון הויז, ווייל זי האט געהאט די
אבזיכט צו געהן צו אן עפענטליכען
שפיעל, ניט זאגענדיג איהם וועגען דעם.

פון דיעזען צעטעל קען מען זעהן, ווי
פארשקלאפט איז געווען די רוימישע
פרוי. אין אנפאנג האט זי ניט געהאט
קיין שום רעכטע איבער איהר פארמע-
גען. דיעזעס רעכט האט זי אבער בים-
לעכווייז ערווארבען. ווען דאס רוימישע
פאלק איז געווארען רייך צוליעב די גרוי-
סע און זיעגרייכע מלחמות, וואס ער
האט געפיהרט, איז די רוימישע פרוי
געווארען זעהר פארשווענדעריש. דאס
געזעץ האט באשרענקט די רוימישע פרוי
ניט צו טראגען צו פיעל קאסטבארקייט.
די פרוי האט אבער דעם דאזיגען געזעץ
ניט אפגעהיט. אמת, זי פלעגט איהרע
קאסטבארקייטען אנווענדען אויך אויף
גוטע זאכען. ניט איין מאל האט די
רוימישע פרוי אוועקגעגעבען איהרע ברי-
ליאנטען דער רעגירונג, וועלכע האט זיך
גענויטיגט אין געלד אויף אנצוגעהן מיט
די מלחמות.

די פרויען האבען געהאט א רעכט
אין יענער צייט אין רוים ארויסצוטרע-
טען אויף די פאלקס-פארזאמלונגען און
פארום. דיעזעס רעכט האבען אבער די
פרויען זעהר זעלטען אויסגענוצט. עס
איז אבער אויך אויף דעם געקומען א
צייט.

דער צווייטער רוימישער טריאומווי-
ראט האט געדארפט האבען געלד צו
פיהרען דעם בירגער-קריעג. די רעגירונג
האט באשלאסען צו טעקסען 1400 רוי-
מישע פרויען. די פרויען האבען דאן
אויפגענומען דעם קאמפף פאר זייער
קעשענע. קיין מאן האט ניט געוואלט
פארטיידיגען זייערע אינטערעסען, הא-
בען זיי ארויסגעשטעלט הארטענזיא, די
טאכטער פון דעם בארימטען רעדנער,
הארטענזיוס. הארטענזיא'ס רעדע האט
געמאכט אן איינדרוק. דארום איז דער
אינהאלט פון איהר רעדע פארבליבען
פאר די שפעטערדיגע דורות, און האר-
טענזיא האט אויך אויסגעפיהרט.

מיר ווילען דא ברענגען אן אויסצוג
פון דער רעדע:

„ . . . איהר האט אונז אפגעריסען
פון אונזערע טאטעס, אונזערע זיהן, אונ-
זערע מענער, אונזערע ברידער, וועלכע
איהר באשולדיגט אין פיינדשאפט צו
אייך. און ווען איהר נעהמט צו אונזער
פארמעגען, שטעלט איהר אונז אוועק אין
באדינגונגען, וועלכע זיינען אונפאסענד
פאר אונז, אריסטאקראטישע פרויען.
אזוי ווי מיר, פרויען, האבען זיך ניט גע-
שטעלט אנטקעגען אייך, האבען ניט
ארונטערגעווארפען אייערע הייזער, הא-
בען ניט געשיקט קיין ארמעע געגען אייך,
טא פאר וואס באשטראפט איהר אונז
גלייך מיט די „פארברעכער", וועמעס
שותפים מיר זיינען ניט געווען? פאר
וואס זאלען מיר צאהלען טעקסעס, ווען
מיר נעהמען ניט קיין אנטייל אין דער
פאליטיק, פאר וועלכער איהר קעמפפט.
מיר וועלען גארניט האבען פון אייער
מאכט, פון אייער עהרע! „דאס איז
מלחמה-צייט", זאגט איהר. פיהרט
מלחמה מיט אונזערע אמת'ע פיינד, און
מיר וועלען ניט אפשטעהן פון אונזערע
מאמעס און זייער אפפערוויליגקייט פאר
דער אלגעמיינער זיכערהייט, אבער פאר
א בירגער-קריעג וועלען מיר זיך ניט אפ-
פערען".

דיעזע רעדע איז א וויכטיגער דאקו-
מענט. אמת, די פרוי האט ניט געפאר-
דערט מיט 2,000 יאהר צוריק קיין פא-
ליטישע גלייכבארעכטיגונג אין אונזער
זין. זי האט אבער איינגעזעהן, אז זי
האט ניט קיין דעה אין די רעגירונגס-
אנגעלעגענהייטען, און דערפאר האט זי
ניט געוואלט טראגען קיין פליכטען. נאך
מעהר, זי האט געהאט מוט אינדירעקט
צו לאזען הערען איהר מיינונג וועגען
רעגירונגס - אנגעלעגענהייטען, זאגענדיג
אז זי וויל ניט קיין בירגער-קריעג, און
דערפאר וועט זי דעם קריעג ניט אונ-
טערשטיצען. הארטענזיא האט אין איהר
רעדע אויסגעדריקט דעם געדאנק, וועל-
כער איז געווארען פאפולער מיט 18
יאהרהונדערטע שפעטער סיי טעארעטיש
סיי פראקטיש. דער געדאנק איז: „אהן
רעפרעזענטיישאן דארף ניט זיין קיין
טעקסיישאן". ווען הארטענזיא האט גע-
ענדיגט, זיינען די טריומווירען געווארען
אויסער זיך פון כעס, וואס פרויען האל-
טען אפ מיטינגען, אין דער צייט ווען
די מענער שווייגען. זיי האבען געהיי-
סען די פרויען ארויסטרייבען פון טרי-
בונאל. די פרויען האבען דאן געמאכט
א שרעקליכען טומעל, וועלכער האט זיך
געלאזט הערען אויפ'ן גאס. די טריאומ-
ווירים האבען זיי דאן פארזיכערט, אז זיי
זאלען זיין רוהיג, ביז די פראגע וועט
באטראכט ווערען. אויף מארגען האט
מען ארונטערגעזעצט די צאהל 1400
אויף 400".

# זאמלונגען אין די ריפער שעפער פאר די שטאל סטרייקער

בערנסטיין און קא.
דורך מאקס וויינשטיין, — 50.76
בערנסטיין וום., דורך י. העלער, 21.50
קאהען קלאוק קא.
דורך דזשיי. הארוויטץ, — 35.50
דאלגענאס און זוהן,
דורך סעם העללער — — — 80.04
עדעלסאן און האנד,
דורך א. טאווע — — — — 135.38
איינגעל-מאנופעקטשורינג קא.,
דורך ל. געלבערט — — — 42.00
פריעדמאן און סימאן,
דורך מאקס ראזענטהאל — 44.34
פראעונד היונא,
דורך מערי טיילאר — — — 36.00
פישער ה., דורך מ. גלוגסטיין 13.35
גאלדבערג און זימערמאן,
דורך ב. שאפירא — — — 29.00
געווירטצמאן און פרייאר,
דורך סעמיועל קאטץ — — 46.16
גודסטיין און בארא,
דורך הייזמאן קאסס — — 84.73
האפמאן מאקס, דורך ס. לעווין 46.20
הערמאן מארטימער,
דורך מ. פייגענבאום — — 4.09
דזשאפע מאררים,
דורך מ. פערלאף — — — 45.36
דזשוועניל קלאוק,
דורך אייגענבראט — — — 218.52
קאראסטאף דזשאו,
דורך בארני קאהען — — — 36.00
קאראסטאף נ. — — — — — 97.79
קאפלאן און וויינסטיין,
דורך ד. קאהען — — — — 142.94
קאפלאן בראס.,
דורך דזשיי. וויינסטיין — — 76.50
קליינבערגער בראס.
דורך דזשייקאב יארטנער — 140.09
קליפסטיין ט.
דורך י. מאיעפסקי — — — 115.39
קירש און קירש,
דורך בעני סיגעל — — — — 43.86
קרייזלער ל. דורך סטיין א. — 53.85
לעווין און סאלאף,
דורך מ. זעלדין — — — — 49.17
ליפשיטץ בראס., דורך בערמאן 22.00
לוסטגארטען און באק,
דורך לואיס פעלר — — — 65.50
לעוויטאן בראס. און זאקאווער,
דורך ס. געלליס — — — — 106.36
מירסקי און לואיס — — — — 46.00
א. און ס. אפענהיימער,
דורך איזיע פינקעלסטיין — 60.73
פראפאס דזשיי.
דורך י. מאסקאוויטץ — — 96.50
פאללער און באומאן — — — 73.81
פענקין און סאנס,
דורך ס. שאפירא — — — 106.00
רייזמאן, ראטהמאן און ביעבער,
דורך הערי ליווי — — — 211.58
רובינגער און אפענהיים,
דורך דייוויד לייבאוויטץ — 75.83
ראזענפעלד און זוהן,
דורך היימאן העללער — — 78.00
ראזענפעלד און ראזענבערג,
דורך דזש. ריטשמאן — — 163.87
ספערבער, פרענק און ענגעל,
דורך ה. לאסקי — — — — 74.78
סופרים קאוט קא.
דורך הארי סטיינבערג — 80.20
סטראוס ד. — — — — — — 41.00
שלאנסקי און קופער,
דורך מאקס מאלין — — — 164.24
סיראוויטץ ה., דורך י. וויינבערג 54.00
ספינדעל און ראזענטהאל,
דורך סולטצער — — — — 194.67
סאמועל סטערנבערג,
דורך ה. הוק — — — — 106.12
שולמאן און בריק,
דורך פה. קליין — — — — 86.68
שארף און וואסערמאן,
דורך ל. קאהען — — — — 66.73
סופרים קאוט קא.,
דורך ע. ראזען — — — — 77.00
טאנענבאום און מאי,
דורך מיסס קראמער — — 18.00
טערראן מאררים — — — — 3.00
אולפאין קלאוק קא.
דורך ל. ראזען — — — — 101.36
וויינסטיין בראס. ל.
דורך טאנענבאום — — — 384.00
וויינסטיין בראס.
דורך הארוויטץ, פארטנאאווסקי,
און זאק — — — — — — 1476.50
וויינסטיין און באהענסטיין,
דורך בערנסטיין — — — 60.54
וויינסטיין דזשאב.,
דורך ס. פישמאן — — — 79.38
וויינסטיין איז. בראס.
דורך א. אבראמאוויטץ — 95.68
זיכערמאן י., דורך גינזבערג — 22.48
זימערמאן דייוויד,
דורך דזשאו סטיין — — — 16.00

טאטאל — 5997.06

דזש. העלער,
סעקרעטער לאקאל 17.

# עקזעקוטיוו באארד מיטינג, לאקאל 25

מיטינג פון עקז. באארד פון דער לייר-
דיס וועיסט און דרעס מייקערס יוניאן
לאק. 25, אפגעהאלטען מיטוואך אבענד,
דעם 12טען נאוועמבער, 1919. שוועס-
טער שטיין אלס משערליידי.

בר. מאקאף שיקט איין א רעפארט
וועגען דעזולטאט פון די וואהלען פאר
עקז. באארד מעמבערס, אנגעבענדיג די
צאהל שטימען וואס זיינען אפגעגעבען
געווארען פאר יעדען קאנדידאט פון די
פארשידענע בראנטשעס. דער רעפארט
ווערט גוט געהייסען.

די אויפמערקזאמקייט פון עקז. באארד
ווערט געצויגען צו אן אונאויטאריזירטער
פארעפענטליכונג פון דעם רעזולטאט פון
די וואהלען וואס איז ערשינען אין דער
ניו יארק „קאל", איידער די וואהלען זיי-
נען ראטיפיצירט געווארען מיט דער בא-
הויפטונג דאס דער טערמין פון דעם ניי-
ערוועהלטען עקז. באארד איז אן אונבא-
גרענצטע. וועהרענד לויט די רולס פון
אונזער לאקאל וועט די נייע עקז. זיין
אין דיענסט א יאהר צייט, ווי אלע פרי-
הערדיגע עקזעקוטיוועס. די האנדלונג פון
בר. מאקאף ווערט שארף קריטיקירט און
דער סעקרעטער ווערט אינסטרואירט צו
פארעפענטליכען אן ערקלערונג וועגען דער
אנגעלעגענהייט.

עס ווערט באשלאסען דאס אינסטא-
ליישאן פון דער נייער עקזעקוטיווע זאל
פארקומען שבת דעם 15טען נאוועמבער,
אום 2 אוהר נ. מ.

בר. שעהנהאלץ שיקט איין א פינאנ-
ציעלען רעפארט פאר דער צייט פון דעם
24טען מאי ביז דעם 27טען סעפטעמבער,
זינט ער איז סעקרעטער-טרעזשורער.

פון דעם רעפארט איז צו זעהן, דאס
ניט קוקענדיג דערויף דאס דער לעצטער
עקז. באארד איז פיעל געשטערט געווא-
רען פון א גרופע אונפאראנטווארטליכע
פערזאנען, וועלכע האבען געטאן זייער
בעסטעס אום צו שאפען אונארדנונג און
אונצופרידענהייט אין אונזערע רייהען, איז
זעהר פיעל קאנסטרוקטיווע ארבייט
אויפגעטאן געווארען, פאר וועלכער דער
באארד איז בארעכטיגט צו דער פולסטער
אנערקענונג. א דאנק דער אפפערוויליג-
קייט און לאיאליטעט, וואס די מעמבערס
האבען ארויסגעוויזען אין לעצטען דזשע-
נעראל סטרייק איז עס געלונגען אונזערע
אינטערנאציאנאלע בעאמטע צו ברענגען
דעם סטרייק צו א סוקסעספולער ענדע.
א דאנק אויך דער זעלבינער איבערגעגעבע-
נער און אונערמידליכער ארבייט פון די
מעמבערס פון באארד געפינט זיך איצט
אונזער יוניאן, בלויז א קורצע צייט נאך
דעם לאנגען און קאסטבארען סטרייק, אין
א פינאנציעלען און מאראלישען צו-
שטאנד, מיט וועלכען מיר מעגען שטאל-

(שלוס אויף זייט 18.)

גענעם זויך און דאס שארפזיניגקייט פון די מיידלעך האט גע-
נומען פינקלען מיט אומערוואַרטעטע איינפאלען. ביסלעכווייז האבען זיך זייערע נשמות געטראָפען פאר אנדרע׳ן; ער האט גענומען באגרייפען יענעם סוד פון דעם פרויען כשוף, וועלכע ער האט געאהנט אין זיי, ווען זיי זיינען נאך געווען גאנץ יונגע מיידלעך, — א סוד וואס עס איז איהם קיינמאל ניט געלונגען אויפצודעקען אין זיינע צייטווייליגע פארבינדונגען מיט פרויען. אלץ וואס ער האט געזעהן ביי סעלינא׳ן איז געווען בלויז איהר פראכטפולער לייב און אלע איבריגע האבען איהם געגעבען צו פיהלען יענעם ציטער פון גענוס, וואס פארלעשט זיך גיך. קיינמאל האט ער ניט געוואוסט, וואס עס הייסט צו באזיצען א פרויען נשמה, יענעם אייביגען אוצר, וואס האט זיך איצט געעפענט פאר איהם.

דערווייל האט מארי-לואיז גערעדט בלויז וועגען קליי-ניגקייטען. וועגען איהר נשמה, וועגען איהרע פארלאנגען, וועגען דעם, וואס האט זי ציטערען געמאכט, וועגען אלעם, וואס האט זי גערדאַרפט באגייסטערען אין דער בליהונג פון זעקס און צוואנציג יאהר, האט זי קיין ווארט ניט ארויסגערעדט. אנדרע האט געפיהלט, אז זי גליטשט זיך ארויס פון זיין אויפ-מערקזאמקייט, אז איהם איז ניט באשערט געוואר צו ווערען וואס עס באהאלט זיך אונטער דעם באצויבערענדען פנים׳ל מיט דעם ליכטיגען פראפיל.

ער האט נאר נישט פארדעכטיגט, אז מארי-לואיז האט פונקט דאס זעלבע געטראכט וועגען איהם.

וואלט ניט בעסער זיין, אז ער זאל... וואגען... אז ער זאל באהערשען אט דאס מיידעל, צווינגען זי, אז זי זאל איהם ליעב קריגען, מיט גוואלט פארכאפען די דאזיגע נשמה, דאס דאזיגע לייב, דאס דאזיגע הארץ!

אין א פאר טאג ארום וועט זיך פאר איהם צושפרייטען א וואסער-מדבר... און דארט, אן אנדערער, אן אמת׳ער מדבר.

א כעס האט אויפגעפלאמט אין זיין הארצען נעגען דער שטאלצער, ניט צוגעלאזענער מיידעל.

און דא, נעבען די פיינע ליעבע מיידלעך, מיט די זשעס-טען פון אקטריסעס, נעבען מארי-לואיז, האט אנדרע מיט א באוואונדערער קלארקייט זיך גענומען דערמאנען די צופעליגע באקאנטע מיט די זינדיגע בליקען, מיט וועלכע דו וועסט גוט באקאנט אין איין אווענד — מיט פרויען, וואס האנדלען מיט זיך... איהם האט זיך געוועלט ווידער אמאל זיך ווארפען אין זייערע ארעמס, ווידער אמאל זיך אונטערטויכען אין די שטרא-מען פון זינליכע פארגעניגענס, איידער ער פאהרט אוועק אין דער מדבר.

ראזע׳ס דורכדרינגענדע שטימע האט באהערשט דעם גאנ-צען טומעל:

— לאמיר געה נאך טאבארען! מיר ווילט זיך זיין אין טאבארען, אויפ׳ן באל פון די האלבע יונגפרויען.

— געווים, געווים, — האט נאכגעזאגט זשארזש, א ביסעל א בארוישטער, איינבויגענדיג זיך צו סעלינא׳ס קארסעט, וועל-כע האט עס גאנץ פריי ערלויבט.

— געווים, אין טאבארען, דארט וועט זיין א קאנקורס פון שעהנע אנקעלס און איך וועל ארויסשטעלען מיינע!

לעאני האט זיך אויפגעשטעלט און געוויזען איהרע פיס אין די גאלדענע זאקען.

— לעאני! פיהר זיך אויף א ביסעל אנשטענדיגער!

מארי-לואיז האט ארונטערגעלאזען לעאני׳ס קליידעל אי-בער איהרע, ווי מארמאר, ווייסע פיס.

— ארונטער צו דער מארן.

— שרעק זיך ניט, מארי-לואיז! לעאני וועט ווייזען איהר אנקעלס, אבער זי לייגט זיי קיינעם ניט פאר.

— א דאנק גאט דערפאר!

— אלענפאלס וואלט קיינער פון די אנוועזענדע זיי ניט געקענט קויפען.

ארויסרעדענדיג די דאזיגע ווערטער, האט ראזא מיט א ווירדיגען אויסזעהן גענומען באגיסען מיט שאמפאניער איהר ערד-בער.

— וויפיעל? איך לייג פאר עס צו שטעלען אויף אק-ציאן.

אנדרע האט זיך געוויצעלט און די איינגערע שוועסטער האבען עס פארשטאנען.

— די ערשטע פרוכטען קען מען ניט אבשעצען.

— באזונדערס, ווען זיי זיינען אזוי זאפטיג.

— מיר וועלען שוין אכטונג געבען, אז דער קורס זאל ניט פאלען.

— וויפיעל מאל קלייבט איהר זיך דאס צו זיין דער ערש-טער פרוכט?

רוהיג האט געענטפערט ראזא:

— דאס איז אפהענגיג אן דעם קליענט!... אן זיין אינס-טינקט!... דריי-פיער וועלען לייכט גלויבען, אז די פרוכט איז פון בעסטען קוואליטעט! פאר א לומפיגע הונדערט פראנק קען מען אויף ס׳ניי געבארען ווערען... פארניכטען אלע צופע-ליגע באשעדיגונגען... עס איז דא פארהאנען אן עלטערע דא-מע, זעהר אן עהרווירדיגע פערזאן — זי האט מיר ארויסגעגעבען דעם סעקרעט.

— דיין שוועסטער וועט נאך ווייט אוועקגעהן! — האט אין סעלינא׳ס אויער אריינגערופען זשארזש.

— עס זעהט אויס אזוי!

אומבאמערקט האבען זיך זשעני און גאסטאן אויפגעהויב-בען פון אונטערן טיש. אין גארטען, צווישען די בוימער, וואס

האבען ארומגערינגעלט דעם רעסטאראן, האט א שימער געטאן איהר ווייסער סילועט; דערנאך האט זי זיך אביסעל געהוי-דעט; גאסטאן האט זי געהוידעט.

— אויב טאבארען, זאל זיין טאבארען, — האט זיך אנגערופען מארי-לואיז, ווענדענדיג זיך צו ראזא׳ן און לעאני׳ן, דאס האבען געריסען די רויטע און ווייסע בלעטלעך פון די ראזען און זיי געווארפען אין אנדרע.

— הייסט עס, אז יא! פאר דער מאמען וועלען מיר זיין אויסטראכטען עפעס א תירוץ.

— אט דאס געפעלט מיר! ענדליך האסטו זיך ענט-שלאסען! דו האסט וואונדערבארע אנקלען! דו וועסט זיי ווייזען?

— איך ווייס ניט! איך וויל פרעהליך זיין!... איהר זייט גערעכט, מען דארף זיך איילען צו לעבען!...

אויסגלייכענדיג, האט מארי-לואיז א בליצבע געלאכט מיט די אויגען פול מיט טרערען.

זיינען דאס טרערען פון פרייד צי פון ערגערניש?

אזוי האט זיך אליין געפרעגט אנדרע. א טיפער רחמנות האט ארומגעפאפט זיין נשמה ווען ער האט אונטער דער מאס-קע פון שטאלץ אזוי פיעל טרויער באמערקט.

— איהר האט פיבער, מארי-לואיז!

נעהמענדיג זי פאר דער האנד, האט ער זי צארט אוועק-געפיהרט אן א זייט.

קומט זיך אביסעל דורך, וועט איהר זיך בארוהיגען.

— זאגט שוין בעסער אפען, אז איך בין שכור, דאס איז אן אמת.

צוריקקעהרענדיג צום טיש, האט מארי-לואיז דערטרונקען דעם באקאל שאמפאניער. זי האט צוברעכען דעם באקאל שטעלענדיג איהר צוריק צו האסטיג אויף זיין ארט.

לעאני איז צוגעגאנגען צו דער שוועסטער און איהר שטארק א טרייסעל געטאן.

— הער, דו דערפיהר זיך ניט צו היסטעריקע, אז ניט וועל איך דיך אפגיסען מיט קאלט וואסער, כדי אביסעל אפצופרי-שען דיין קאפ.

— לאז איהר צורות, לעאני, אונזער מארי-לואיז לעבט אויף; מארגען וועלען מיר זי אוועקפיהרען נאך טאבארען... גיב בעסער א קוק אויף סעלינא׳ן. זי זשעניגרט זיך גאר ניט מיט איהר זשארזש׳ן.

ווי א פייל האט זיך ראזא א ווארף געטאן נאך דעם פארליעבטען פארל, וואס האבען, ארונטערגעהענדיג מיט די טרעפ, וואס האבען געפיהרט צו דער מארן, זיך צערטליך גע-דריקט איינע צו דעם צווייטען.

— גענוג צו פיהרען ליעבעס אין דער איינזאמקייט, סע-לינא! לאמיר שפיעלען אין באל. ווארף איהם צו אונז.

לעאני איז צוגעגאנגען צו ראזא׳ן.

— לאמיר זיי איבערלאזען אליין, — האט זי א מורמעל געטאן דער שוועסטער אין אויער אריין — אפשר וועלען זיי זיך פארט צו עפעס דעררעדען.

עס האבען א שימער געטאן ווייסע קליידלעך. דער באל האט גענומען אונטערשפרונגען, געשטויסען פון אונגעדולדיגע פיסלעך.

האלטענדיג זיך פאר די הענד, האבען סעלינא און זשארזש גענומען אן אנטייל אין שפיעל. זיי זיינען געווען געשווינד און בויגזאם און עהנליך איינער אויפ׳ן צווייטען, אזוי זיי-נען אויך געווען עהנליך איינער אויפ׳ן צווייטען גאסטאן און זשעני, וואס האבען, צערטליך ארומנעמענדיג זיך, ארומגעשפא-צירט אין דעם טיפען וועלדעל.

— ...איך האב דאס געקראגען היסטעריקע? — האט רו-היג ווידערהאלט מארי-לואיז, ווענדענדיג זיך צו אנדרע׳ן. — איך בין קיינמאל נאך אין מיין לעבען ניט געווען אזוי פאר-שטענדיג, ווי איצט; איצט איז מיר קלאר מיין גאנץ לעבען... איך טראכט בלויז, אז פון מיר וועט אויך ארויסקומען א גאנץ פיין מיידעל מיט דער צייט... אבער דאס איז פונקט אזא אויס-וועג, ווי יעדער אנדערער אויסוועג... אבער מארגען פאהר איך אומבאדינגט נאך טאבארען. און איצט, אויב איהר זייט אין דעם פאראינטערעסירט, מיין ליעבער פריינד, קען איך אייך אוועקשענקען די ערשטע פרוכט... אויב, פארשטעהט זיך, איהר זייט גרייט באצאהלען זיין ווערט, ווי ראזא האט זיך אויס-געדריקט...

— מארי-לואיז, ווערט שטיל!

צוזאמענגלייגענדיג די הענד, האט אנדרע זי באטראכט מיט אויגען, וואס האבען געברענט פאר כעס און מיט ציטערדיגע ליפען.

— איך פארבאט אייך צו פאהרען קיין טאבארען, איהר הערט, איך פארבאט עס אייך!

— וואס האט איהר געזאגט?

זי האט א קוק געטאן אויף איהם מיט אזא טראציגען, שטאלצען בליק, אז אנדרע׳ס הארץ האט גענומען ציטערען פאר ערגערניש. דאס ווארט, וואס ער האט געוואלט ארויס-ברענגען, איז אפגעשטארבען אויף זיינע ליפען. מארי-לואיז האט געקוקט אויף איהם ארויספאָרדערנדיג, קאלט און הויכ-מוטיג.

ער האט זיך אויפגעהויבען, אומגעדרעהט זיך און אוועק צום טייך און אפגעבונדען זשארזש׳ס שיפעל.

(פארטזעצונג פאלגט)

# אינסטאלײשאן פון דעם ניי־ערוועהלטען עקז. באארד פון ל. 25

שבת, דעם 15טען נאוועמבער, אום 4 אוהר נאכמיטאג איז אין בעטהאווען האל 210 איסט 5טע סט. פארגעקומען אינ־סטאליישאן פון דעם ניי ערוועהלטען עק־זעקוטיוו באארד.

ברודער ע. רייזבערג האט געעפענט דעם מיטינג. דער סעקרעטער לעזט פאר דעם פראטאקאל פון דעם לעצטען מיטינג פון אלטען עקז. באארד. ער נעהמט פאר א ראל קאל פון אלטען עקז. באארד. דער־מיט פארענדיגט זיך די טעטיגקייט פון דער אלטער אדמיניסטראציע.

ברודער שלעזינגער פרעז. פון דער אינ־טערנעשיאנאל ווערט פארגעשטעלט אלס דער אינסטאלער.

בר. שלעזינגער האלט דאן א גאנץ אינטערעסאנטע רעדע, אין וועלכער ער ווייזט אן די ניי־ערוועהלטע עקז. ב. מעמ־בערס זייערע אויפגאבען און פליכטען. עס איז זיין מיינונג דאס אום צו פארפעס־טיגען אונזער ארגאניזאציאן פאדערט זיך א זעהר גרינדליכע רעארגאניזירונג פון לאקאל 25 מיט א דזשאינט באארד אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע, און עטאבלירען עטליכע לאקאלס לויט די פארשידענע פאכען פון אונזער אינדוס־טריע. דאס וועט זיכער אריינברענגען א נייעם לעבען און א נייעם גייסט צווי־שען די מעמבערס, דאס וועט פיהרען דאס יעדער לאקאל וועט האבען א נעהענ־טערע פארבינדונג צווישען זייערע מעמ־בערס. עס וועט אהן צווייפעל פיהרען צו בעסערע רעזולטאטען. עס וועט געבען די מעגליכקייט צו פיעלע פון אונזערע מעמ־בערס צו זיין טעטיג און אויף אזא אופן פארבעסערען די ארבייטס־באדינגונגען, און דורך דעם שאפען צווישען די מעמ־בערס א גרעסערען אינטערעס צו זייער יוניאן.

אויך די ברידער בראף, סעק.-טרעזשורער פון דער אינטערנעשאנאל, און ס. זיידמאן רעדען א פאר הארציגע ווערטער צו דער ניי־ערוועהלטער עקז. באארד באגריסענדיג זיי און אנווייזענדיג זייערע אויפגאבען און פליכטען.

אונטער דעם פארזיץ פון בר. ס. זיידמאן, וועלכער פארענדיגט דעם מיטינג, ווערט ערוועהלט א רולס און רעגולײשאנס קאמיטע פון די שוועסטער אננא עפשטיין, פאולין שטיין, דארא טשערנושין און די ברידער י. לייבאוויץ און ה. זילבערמאן ארויסצוארבייטען רולס און רעגולײשאנס פאר׳ן עקזעקוטיוו באארד.

עס ווערט באשלאסען אז דער נעק־סטער מיטינג פון׳ם עקז. באארד זאל זיין דינסטאג אבענד, דעם 18טען נאוועמבער.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

# פרעזענטירען דעם שאפ־טשערמאן.

מיר די ארבייטער פון גרינקא און קרינגעל, 122 וועסט 27טע סטריט, פרע־זענטירען אונזער שאפ-טשערמאן, ברודער היימאן פערעלמוטער, מיט א דיימאנד פין פאר זיין גוטע און איבערגעגעבענע ארבייט וואס ער לייסטעט פאר אונזער שאפ. אויך די יוניאן אנערקענט זיין גו־טע ארבייט.

מיט ברודער גרוס,
מ. הערשקאוויץ,
ד. לעווין,
הערי גארדאן,
פריינק פעדער,
די [illegible]

מעהר, ד. ה. די מאיאריטעט האט פלוט ניט פארדינט אויף א לעבען.

וואס האבען די פאמיליעס געקאנט טאן אונטער אזעלכע אומשטענדען?

לעזט:

120 פאמיליעס זיינען געצוואונגען גע־ווארען אריינצונעהמען באָרדערס.

191 פאמיליעס זיינען געצוואונגען גע־ווארען צו זוכען טשאריטי.

אין 206 פאמיליעס האבען די מוטערס געמוזט געהן ארבייטען.

אין 138 פאמיליעס זיינען קינדער גע־צוואונגען געווארען אויפצוגעבען זייער שטודיום און געהן ארבייטען.

374 פאמיליעס האבען זיך פאר'חוב'ט.

אימער געפינען זיך פרויען און קינדער וואס געהן ארבייטען, אבער די דערמאנטע ציפערען, זיינען אלץ נייע קאנדידאטען, וואס זיינען געצוואונגען געווארען דאס צו טאן א דאנק די הויכע לעבענס־קאסטען.

וואס האט פאסירט אין אזעלכע פעלע?

די וואוינונגען זיינען אזוי אויך געווע־זען קליין, און אריינגענעהמענדיג באָרדערס, האט זיך די גאנצע פאמיליע געמוזט צו־זאמענפאקען אין איין רום, ניט האבען גע־נוג לופט, און אזוי באצאלען מיט'ן גע־זונד.

דאס אנקומען נאך טשאריטי האט גע־מאכט די מענשען פאר בעטלער און זיך פיהלען ערנידריגט.

דארט, וואו די מוטער האט געמוזט געהן ארבייטען, זיינען די קינדער און — אין פיעלע פעלע — זוינ קינדער פארנאכ־לעסיגט געווארען: אייניגע האבען אוועקגעגעבען די קינדער צו פריינדע און אייניגע אין אנשטאלטען און אייניגע זיי־נען געבליבען אליין. דאס האט צוריסען גאנצע פאמיליעס.

פיעלע פאמיליעס האבען זיך פארשול־דינט אויף די נויטינגסטע זאכען, ניט קע־נענדיג באצאלען רענט, פאר גאז, גראָ־סעריס, אינשורענס, קויהלען, דאקטאר און מעדיצין בילס, פארניטשור, מארטגע־דזשעס, א. ז. וו.

צו וואס דאס האט געפיהרט איז זיך לייכט פארצושטעלען: מען האט אפגע־לצשען די גאז, מען האט אייניגע ארויסגע־ווארפען פון זייערע וואוינונגען, פיעלע האבען פארלארען זייערע א נשורענס פא־ליסים, מענשען האבען געמוזט פריהרען, און די יעניגע וואס האבען ניט געקאנט צאלען די מארטגעדזשעס, האבען פארלא־רען די הייזקעס...

דאס אלעס האט פאסירט נאכדעם, וואס מענשען האבען זיך אפגעזאגט פון די נויטיגסטע זאכען; אבער עס האט ניט געהאָלפען, עס האט דאך ניט געקלעקט אויף קיין זאך.

695 פאמיליעס זיינען זיך אין גאנצען באגאנגען אהן פלייש.

23 פאמיליעס האבען די פארציעס רעדו־צירט.

442 פאמיליעס האבען אויפגעהערט צו עסען אייער.

296 פאמיליעס האבען קיין טראפען מילך ניט אריינגעקראגען אין הויז.

71 פאמיליעס האבען די פארציעס רעדוצירט.

370 פאמיליעס האבען קיין פוטער אריינגעקראגען אין הויז.

191 פאמיליעס האבען די פארציעס רעדוצירט.

628 פאמיליעס האבען זיך געמוזט אפ־זאגען פון קויפען נייע קליידער, וואס גע־וועהנליך פלעגען זיי עס טאן.

238 פאמיליעס האבען דאס קויפען רעדוצירט.

507 פאמיליעס האבען געמוזט אויפ־געבען זייערע אמיוזמענטס — ווי טעא־טער, מאווינג פיקטשורס, בעלער, קאנ־צערטען, א. ז. וו.

א לאנגער צעטעל פון „אפזאגונגען" פון די נויטיגסטע זאכען איז אויסגערע־כענט, אבער דער אויבגערעכענטער צע־טעל איז גענוג. ווייל, ווען די פרוי האט געמוזט געהן ארבייטען, זיינען די קראנ־קע מעמבערס פארנאכלעסיגט געווארען, און דאס צוזאמען מיט די שלעכטע אדער ווייניג נארהאפטע שפייזען האבען פשוט פארלענגערט די קראנקהייט, אזוי אז דער קראנקער האט געמוזט בלייבען לענגער אין דער היים און ניט פארדינען, און הא־בען דארום פארלארען דירעקט 41 טויזענד דאלאר אין וויידזשעס.

פון דעם רעפארט איז צו פארשטעהן, אז דר. הערדים איז ניט קיין געוועהנליכער בעאמטער. דער גאנצער רעפארט איז דורכגעדרונגען מיט רחמנות צו די ליידענ־דע.

צו ענדע פון זיין רעפארט זאגט ער:

„דאס אלעס גיט גענוג פלאץ צו פאר־שטעהן, אז דער אינדוסטריעלער ארבייטער מוז קריגען וויידזשעס אין דער פראפאר־ציע פון די הויכע לעבענס־קאסטען, און אויב דאס איז ניט מעגליך, זאל דער אר־בייטער קריגען א פענסיע פון דעם שטאאט פאר וועלכען ער האט געארבייט און אפטמאל זיך מקריב געווען, און ניט קיין טשאריטי זאל ער קריגען פון דער געזעלשאפט". צי דאס וועט לעזען די שמערצליכע פראבלעמע, איז ניט דא דער פלאץ צו דיסקוטירען. קלאר ברענגט אבער דער רעפארט ארויס, אז ארבייטער קריגען ניט וויידזשעס אין פראפארציע מיט די הויכע לעבענס־קאסטען, און ווייל דיזער רעפארט שטימט פון אזא קוועלע, וועלכע מען קאן ניט חושד זיין אין סאציאליזמוס אדער ראדיקאליזמוס, איז ער פון א באַ־זונדערען ווערטה. דער רעפארט, ווי גע־זאגט, איז ארויסגעגעבען געווארען ביי דער ניו יארקער באארד און העלטה.

# א געזעג נאך ליעבע

(ראמאן)
פון פאלינא וואלמי

אידיש פון
אברהם נירענבערג.

(פארטזעצונג)

— זיי האבען זיך איינגערעדט, אז מיט אזוינע ווערטער וועלען זיי ארויספיהרען מענער פון זינען, — האט שטיל באַ־מערקט זשעני, וואס איז געזעסען נעבען גאסטאנ'ען.

— ווען איהר עס גלויבען, אנדרע, זיי האבען א פאר־שטעלונג, אז זיי זיינען א נייע פארקערפערונג פון די אלטע געטצען... יא, ניט מעהר און ניט ווייניגער... לעאני אליין האט עס מיר אמאל געזאגט.

— דאס איז גאנץ מעגליך, — האט רוהיג און ערנסט גע־ענטפערט אנדרע.

— איהר אויך מיט זיי?

מארי־לואיז איז כמעט אין כעס געווארען.

— איהר ווערט דאך ניט צוגעבען זיי מוט אין זייער משוגעת'ן, און זיך נעהמען ערנסט באציהען צו דעם, וואס זיי פלוידערען? עס קען דאך מאכען דעם איינדרוק, אז איהר זייט פונקט אזוי קראנק, ווי זיי!

— איך בין קראנק, משוגע? וואס, בלויז ווערפאר, וואס איך, צוזאמען מיט די מיידלאך, האבען אן אנדער קוק, ווי איהר? האט איהר דען דאס איינציגע רעכט אויפ'ן אמת? עס וועט דורכגעהן א פאר יאהר און מיר אלע וועלען ווידער פארוואנדעלט ווערען אין שטויב... צי זיי זיינען קלוג אדער נא־ריש... זיי זיינען גליקליך און איהר דארפט זיי לאזען צו רוה.

שארף האט אנדרע ארויסגערעדט די דאזיגע ווערטער; עס האט זיך געפיהלט א געוויסע באליידיגונג אין זיין קול, וואס עס איז ניט פארבייגעגאנגען אונבאמערקט פאר מארי־לואיז. ער האט איהר מוחל געווען איהר קלוגהייט.

— דאס איז דיין לוין, פארקערפערטע ווירדיגקייט!

— דאס קריגסטו דערפאר, וואס דו לאזט אונז חלומ'ען אויפ'ן קול.

לעאני און ראזא, וואס זיינען געזעסען אונטער אנדרע'ן, האבען איהם צוגעווארפען לופטיגע קושען; ער האט אנגעהאל־טען דעם קאלטען אויסדרוק אויף זיין פנים.

— יא, מארי־לואיז, — האט אונטערגעכאפט לעאני, — אונדזינען פארשלעפען אין אונבאקאנטע תהום'ען, זיי פיהרען צום אונטערגאנג, זיי קענען מאכען מענער אונטערטעניג צו זיך, זיי שניידען און זיך נעהרען מיט זיי.

לעאני, אויף וועמעס ענטבלויזטער ברוסט האט זיך ארויס־געזעהן, ווי א בלוטיגער פלעק, אשטיק קאראל, לעאני מיט די פראכטפולע אויגען און אונטערגעפארבטע ליפען, האט באמת אויסגעזעהן ווי א פאטאלע קראפט צו וועלכען עס האבען גע־שטראמט אלע באגעהרען פון מענער; איהרע ווייסע ענטבלויז־טע ארעמס האבען צושפרייט א תהום אין וועלכען עס פלעגט זינקען האפנונגסלאז יעדער ווילען.

— מיינסטו אויף אן אמת, דו נאריש מיידעל, — האט איראניש באמערקט מארי־לואיז, — אז א מאן קען מען פאנגען ווי א פייגעלע? יא, אויף א פאר מינוט קען ער פארלירען דאס באוואוסטזיין, אבער ער וועט גלייך זיך ארויסדרעהען פון דיינע הענטלעך! — א, ווי לייכטזיניג איהר זייט נאך אלץ!

— מארי־לואיז, אויב איהר וועט אלץ האלטען אין קאליע מאכען אונזער יום־טוב, וועל איך אייך ניט ארונטערנעהמען פון דעם שיפעל, ווען מיר וועלען דערגרייכען דעם ברעג... איך וועל אייך איינע אליין איבערלאזען... הערט זיך איין, איך וויל זיך אויך פרעהען, זיין לוסטיג! אין א וואך ארום וועל איך שוין ניט הערען קיין פרויען־שטימע... אט האב איך זיך שוין אויך אנגעשטעקט פון אייך... לאכט, פרעהט זיך, מיידלאך!... זייט פרעהליך היינט...

אן אויפרעגונג האט זיך געפיהלט אין אנדרע'ס שטימע און מארי־לואיז האט דערפיהלט א טרויער, וואס באלד וועט אויסקומען זיך צושיידען.

ראזא און לעאני, פרעהענדיג זיך, וואס אנדרע פיהלט זיי מיט, אדער, אט ווייניגסטענס, פארשטעהט זיי, האבען אויפ'ן קול גענומען אויסדריקען זייער ענטציקונג.

— בראווא, הער דאקטאר, בראווא!

— פיהרט אונז אוועק מיט זיך, מיר וועלען פארווינען אייך מיט אונזערע מעשה'לעך.

— זינגען ליעדער!

— טאנצען!

— נידער מיט די קארסעטען! דעם נאקעטען לייב וועלען מיר פארוויקלען אין א פאר איילען מושלין!

— דארט וואלט מען פאר אונז אויסגעבויט א טעמפעל מיט פינק מארמארנע הייהלען.

— מיר וואלטען געווארען די פריסטערינס!

— מיר וואלטען געהאט שקלאפינס!

— מיר וואלטען שוין מעהר ניט געדארפט ארבייטען!

— אט זיינען מיר שוין אנגעקומען! אייך, ווי עס זעהט אויס, איז זעהר פרעהליך! — האט סעלינא געוועהט צו זיי מיט א טיכעל פון זשארזשים שיפעל, וואס איז שוין געווען צו־געשוואומען צום ברעג.

אין גאנצען פארזונקען אין גרינס איז געשטאנען דער רעסטאראן. וואונדערליך איז געווען די געביידע מיט איהרע טורעמלעך, הילצערנע באלקאנען, טיעפע פענסטער מיט קליינע שויבען, וואס זיינען געווען פארשטעלט מיט הילצערנע גראַ־טעס. מען האט געזאגט, אז די דאזיגע געביידע איז געווען אין די צייטען פון לודוויג דעם דרייצעהנטען, א יאנד־שלאס.

איצט פלעגט מען דא קומען טאנצען אין די זונטאגס.

די צוויי שיפלעך האבען געשריען; עס איז זיי געקומען אנטקעגען דער באלעבאס פון דעם האטעל; ער האט געוואוסט פון זייער קומען, ווייל נאך אין דער פריה האט אנדרע בא־שטעלט ביי איהם פריהשטיק.

אלץ איז געווען צוגעגרייט פאר דער אויפנאמע פון די שעהנע אינדינען, וועלכע אלע האבען געקענט אין דער גאנ־צער געגענד פון סען־מאר. ניט איינמאל האבען די, וואס וואוינען ביים ברעג געזעהן ווי זיי שווימען אויף דעם קאפי־טאנ'ס שיפל, מיט וועלכען זיי האבען זיך פריי באנוצט אין דער צייט, ווען ער איז געווען אין די קאלאניען.

דאס עסען איז געווען צוגעגרייט אויף דער טעראסע, וואס איז געווען הארט ביים וואסער.

דער טיש, וואס איז געווען ארומגעשטעלט מיט רויזען, די שמאלע באקאלען, וואס האבען ערווארטעט אנגעפילט צו ווערען מיט שאמפאניער, די טעלער מיט קרעבסען — דאס אלץ האט עדות געזאגט מיט וויפיעל איבערגעבענהייט אנדרע פלעגט טראקטירען זיינע באגלייטערינס.

— דאס איז אונזער געזעגנים פריהשטיק, קינדער, מען דארף זיין פרעהליך!...... און איך בין זעהר צופרידען וואס איהר זייט אויך דא, — האט אנדרע געזאגט ווענדענדיג זיך צו גאסטאנ'ען און זשראזש'ען, וועלכע האבען זיך געפיהלט א ביסעל פארלארען, זעהענדיג די אלע צוגרייטונגען.

— איך האב געוואלט אייך אלע־נעמען היינט אוונד נאך פאריז, כדי צוזאמען צו פארברענגען דעם אוונד, אבער דא וועט אונז זיין פיעל פרעהליכער.

— אומגליקליכער! עס ווערט טרויעריג אויפ'ן הארצען, ווען מען גיט א טראכט, אז גאר אין גיכען וועט דיר אויסקומען צו געהן אויף יאנד נאך געלהויטיגע אדער שווארצהויטיגע שעהנהייטען! איך בין זיך מודה, אז די דאזיגע קאלירען וואל־טען ניט אויפגעפלאמט מיט בלוט.

דאס האט געזאגט זשארש, דרעהענדיג זיך ארום סעלי־נא'ן, וואס האט געהאלטען אין צופעסטיגען א רויז צו איהר קארסעט. די שוועסטער האבען נאכגעפאלגט איהר ביישפיעל. אויף איהר צערטליכער און ווייסער הויט האבען הערליך אויפגעבליהט ווייסע און רויטע רויזען בלעטלעך. מארי־לואיז האט צוגעפעסטיגט א פורפור רויז צו איהר ברוסט, און געגען דעם מאט בלייכען קאליר פון דעם מיידעל'ס לייב, האט די בלום אויסגעזעהן, ווי זי וואלט אפגעגאנגען מיט בלוט.

פונקט אזא בלוט רויטע רויז האט אנדרע אריינגעשטעקט צו זיך אין לאץ.

— ער האט ליעב די קאלירען, וואס דו האסט ליעב, מאַ־רי־לואיז, דאס איז א ליעבעס ערקלערונג — האט ראזא אריינ־געמורמעלט אין איהר שוועסטער'ס אויער. — און דו רופסט מיך נאר, דו ביסט נארישער פון מיר.

— זאל לעבען אנדרע!

— אונזער גוטער שכן!

— אונזער וואוילער באלעבאס!

אויגען שווארצע, אויגען בלויע, און אויגען מיט'ן קאליר פון קארנבלומען, שווארץ־אפלען, וואס האבען געלויכטען ווי שווארצע בריליאנטען, — אט די אלע בליקען האבען געפלאמט; ראזע און רויטע ליפען האבען זיך געעפענט ווי די בלומען, וואס האבען געדופטעט אויף די בריסטען פון די מיידלעך; קליינע הענטלעך האבען זיך באוועגען אין דער לופט אין עלע־גאנטע באוועגונגען, באשאפענדיג עפעס באצויבערענדעס.

אנדרע האט נאכגעפאלגט נאך די באוועגונגען פון די מיידלאך, ער האט זיך איינגעהערט אין זייערע שטימען, וואס האבען געקלונגען אמאל דורכדרינגענדיג, אמאל פאדערנדיג און אמאל קלאר ווי קרישטאל. אין ס'ארא וואונדערבארער מע־לאדיע האבען זיך צוזאמענגעגאסען די אלע פרויען שטימען, דאך וועט אט די מוזיק ניט פארווינען זיין הארץ, זיינע טרוימען געלונגען אויפצודעקען אין זיינע צייטווייליגע פארבינדונגען מיט די אויגען דאס בילד, וואס די פינף מיידלעך האבען געשאפען צווישען גראז, ביים ים, באלויכטען פון דער זון. עס זיינען ארויסגעשפרונגען די פראפענס פון די פלעשער מיט דעם נאל־

# דער לעצטער קאמפיין

פון מ. בארנאוו.

נעמענדיג אין אנבעטראכט די אויסערארדענטליך גינסטיגע אומשטענדען, האבען די סאציאליסטען אין ניו יארק באדארפט געווען קריגען ניט 126,000 שטימען, נאר אם וועניגסטען 200,000.

די וואקסענדע רעאקציע האט א שטארקע אפאזיציאנעלע שטימונג באשאפען, און דיעזע שטימונג האט אויף קיין אנדער וועג ניט געקענט אויסדריקען זיך ווי דורך א וואוט פאר דער סאציאליסטישער פארטיי, ווייל קיין אנדערע אפאזיציאנעלע פארטיי איז נאך דערווייל ניטא אין דעם לאנד.

דער יקרות האט געשאפען א מאסע קיקערס.

די רענט-פראגע האט געשאפען א מאסע אונצופרידענע.

אויב מען זאל גלויבען אונזערע מלמדים, איז דאס פאלק שטארק אויפגעבראכט געגען דעם פרידען-טראקטאט מיט דייטשלאנד.

די אירלענדער זיינען אין כעס אויף ביידע קאפיטאליסטישע פארטייען.

די שווארצע — דאסזעלבע.

די צאהלרייכע גרויסע און קליינע סטרייקס האבען באשאפען א רעוואלוציאנערע שטימונג.

פון דעם סאציאלען וואולקאן, וואס פלאקערט יעצט אין רוסלאנד, פליהען אהער אהן אויפהער רעוואלוציאנערע פונקען.

די וויבער האבען היינטיגס יאהר בעסער פארשטאנען ווי אזוי צו שטימען און האבען זיך ווייניגער געשעהמט צו שטימען, ווי פאר-א-יאהרען.

נעהמענדיג אין אנבאטראכט אלע דיעזע זעהר גינסטיגע אומשטענדען, דארף מען האבען דעם מוט זיך מודה צו זיין, אז אונזער „זיעג" האט היינטיגס יאהר געקענט און געדארפט זיין באדייטענד גרעסער.

דאס, וואס אונזער פארטיי איז גראדע היינטיגס יאהר צושפאלטען געווארען, איז קיין ערקלעהרונג ניט. אלע ווייסען, אז די „לינקע" זיינען געווען שטארק אין דער פארטיי, אבער מיזעראבעל שוואך אויסער דער פארטיי. זיי האבען אונז זעהר וועניג שאדען געקענט ברענגען.

און די נאך ניט געגרינדעטע ארבייטער-פארטייען האבען אונז אויך ניט געקענט שטערען.

און ווען א פארטיי פארלירט א דריטעל פון איהרע אלדערמען און געווינט צוריק בלויז א העלפט פון די פארלארענע אסעמבלימען, איז דאס א צווייפעלהאפטער זיעג.

און עס איז א קנאפער טרייסט צו זאגען, אז עס האט געקענט זיין ערגער. עס האט ניט געדארפט זיין ערגער.

* * *

אויסער ניו יארק האבען מיר, דאכט זיך, ניט געהאט אפילו קיין קליינע זיעגע. אין באסטאן האבען ארבייטער געהאלפען ווידערצוערוועהלען א גאווערנאר, וואס האט זיך באריהמט געמאכט דערמיט, וואס ער האט דערשטיקט דעם סטרייק פון די פאליסלייט.

אפילו די סטרייקענדע שטאל-ארבייטער און קוילען-גרעבער האבען, ווי עס שיינט, איבעראל געשטימט פאר די אלטע פארטייען.

אין ניו יארק האט די סאציאליסטישע פארטיי געצויגען 90 פראצענט פון איהרע שטימען אין די אידישע קווארטאלען. און די ערוועהלטע סאציאליסטישע אלדערמען און אסעמבלימען זיינען מייסטענס אידען. די פאר ערוועהלטע קריסטען זיינען „געלאפען" אין אידישע קווארטאלען. דאס מעג זיין א גרויסע עהרע פאר די אידען, אבער דאס באוויזט ניט, אז די רעוואלוציאנערע פונקען פון יענער זייט האבען דא אימיצען אנגעצונדען, אויסער די אידען און די איינגעוואנדערטע פון מזרח-אייראפא. עכטע אמעריקאנער זיינען הפנים פול מיט פייכטקייט; און אונזערע אידען זיינען אזוי טרוקען, דאס אפילו דער שיין פון א פלאם קען זיי אנצינדען.

וואס קענען מיר לערנען פון דעם לעצטען קעמפיין?

ערשטענס, אז עס איז לייכטער פאר א סאציאליסטישער פארטיי אנצונעהמען רעוואלוציאנערע רעזאלוציעס און ארויסצולאזען רעוואלוציאנערע מאניפעסטען, ווי אנצופיהרען רעוואלוציאנערע פאליטישע קעמפיינס. מאכען פאליטיק הייסט מאכען קאמפראמיסען, פיהרען פאליטישע קעמפיינס הייסט צו-כאפען שטימען און צו יאגען זיך נאך פאליטישע עמטער. דאס איז אונפארמיידליך. אין א קעמפיין מוז מען „בומען". אין א קעמפיין מוז מען יעדען קלאס בירגער צוזאגען אל דאס גוטס, — אפילו דאס, וואס מען וויים פאראויס, אז מען וועט נים קענען אויספיהרען. אין א קעמפיין מוז מען בלאפען און באריהמען זיך. אין א קעמפיין מוז מען אויסערליך געברויכען די זעלבע מעטאדען, ווי אנדערע פארטייען, — אז ניט האט מען קיין אויסזיכטען ניט צו געווינען.

צווייטענס, אז אויסער בראנזוויל און בראנקס איז נאך קיין טייל פון די פאראייניגטע שטאאטען ניט פארטיג פאר דער סאציאלער רעוואלוציאן: עס איז מעגליך, דאס אפילו דיעזע צוויי פראווינצען וועלען זיך ארויסווייזען ניט פארטיג, ווען אונזערע קאמוניסטען וועלען באשליסען, אז די שטונדע איז געקומען. אבער דערווייל זיינען זיי פארטיג.

דריטענס, אז אום דיעזע אפגעשטאנענע מדינה זאל וואס גיכער געשטעלט ווערען אויף דער „שוועל", איז אבסאלוט נויטווענדיג אריבערצוברענגען אהער וואס גיכער אם וועניגסטען א פאר מיליאן אידען. אז ניט, קען זיך די מעשה פארציהען גאט ווייס אויף ווי לאנג.

און פערטענס, אז אונזער פארטיי ניט קוקענדיג אויף אלע איהרע אמת'ע אדער אויסגעטראכטע זיעגען, הענגט נאך דערווייל אין דער לופטען, און אז מען מוז זי וואס גיכער אויף דער ערד אנידערשטעלען און מיט שווערע אייזערנע קייטען צו דער ערד צובינדען, אום זי זאל חלילה ניט אפרייסען זיך און ווידער אין די וואלקענס ניט אנטלויפען.

* * *

דער אומגליק איז, וואס מיר גיבען אוועק אזוי פיעל צייט און ענערגיע אויף רעדען רעוואלוציע, דאס עס בלייבט ביי אונז קיין צייט און קיין כחות, אום צו מאכען רעוואלוציע.

דער אומגליק איז, וואס מיר זיינען אזוי פארנומען מיט זוכען חטאים איינער ביים אנדערען, דאס אונז קלעקט ניט קיין צייט און קיין כחות צו טאן עפעס.

דער אומגליק איז... יא, דער אומגליק-איז, וואס עס איז א סך לייכטער צו קריטיקירען, ווי אליין ריכטיג צו האנדלען.

דאס אנגענעהמסטע, דאס פאפולערסטע, דאס זיכערסטע איז צו האלטען אין איין שרייען: „הורראה!" און „עס לעבע!".

# דער אינטערנאציאנאלער קאנפערענץ פון דער „ארבייטער סעקציע" צו דער „ליעג אוו ניישאנס"

פון ה. לאנג.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Nov. 21, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

עס איז, נאטירליך, שווער פאראויסצוזאגען, וואס עס וועט ווערען פון דער פיעל געבוטמעטער „ליעג אף ניישאנס". מען קען שוין אבער זיכער זיך מאכען א באגריף, וואס עס וועט ווערען פון דער זאגענאנטער „ארבייטער סעקציע" פון דעם פעלקער-בונד. אייגענטליך ווייסט מען שוין וואס עס איז געווארען פון דעם. אין וואשינגטאן ווערט איצט געהאלטען די גרינדונגס-פארזאמלונג פון דער „ארבייטער-סעקציע" פון דער „ליעג אף ניישאנס"; און שוין ביי דער גרינדונגס-פארזאמלונג זעהט מען איהר גורל. און איהר גורל איז אריינצוגעהן אין דער געשיכטע אלס א ניט-געלונגענער פארזוך צו וועלען באווייזען וואס דער ארבייטער קלאס האט געוואונען פון דער מלחמה, אדער בעסער געזאגט, אלס א חלום פון עטליכע ארבייטער-פיהרער צו שאפען א מין קאאליציאן צווישען ארבייט, קאפיטאל און רעגירונגען פון דער וועלט.

די לעזער געדענקען געוויס, אז אין דער צייט, ווען עס איז אין פאריז געהאלטען געווארען דער פרידענס קאנגרעס, איז דארטען אויך פארגעקומען א קאנפערענץ פון ארבייטער פארשטעהער, פארטרעטער פון קאפיטאל און פארטרעטער פון די רעגירונגען אויסצוארבייטען א „לייבאר-טשארטער", וואס זאל פראקלאמירען פאר דער וועלט געזיכערטע ארבייטער רעכטע און באשטימטע ארבייטס-קאנדישאנס אין אלע לענדער. די פלענער, באשליסע און רעזאלוציעס פון דיזען קאנפערענץ זיינען מיט מאנכע ענדערונגען ראטיפיצירט געווארען פון פרידענס קאנגרעס. און עס האט געהייסען, אז אלס א רעזולטאט פון דער וועלט-מלחמה האבען מיר ניט בלויז א „ליעג אף ניישאנס", נאר אויך אן אינטערנאציאנאלע קאמיסיע וואס וועט שטענדיג אויפפאסען אויף די ארבייטס-קאנדישאנס אין אלע לענדער. איצט איז דיזע קאמיסיע זיך צונויפגעקומען אין וואשינגטאן און מיר זעהען שוין, אז קיין לאנגען לעבען איז איהר ניט באשערט; און אז אויב אפילו זי זאל דאך לעבען, וועט עס זיין בלויז נאמינעל. אין דער ווירקליכקייט אבער, וועט זי זיין גלייך נול.

אין ליכט פון דער ווירקליכקייט איז דער גאנצער איצטיגער קאנפערענץ פון דער קאמיסיע ניט מעהר ווי א פארם אויב ניט קיין טראגי-קאמעדיע. אמעריקא איז ביים קאנפערענץ אפיציעל ניט פארטראטען. ניט אמעריקאנער קאפיטאל, ניט אמעריקאנער ארבייט און ניט די היגע רעגירונג. אמעריקא איז נאך ניט קיין אפיציעלער טייל פון דער „ליעג אף ניישאנס". דער פרידענס-אפמאך איז נאך דא ניט גוט געהייסען געווארען. אבער דאס וואלט נאך אפשר ניט געווען אזוי שרייענד. איז אמעריקא ניט פארטראטען אפיציעל ביים ערשטען קאנפערענץ, וועט זי זיין פארטראטען ביים צווייטען קאנפערענץ. דער אומגליק מיט דעם קאנפערענץ איז, וואס קיין צד נעהמט איהם ניט ערנסט. ווי אלע צדדים, — קאפיטאל, ארבייט און רעגירונגען — זיינען ניט געווען צופרידען ביי דעם ערשטען צונויפטרעפען זיך אין פאריז, זעהען זיי זיך איצט ארום, אז פאקטיש איז אונמעגליך די ערווארטעטע האפנונגען פון דער „ארבייטער סעקציע" פון דער „ליעג אף ניישאנס" דורכצופיהרען, שוין ניט ריידענדיג פון דעם, אז דער גאנצער פלאן פון אן „ארבייטער סעקציע" צו דער „ליעג אף ניישאנס" איז ניט מעהר און ניט ווענינער ווי א ווילדער חלום.

וואלט די „ליעג אף ניישאנס" ווירקליך געווען א פעלקער בונד, וואלט עס ווירקליך געמיינט א צונויפבינדונגס-צענטער פון נאציאנען פאר די אינטערעסען פון די נאציאנען, ניט בלויז פון די רעגירונגען, וואלט אן „ארבייטער סעקציע" געווען אם פלאץ און די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט וואלטען זי באגריסט און געשטיצט. אזוי ווי עס איז איצט האבען די ארבייטער פון דער וועלט גארנישט וואס צו ערווארטען פון איהר, פונקט אזוי ווי עס האבען גארנישט צו ערווארטען די אנדערע פעלקער פון דער גאנצער „ליעג אף ניישאנס". איז דאך א פאקט, אז אין די לענדער, וואו מען האט אפיציעל יא גוט געהייסען דעם פרידענס-אפמאך, אז אויך דארטען האט די „ליעג אף ניישאנס" קיין טיעפע ווארצלען אין דעם פאלקס-לעבען ניט געשלאגען.

אמת, דאן ווען די „ארבייטער סעקציע" איז בעת דעם פרידענס-קאנגרעס אין פאריז פראקלאמירט געווארען, זיינען די ארבייטער פארשטעהער געווען פאר איהר באגייסטערט. די צייט טראגט זיך אבער איצט ווי א שטורעם ווינט. און וואס עס קוקט אוים היינט ניי און וועלט איבערקעהרענד איז מארגען אלט און ווערט אפגעשטארבען. די ארבייטער פארשטעהער האבען זיך זייט דאן ארומגעזעהן, אז ניט אויף דעם אופן וועט געלייזט ווערען דאס ארבייטער פראבלעם און דערפאר זעהען מיר, ווי דיזעלבע ארבייטער פיהרער וועלכע האבען פריהער גערעדט פון דעם מיט התלהבות זיצען איצט ביים קאנפערענץ ווי מען זיצט פאר א מת. אונטער דער צייט איז אין יעדען לאנד אויך פארגעקומען העפטיגע צוזאמענשטויסע צווישען קאפיטאל און ארבייט. עס איז אומעטום פעסטגעשטעלט געווארען, אז ארבייט קען ניט הויזען מיט קאפיטאל; אז ווי קאפיטאל וועט דורך איהרע פארשטעהער ניט רעדען זים און אנגענעהם ביי וועלט קאנפערענצען, וועט זי אבער קיינמאל ניט נאכגעבען, דאן, ווען ארבייטער פון א וועלכען עס-איז לאנד וועלען ארויסטרעטען צו פארלאנגען גרונד-רעכטע. עס האט זיך אומעטום אויך ארויסגעשטעלט, אז די רעגירונגען שטעהען אפען אויף דער זייט פון קאפיטאל. אזוי האט די רעגירונג אין ענגלאנד זיך אפען געשטעלט געגען די אייזענבאהן ארבייטער און אזוי האנדעלט איצט אונזער רעגירונג ביי דעם קאמף פון די מיינערס. הייסט עס, אז ווען ארבייט קומט צו א געמיינשאפטליכען וועלט-קאנפערענץ, קומט זי ניט בלויז זיך צו טרעפען מיט עטליכע צדדים. זי קומט זיך באגעגענען מיט איין צד. די פארשטעהער פון קאפיטאל און די פארטרעטער פון דער רעגירונג בילדען איין צד. און ווי באלד אזוי, וואס קען דען ארבייט ערווארטען פון אזעלכע קאנפערענצען און וואס פאר א ווערט פאר די ארבייטער מאסען קען האבען די זאגענאנטע „ארבייטער סעקציע"?

זיצען טאקע די ארבייטער פארשטעהער ביי דער גרינדונגס-קאנפערענץ אין וואשינגטאן און טראכטען:

— וואס גרינדען מיר דא? וואס קומט דא איבערהויפט פאר?

פאר דער קאנפערענץ זיינען דא פיער פראגען צו פארהאנדלען, וועגען אן אכט שטונדיגען ארבייטס-טאג אין אלע לענדער; וועגען מינימום „ווידזש סקיילס" פאר ארבייטער; וועגען פרויען ארבייט און ארבייט פון מינדער-יעהריגע; און וועגען רעגולירען עמיגראציאן פון איין לאנד אין א צווייטען. עס קען זיין, אז די קאנפערענץ וועט אויסזיצען ביז צו ענד און מען וועט אננעהמען רעזאלוציעס איבער דער אדער יענער פראגע. קיין ווערט וועלען זיי אבער ניט האבען. ניט קאפיטאל וועט זיך רעכענען מיט דעם און ניט ארבייט און אויך ניט דער כלומר'שטיגער דריטער צד, די רעגירונגען.

אפילו דיזעלבע פראגען צו לייזען — די פראגען וועגען וועלכע מען וועט אננעהמען רעזאלוציעס, וועט אויך יעדער צד זיי לייזען אויף זיין ספעציפישען ארט און די ארבייטער וועלען מוזען אנפיהרען א קאמף פאר זייערע פארלאנגען און שטרעבונגען אזוי ווי זיי האבען עס געמוזט טאן ביז איצט.

יא, ביי דער גרינדונגס-קאנפערענץ פון דער „ארבייטער סעקציע" צו דער „ליעג אף ניישאנס" ווייזט זיך ארוים, אז עס וועט קיין אמת'ע „ארבייטער סעקציע" ניט זיין, פונקט אזוי ווי די איצטיגע „ליעג אף ניישאנס" וועט קיין אמת'ער פעלקער בונד ניט זיין.

עס איז אבער גוט, וואס אין וואשינגטאן זיינען איצט דא ארבייטער פארשטעהער פון פארשיעדענע לענדער. זאלען זיי טאקע זעהן ווי אויך ביי אונז האבען זיך פונאנדערגעשפיעלט די קרעפטען, ווי אויך ביי אונז פעכטען קאפיטאל און ארבייט און ווי אויך ביי אונז איז די רעגירונג אויף דער זייט פון קאפיטאל. זיי וועלען האבען נאך אן ארגומענט פאר זיך, אז די געפלאנטע קאאליציאן פון ארבייט, קאפיטאל און רעגירונג איז געווען ניט מעהר ווי א חלום און א פוסטער חלום דערצו. זאלען זיי זיך טאקע ארומזעהן און וואס פריהער אלץ בעסער.

די ביידע: אדער די ערציהונגס-ארבייט איז וויכטיג, און זי ווערט פארטגעזעצט צום נוצען פון די מייסטע מיטגלידער פון דער יוניאן; אדער זי איז עס ניט, און די גאנצע ארבייט, וואס פאדערט אזוי פיעל געלד און מיה, דארף אויפגעגעבען ווערען. [illegible] גענוג צו נארען זיך אליין און אנדערע.

# GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor

A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr

Subscription price paid in advance, $1.50 per year.

VOL. I. No. 45. NEW YORK, FRIDAY, NOVEMBER 21, 1919.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.


# פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

## איינע פון די לעסאנס פון דעם קויהלען מיינערס סטרייק

עס איז ווירקליך צום שטוינען, וואס פאר א שלעכטען באגריף אונזערע מאכט־האבער און די גאנצע עפענטליכע מיינונג, ווי זי ווערט רעפרעזענטירט פון אונזער פרעסע, האבען וועגען די ארבייטער. לויט זייער מיינונג האט דער ארבייטער אליין גאר קיין ווילען ניט, גאר קיין פארשטאנד ניט, און אין אלץ, וואס ער טוט, רעדט און פארלאנגט, איז ער בלויז אן עכא פון דעם ווילען און געדאנקען פון זיינע פיהרער.

מיט אזא באגריף, איז עס קיין וואונדער ניט, וואס די רעגירונג, שטעהענדיג אויף איהר שטאנדפונקט, אז דער קוילען מיינער סטרייק מוז געבראכען ווערען, האט באשלאסען אפצורייסען פון דעם מיינער־סטרייק זיינע פיהרער. דער געדאנק איז געווען א גאנץ קלארער. אזוי ווי דער סטרייק איז דאך ארויסגערופען געווארען אויף דעם וואונש פון די פיהרער, ווייל וואס פארשטעהען די פינסטערע, אונוויסענדע קוילען־מיינער? און אזוי ווי זיי אליין, אהן די פיהרער, וועלען זיך פיהלען ווי פארבלאנזשעטע שעפסען, וואס האבען פארלארען זייער פאסטוך, וועלען זיי דאך אט די שעפסען, ניט האבענדיג קיין ווילען, קיין געדאנק, קיין אלגעמיינעם ווילען, גלייך זיך צוריקקעהרען צו דער ארבייט.

אום צו מאכען די זאך נאך זיכערער, איז לויט דעם באפעהל פון ריכטער אנדערסאן אויך קאנפיסקירט געווארען דאס גאנצע געלד, וואס די יוניאן פארמאגט. אי אהן פיהרער און אי אהן געלד, וועלען דאך די קוילען־מיינערס גאר אנדערש ניט קענען, ווי גיין צוריק צו דער ארבייט!

דער באפעהל איז ארויסגעגעבען געווארען. די פיהרער, ווי גוטע געזעץ־ליעבענדע בירגער, האבען דעם באפעהל געפאלגט. זיי האבען פון זיך קיין פארע ניט ארויסגעלאזען, אזוי ווי זיי וואלטען פאקטיש אלע אויסגעשטארבען. אבער דער מיינער־סטרייק איז אנגעגאנגען ווי אימער, און קיין איינציגער פון די סטרייקער האט ניט פארלאזען די רייהען.

האט דאך דאס אליין שוין באדארפט זיין גענוג באוויז, אז די פיהרער זיינען אין דער ווירקליכקייט בלויז די אגענטען פון די קוילען־מיינער, זייערע שלוחים; אז ניט די קוילען־מיינער טוען דעם ווילען פון זייערע פיהרער, נאר עס איז פונקט פארקעהרט. די פיהרער זיינען דארום פיהרער, ווייל זיי ערפילען עהרליך און געטריי דעם ווילען פון די קוילען־מיינער. אבער, ווען איינער ליידט אויף אן איינרעדעניש, איז איהם זעהר שווער אזוי גיך צו באפרייען זיך פון איהר. ער וועט זוכען אלערליי תירוצים, אבער ער וועט ניט האבען דעם מוט צו קוקען דעם אמת אין די אויגען און אנערקענען, אז ער האט ביז איצט געלעבט אין טעות.

און דאס איז אויך דער פאל געווען מיט אונזער רעגירונג. זעהענדיג, אז דאס פארוועהרען די פיהרער צו נעהמען איר־גענד אן אנטייל אין קאמף העלפט ניט, און דאס דער סטרייק האלט אן אזוי פעסט און שטארק פונקט, ווי ווען אלע פיהרער וואלטען געווען אויף זייערע פאס־טען, האט די רעגירונג ניט געלערנט דעם הנבטינען פשט דערפון, אז די זאך איז פארפאלען, אז די מיינער אליין סטרייקען פאר די ארויסגעשטעלטע פאדערונגען, נור, ניין, עס איז אלץ נאך די ארבייט פון די פיהרער. וואס־זשע טוט מען ווייטער? גאנץ פשוט: דער זעלבער ריכטער, וואס האט דורך דעם ערשטען באפעהל געמאכט די פיהרער פון די מיינער שטום, ארויס־געהאנגען שלעסער אויף זייערע מיילער, דער זעלבער ריכטער גיט ארויס א צווייטען באפעהל צו די פיהרער, אז זיי מוזען, אויב זיי ווילען אין פריזאן ניט געהן, אויב זיי וועלען ניט שטעלען זיך נעגען דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען, פשוט הייסען די מיינערס צוריק־צוגעהן צו דער ארבייט. די פיהרער האבען אויך דעם באפעהל, ווי געזעצליעבענדע בירגער, געפאלגט. זיי האבען זאגאר ניט געווארט ביז דער לעצטער מינוט, וואס דער ריכטער האט פאר זיי באשטימט, נאר זיי האבען זיך נאך מקדים געווען מיט עטליכע שטונדען און ארויס־געלאזען אונטער זייער אייגענער אונטער־שריפט א באפעהל צו די מיינערס, אז זיי זאלען געהן צוריק צו דער ארבייט.

און וואס האט פאסירט? גארניט. דער באפעהל פון די פיהרער איז טאקע ארויסגעגעבען געווארען, און, נאטירליך, איז שוין געזארגט געווארען, אז דער באפעהל זאל ווערען באקאנט ברייט און ווייט צווישען די קוילענגרעבער, אבער פון די קוילען־גרעבער האבען זיך גאנץ ווייניגע צוריקגעקעהרט אין די מינען. און דער סטרייק איז איצט פראקטיש אזוי שטארק ווי ער איז געווען, איידער די ביידע ריכטער־באפעהלע זיינען ארויסגעגעבען גע־ווארען.

האט דאך איצט שוין אודאי באדארפט זיין קלאר פאר יעדען, וואס איז נאר ניט בלינד, אז די פיהרער אין דעם סטרייק שפיעלען א גאנץ קנאפע ראליע; אז די 400 טויזענד מיינער סטרייקען, ווייל זיי אליין ווילען סטרייקען און זיינען ענטשלאסען צו סטרייקען אזוי לאנג, ביז מען וועט נאכגעבען זייערע פאדערונגען. איז אבער די פאר'עקשנ'טקייט פון דעם איינ־ריידעניש אזוי גרויס, אז עס איז ווירק־ליך צו שטוינען, און, אלס ערקלעהרונג, פאר וואס די מיינערס געהען איצט ניט צוריק צו דער ארבייט, ווערט אנגעגעבען די השערה, דאס עס מוזען זיין צווישען די מיינערס גענוג „רויטע", גענוג באלשע־וויקעס, וועלכע לאזען זיי ניט געהן צו־ריק צו דער ארבייט.

אי, איז דאך די קשיה, אויב די מיי־נער האבען פריהער געפאלגט זייערע אל־טע פיהרער, און אויף זייער וואונש זיי־נען זיי ארוים אין סטרייק, טו ווי אזוי האבען עס אזוי פלוצלינג די נייע פיהרער, די „רויטע", געקראגען אזא מאכט איבער זיי, אז זיי זאלען איצט ווידערשפעניגען געגען די אלטע פיהרער, וועמען זיי הא־בען אזוי לאנג בלינד געפאלגט?

איז א קשיא איז דאס, אבער דער, וועל־כער וויל ניט אנדערש ווי גלויבען, אז די ארבייטער אליין האבען ניט זייער אייגע־נעם ווילען, דער טרייבט פון זיך אזעלכע פארדריסליכע קשיות. ער וועט אויס־טראכטען וואס איהר ווילט פאר א תירוצים און ערקלעהרונגען, אבער אנער־קענען די אמת'ע לאגע, דאס די ארביי־טער אליין האבען געקראגען שכל און ווילען און פארשטעהען זייערע אייגענע אינטערעסען, דאס ניט.

אזא באגריף הערשט נאך אין א לאנד, וואו „נידעריגע און העכערע קלאסען" זיי־נען, זא צו זאגען, א געזעצליכע אינסטי־טוציע, קען מען עס נאך באגרייפען. דער העכערער קלאס מוז טראדיציאנעל בא־טראכטען דעם אנדערען, דעם נידריגען קלאס, אלס ווילענלאז און אהן פאר־שטאנד, און ווען ער „צובונטעוועט" זיך איז עס א סימן, אז געפעהרליכע אגיטא־טארס האבען זיך איינגעגנאדיעט אין לאנד, און פאלגליך, דאס איינציגע, וואס מען מוז טאן, איז צו מאכען דעם אגיטאטאר אונמעגליך: אדער איהם אריינזעצען אין פריזאן, אדער איהם גאר ארויסטרייבען, אדער געבען איהם א גוטע רעגירונגס־שטעלע און אויף אזא אופן מאכען צו גארניט דעם גאנצען „בונט".

אז אבער אין אונזער לאנד, וועמעס פונדאמענט פון געזעלשאפטליכען צוזא־מענלעבען איז דעמאקראטיע, וואס דאס קען אנדערש ניט געמאלט זיין, סיידען מען נעהמט אן, אז יעדער מענש, וואס זיין שטעלונג אין דער געזעלשאפט זאל ניט זיין, האט אי א ווילען אי א שכל צו פארשטעהן זייגע אינטערעסען — אז דא אין לאנד זאל נאך זיצען אזוי פעסט דער פאראורטייל, די איינריידעניש, אז דער ארבייטער איז בלויז א בלינדער ווערק־צייג פון די „אגיטאטארס", דאס איז ווירקליך א וואונדער. דאס קען נאר ערקלעהרט ווערען דערמיט, אז סיי אין די רעגירונגס־קרייזען און סיי אין אונ־זער גאנצער פרעסע הויבט מען באמת ניט אן צו גלויבען אין דעם פרינציפ פון דעמאקראטיע. ווארים, אויב ניט, וואלט מען דען געזוכט אלערליי מעג־ליכע אורזאכען פאר דער אונרוהיגקייט פון דעם ארבייטער, און ניט נעכאפט זיך, אז דאס איז טאקע דער ארבייטער אליין, וואס איז ענדליך געקומען צום שכל, און שטעלט הויך און פעסט זיינע פאדערונגען?

און ביז די מאכט־האבער אונזערע וועלען ניט קומען צו אט דער אמת'ער איינזיכט, אז די ארבייטער זיינען ניט מעהר מינדער־יעהריג, אז זיי זיינען מיט דער צייט געווארען פולע ערוואקסענע מענשען, וועלכע ווייסען גאנץ קלאר, וואס זיי ווילען, וועט די רפואה, וואס מען זוכט פאר די איצטיגע אונרוהיג־קייטען, ניט געפונען ווערען. מען וועט מאכען נאך מעהר געזעצע, פיעל שטרענ־גערע, ווי זיי זיינען דא, פאר אלערליי רוהע־שטערער, פאר אגיטאטארס, פאר באלשעוויקעס, פאר אנארכיסטען, פאר א. וו. וו., אבער דורך דעם וועט די לאגע ניט ווערען אויף א האר בעסער. מען וועט אנפילען די געפענגנישע מיט טוי־זענדע, נאך מעהרערע וועט מען פאר־שיקען אין אן אמעריקאנער סיביר אדער זיי איינגאנצען ארויסשיקען, אבער די ארבייטער־באוועגונג וועט אנגעהן איהר גאנג און מיט אלץ א שנעלערען טעמפא, און נאר דערפאר, ווייל דער ארבייטער, דער רענק־ענד־פייל־מענש, איז ניט מעהר א בלינדער ווערקצייג, נאר א מענש, וואס איז געקומען פול און גאנץ צו זיין באוואוסטזיין.

דאס און נאר דאס איז איינער פון די לעסאנס פון דעם מיינער סטרייק.

---

## א גוטער מענש געשטארבען

לעצטע וואך איז געשטארבען וואל־טער ע. וועיל, איינער פון יענע מענ־שען, וועלכע, כאטש לויט זייער געבורט געהערען זיי צו דער בורזשואזיע, אבער מיט זייער גאנצער נשמה געהערען זיי צום ארבייטער־קלאס, און צו אלץ, וואס איז שעהן, גרויס און פארטגעשריטען אין אונזער לעבען. די קלאוקמאכער־יוניאן האט איהם זעהר פיעל צו דאנקען פאר דאס, וואס זי איז איצט. ער איז געווען איינער פון די ארביטרייטארס אין די סכסוכים צווישען דער יוניאן און די באסעס, ווען עס האט נאך געלעבט דער באריהמטער פראטאקאל. זיינע אלע סימפאטיען זיינען אימער געווען אויף דער זייט פון די ארבייטער. פרעזידענט שלעזינגער האט אונז דערצעהלט וועגען א פאל, וואס כאראקטעריזירט אם בעס־טען דעם פארשטארבענעם. אין 1904, ווען די יוניאן איז געווען אזוי שוואך, אז זי האט זיך קוים געהאלטען, ווען עס איז פשוט ניט געווען מיט וואס צו בא־צאהלען רענט פאר'ן אפיס, איז עס גע־ווען וואלטער ע. וועיל, וועלכער האט דער יוניאן געהאלפען מיט 50 דאלאר, כאטש דאן איז ער אליין געווען ווייט ניט וואוילהאבענד.

אין דער לעצטער צייט איז מר. וו. ע. וועיל געווען איינער פון די רעדאק־טערע פון דעם באקאנטען וועכענטליכען זשורנאל „דהי ניו רעפאבליק". מיר דרוקען דא איבער דעם גאנצען נעקרא־לאג, ווי ער איז געדרוקט אין דער „ניו רעפאבליק", כדי אונזערע לעזער זאלען האבען א בעסערען באגריף וועגען דעם פארשטארבענעם:

„וואלטער ע. וועיל, 1873—1919.

„אין דיעזען ערשטען מאמענט פון פלוצלונגען פארלוסט קענען ניט זיינע פריינד ריכטיג ערקלעהרען, פון וואס פאר א באדייטונג עס איז געווען וואל־טער ע. וועיל פאר דיעזען דור אמעריקא־נער. ער איז געווען ווירקליך „דער שליח פון אמת ביים אקער פאר דעם ארימען מענשען". מיט ארבייט און צווייפעל, מיט א זעלטענעם הומאר און מיט א ספאנטאנער ווארמהארציגקייט פאר אלע סארטען מענשען, זיינען די הויפט־מא־טיווען פון זיין עפענטליכער ארבייט גע־ווען ניינעריגקייט און ליעבע. ער האט געשריבען א מעשה־ביכעל פאר קינדער און האט געפיהרט סטאטיסטישע אונ־טערזוכונגען פאר דער רעגירונג. און צווישען די דאזיגע ביידע פאליוסען פון א פארשיעדענארטיגער פערזענליכער גאסט־פריינדליכקייט און א שטרענגער וויסענשאפטליכער פינקטליכקייט, האט זיך זיין לעבען באוועגט.

„ער פלעגט זאגען, דאס ער קען ניט פיינט האבען קיינעם פון די, מיט וועמען ער האט זיך באקענט. זיין כעס איז אויפגעלייזט געווארען אין א סארט באצויבערענדער פארשטענדניס. ער האט ניט געהאט קיין פערזענליכע נעגנער. דער היידע האט געמענט ווי אויפברוי־זען, אבער וואס איהם האט אינטערע־סירט, איז געווען, וואס פאר א פאלקא־מענער היידע דער היידע איז. זיין מע־טאדע איז געווען צו באגרייפען, מאכט ניט אויס וואוהין דאס האט איהם גע־פיהרט. ער האט געשטעלט פראגען און ערקלעהרט, און אימער, ווען ער האט נאר געקענט, האט ער איינעם געגעבען דעם בענעפיט פון צווייפעל. דאס איז, וואס מיר, זיינע פריינד, געדענקען היינט. די באוועגונגען, מיט וועלכע ער איז געווען פארבונדען, אלס קריטיקער און נביא, האבען שוין געמאכט פאר זייער אייגענס' דאס, וואס וואלטער ע. וועיל האט געלערענט. אבער מיר דער־קענען איצט פון איהם, פון דעם מענשען, וועמען מיר האבען געקענט אזוי גוט און מיט וועמען מיר האבען געארבייט אזוי גליקליך. מיר זאגען גוד־ביי צו איהם, אונזער פריינד".

---

## א ווארט מכה אונזערע קאנצערטען און לעקטשורס

פאר לעצטען זונטאג האט לאקאל 1 אראנזשירט אין די בראנקס אין דעם שעהנעם מעקינלי סקוועער קאסינא אן אויסגעצייכענטען קאנצערט צוזאמען מיט א לעקטשור אויף א זעהר אינטע־רעסאנטער טעמא: נייע פראבלעמען אין דער ארבייטער־באוועגונג. עס זיי־נען געווען די קאנצערטיסטען, עס איז געווען דער לעקטשורער, אבער דער גרויסער ערווארטעטער עולם האט גע־פעהלט. דער קאנצערט האט זיך גע־מוזט אנפאנגען מיט א שטונדע שפע־טער, ווי עס איז געווען באשטימט, ווייל דער עולם איז געקומען זעהר לאנגזאם, און די מייסטע באזוכער זיינען אריינ־געקומען אין האל ווען אלעס איז שוין געווען כמעט צו ענדע.

און דאס איז ווירקליך א גרויסער פארדרוס. די יוניאן מאכט גאנץ היבשע אויסגאבען. זי וויל געבען איהרע מיט־גליעדער א פאר שטונדען פון אמת'ען קונסט־גענוס און פון אביסעלע אויפ־קלעהרונג, און סוף כל סוף אין א פרייען טאג, און אין א שעהנעם טאג, ווען אלע קענען און זאלען קומען צו אזא אונטער־נעהמונג, פארברענגען די מייסטע דער טייפעל ווייס ביי וואס, און דער האל פוסטעוועט, און די קאנצערטיסטען שפיעלען און זינגען און דער רעדנער רעדט כמעט פאר לעדיגע בענק. נא־טירליך, מוז אזא נאכלעסיגקייט פון דער זייט פון די מיטגליעדער ווירקען שטארק ענטמוטיגענד אויף דער יוניאן. און דאס איז דאך ווירקליך א שאד. אזעלכע מיטינגען זיינען און קענען זיין פון זעהר גרויסען נוצען. מעגליך, אז דער מי־טינג איז געווען אזוי ניט געראטען, ווייל ער איז געווען דער ערשטער אין סעזאן, און עס איז געווען ווייניג צייט איהם גוט באקאנט צו מאכען. לאמיר האפען, אז די אנדערע אזעלכע אונטערנעהמונ־גען, וואס וועלען פאראנשטאלט ווערען פון לאקאל 1 און פון אנדערע לאקאלס וועלען האבען א בעסערען מזל, ווי אט דער ערשטער פארזוך. אז דאס געלד ווערט שוין יא אויסגעגעבען, און דערצו נאך גאנץ היבש געלד, טו זאל עס כאטש ניט אין גאנצען אוועקגעהן אין גיוועץ. די גאנצע ערציהונגס־ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל קען נאר זיין פון נו־צען דאן, ווען איהרע מיטגליעדער וועלען זיך מיט איהר באנוצען. וועלען זיי עס אבער ניט, איז ווירקליך א שאד די גרויסע אנשטרענגונג. זאלען זיי זאגען, אז זיי ווילען עס ניט, אז זיי דארפען עס ניט, וועט די אינטערנעשאנאל גע־ווים אויפגעבען די ארבייט, ווארים מיט געוואלד קען מען דאך איינעם ניט צווינ־גען צו קומען צו קאנצערטען און לעק־טשורס. דאס איז אבער ניט אזוי. פארקעהרט, מיט וועמען איהר רעדט, ער־קלעהרען אלע אין איין קול, אז דאס איז זעהר גוט און העכסט־וויכטיג; אבער אליין צו קומען צו אט די לעקטשורס אדער אין די קלאסען און מאכען די ערציהונג פאר אן ערפאלג אין דער ווירקליכקייט, ניט בלויז אויפ'ן פאפיער, דאס ניט. פארשטעהט זיך, אז אזוי קען עס לענגער ניט אנגעהן. איינס פון

# „פארבלאנדזשעטע"

(ערצעהלונג.)

פון שמואל דייקסעל.

איבער די אונזיכטבארע וועגען פון צופעליגקייט, לייכט, אבער קונציג פאר־פלאנטערט פון אונבאשטימטקייט און אונפארמיידליכקייט, טראגט זיך דעם מענשענ'ס לעבען. טראגט זיך אין א ווייס־גרויען וואלקען פון זעלבסטווירדע און שטאלץ, זיכער אין איהר נישטיגער גרויס־קייט און גרויסער נישטיגקייט. גיטא קיין ענדע צו דעם וועג: וואו ער פאנגט זיך אן דארטען ענדיגט ער זיך, וואו ער ענדיגט זיך דארטען פאנגט ער זיך ווידער אן... פון שמעקענדע פעלדער רוקען גיפטיגע, גרוי־גריניגע שלאנגען ארוים זייערע פלאכע, בייזע קעפ און פון שמוץ ציהענדיג פלא־טערענדיג ווייסע, צארטע רויזען־קנאס־פען... אונפארמיידליכעס אין צופאל, צו־פעליגעס אין נויטוועדיגקייט — דאס איז אונזער שיקזאל. — — —

לעבען צוזיבערענדעס, לעבען עקעל־האפטעס, ווער קען דיך פארשטעהן, בא־גרייפען, געפינען שטרענגע נאטור געזע־צען און, יעדע רגע בייטענדען לויף פון דייגע וועגען, צוזאמען ברענגען דאס אינ־פארמיידליכע מיטן קאפריזנעם ווילען פון דיינע צופעליגקייטען? — — —

איז דעם מענשענס צוקונפט, דער גאנג פון זיין גאנצען לעבען אין איהם אליין פארבארגען?... ליגט באהאלטען אין די קנייטשען פון זיין מארך, אין די טיפע [illegible] פון זיין נשמה און פיהרט איהם [illegible]ייעלטען, פון פריהער באשטימ־טען וועג?... צי ווי א לייכטע, פון א שטארקער האנט א שליידער געטאנצנע פילקע, יאגט זי זיך ווילענלאז איבער צעהנדליגע וועגען, פארהאלט זיך וואו אביסעל, שטעלט זי וואו עטוואס אפ, און קייקעלט זיך ווייטער, אליין באשאפענדיג א נייעם צופעליגען וועג, צווישען מיליא־נען פונקט אזעלכע וועגען?

מענשען שטרעבען צום גוטען און זינ־קען אין שמוץ און פון דער בלאטע וואק־סען אפט אויס ווייסע ליליען־נשמות. מענשען זוכען גליק און ווערען דערטרונ־קען אין אונגליק. די צארטע, שעהנע ליבע האט זיך א ווינקעלע פון שמוץ געמאכט און ארום דעם מזבח פון פרייליכקייט טונענד פיהרט חרפה און שונד אן אוים־געלאסענעם טאנץ. — — —

ווילען מיר ווען דעם געהיימען שלי־סעל צום צופאל געפינען און צוזאמענ־בינדען דעם מענשענ'ס וואונש מיט זיין לעבענס וועג?... שארף אפטיילען גוטס פון שלעכטעס, שעהנס פון מיאוסעס, ניד־ריגעס פון ערהאבענעם? צי אפשר איז קיין שליסעל אינגאנצען נים פאראנען און אין צוזאמענהאנג פון געגענזאצען און אין צופעליגקייטען פונ'ם מענשענ'ס לעבענס וועג, איז דער גאנצער רייץ פון דער עק־סיסטענץ?... ווער ווייסט?... ווער קען אויף דעם אן ענטפער געבען? — — — — — — — — — — — — —

נחום באסין האט פון שטענדיג אן געזעהן דאס גרעסטע גליק אין פאמיליען־לעבען. ער פלעגט זיך אימער פארשטע־לען א קליינע, ריינע היים, א ליעבליכע ציכטיגע, סימפאטישע פרוי און דאס גע־לעכטער פון א קינד אדער צוויי. און זיך באקענענדיג מיט נייע מיידלעך, האט ער שטענדיג אין זיגען געהאט זיין טרוים און געמאסטען די נייע באקאנטע צו זיין מאס.

עס איז אבער פיעל לייכטער געוועזען וועגען א שעהנער היים צו טרוימען, ווי עס צו פארווירקליכען; זייענדיג אליין א קלוגער, באלעזענער בחור, האט ער אויך פון זיין פרוי, פון דער מוטער פון זיינע צוקינפטיגע קינדער, עטוואס געפאדערט. ער האט נים געזוכט קיין שעהנקייט, קיין געלערענטקייט, אבער סימפאטיש, גוט־הערציג און קלוג האט זי געמוזט זיין.

ער האט געזוכט, געגישטערט, זיך זשעדנע איינגעקוקט אין יעדען נייעם מיידעל, אבער צו זיין ציעל זיך גארנים דערנעהנטערט: די יעניגע וועלכע זיינען איהם יא געפעהלען, וועלכע האבען, נאך זיין מיינונג, יא געקענט מיט איהם צוזא־מען א ווארימען נעסט אויפבויען, האבען שוין געהאט חתנים אדער זיינען געווען צו איהם גלייכגילטיג, די אנדערע ווידער, וועלכע האבען איהם געזוכט, זיינען ווייט געווען פון דעם וואס ער האט געוואלט.

און אזוי זיינען געלאפען טעג, מאנא־טען, יאהרען. —

צווישען יענע, וועלכע האבען איהם געוואלט איז געווען די פיער־און־צוואנ־ציג־יעהריגע ענ[י]. איידעל, פון מיטעלען וואוקס, מיט א ווייס, תג'עוודיג פנים'ל, גרוי־בלויע, גלייך קוקענדע אויגען, האלב בלאנדע האר און דריבגע געזיכטסציגע, האט זי געמאכט דעם איינדרוק פון נאך נאר א קינד. דער איינדרוק איז נאך שטארקער געווארען א דאנק איהר ריה־רעוודיגקייט און זעהר אפטען געלעכטער.

ווער ווייסט פאר וואס זי איז נים אפגעשטאנען פון איהם, פונקט ווי איני־גע אנדערע, באגעגנענדיג זיין גלייכגיל־טיגקייט? צי ווייל זי איז געווען פון יענע קלעפנגע נאטורען, פון וועלכע ס'איז זיך שווער אפצוטשעפען, צי אפשר, האט זי איהם טאקע אין אן אמת'ן געליעבט? אבער נים נאר זי האט זיך נים אפגע־שראקען פאר זיין גלייכגילטיגקייט, נאר ביי יעדער געלעגענהייט איהם אפטען ארויסגעוויזען איהר פריינדשאפט און אי־בערגעבענהייט. אויף א באל האט זי גע־זוכט בלויז מיט איהם צו טאנצען און איהם אלע ווייל מיט עפעס מכבד געווען; נים זעהענדיג איהם א פאר טעג פלעגט זי איהם שוין שרייבען א האלב־שפאסענד, האלב־פריינדליך בריוועל, זיך נאכפרעגען וואס ס'איז מיט איהם, און, נים קריגענ־דיג גלייך קיין ענטפער, פלעגט זי ארויפ־קומען זעהן וואס עס האט זיך מיט איהם געטראפען. צו זיין געבורטסטאג איז זי געווען די איינציגע וועלכע האט עס גע־דענקט און איהם צוגעשיקט בלומען.

אזוי האט זי לאנגזאם געפלאכטען א נעץ ארום זיין איינגעשפארטען ווילען, מיט איהרע סאמען טיעף איהם אין מח אריינגעקריצט, אז זי איז, אפשר, די איינ־ציגע אויף דער גאנצער וועלט, וועלכע איז איהם טריי, וועלכע ליעבט איהם אויפ־ריכטיג.

אמת, ער האט זיך לאנג נים נאכגע־געבען, אפען ארויסגעוויזען איהר זיין גלייכגילטיגקייט, אפט אויסגעמידען איהר געזעלשאפט, זי האט אבער געטאן איהר'ס און געלאכט, וואו אנאנדערע וואלט גע־וויינט אדער זיך טיעף באליידיגט.

גאנץ־פריה פון דעם טאג, ווען ער איז אכט־און־צוואנציג יאהר אלט געווארען, האט ער נעקראגען א שעהנעם באקעט פון ווייסע און רויטע רויזען פון ענ[י]'ן: צו איינער פון די רויטע רויזען איז געווען צו־געבונדען א קורץ צעטעלע: „גליק ווינשט אייך אן אמת'ר פריינד!" דאס אלעס. דער באקעט איז שוין געווען דער צוויי־טער. זיי האבען זיך שוין צוויי יאהר גע־קענט.

נחום האט זיך טיעף פארטראכט, נעהט ער נים דאס גרעסטע פארברעכען נעגען זיך און ענ[י]'ן זי אבשטויסענדיג פון זיך? ווי וועניג אזעלכע דיינע, שטארקע נעפיהלען ווי איהרע זיינען אויף דער וועלט פאראנען?! קיין סימן פון אויס־גערעכנטקייט, קליינליכקייט, עגאאיזם איז אין איהר הארצען ניטא — בלויז ליע־בע צו איהם הערשט דארטען און א ים מיט פארגעבונג פאר זיינע אפטע גראב־קייטען... וואס, אייגענטליך, פאדערט ער פון א פרוי?... אנגענעהמענעם אויס־זעהן? ענ[י] איז גענוג סימפאטיש. גוט־הערציגקייט?... דאס פארמאגט זי זיכער: איהר געלעכטער איז דאך אזוי גוטמוטיג, נאאיוו און אפען, און ער האט נאך קיין איינציג מאל פאר די צוויי יאהר, זי בייז נים געזעהן. דאס וואס זי לאכט א סך איז קיין איבערציינג נים, אז זי איז א נאר... זי רעדט גאנץ קלוג און איז אפט לאגישער פון איהם אליין. זי איז אייגפאך זעהר יונג, פול מיט באוועגונג און פרייד. דאס וואס זי איז נאר וועניג געבילדעט און לעזט זעהר זעלטען א בוך.. איז אויך פון די קליינע זאכען: געבילדעט ווערט מען פון לעזען, און צו לעזען מוז מען זיך צו־געוואוינען. ער וועט זי פאראינטערעסי־רען מיט די געזעלשאפטליכע פראגען, וועט איהר נייע וועלטען עפענען און זי וועט זיך שוין אליין צוגעוואוינען צום בוך... און וואס איז, טאקע אין אן אמת'ן, דער תכלית פון ווארטען?... די יעניגע וועלכע ער וואלט געוואלט, איז נאך, הפנים, נים באשאפען געווארען, אדער איז אוועק מיט א צווייטען און אויף ווע־מען וועט ער אויסווארטען?... די צייט לויפט דאך אזוי מורא'דיג שנעל... ווער ווייסט?... מעגליך, עס וועט ווער אנקו־מען און זי צונעהמען... ערשט דאמאלט וועט ער דערפיהלען וועמען ער האט פאר־לוירען...

•

מיט איין שעה שפעטער איז נחום שוין געזעסען ביי ענ[י]'ן אין צימער, זי אויפן שוים געהאלטען און, זיך האלזענדיג און קושענדיג, האבען ביידע פון זייער שעהנער צוקונפט גערעדט. — —

און ביידע האבען זיי זיך אפגענארט, ביידע האבען נים נעפונען דאס וואס זיי האבען געזוכט. קרבנות פון צוויי פאר־בלאנדזשעטע לעבענס וועגען... ער האט זי נים נעקענט פאראינטערעסירען אין לעזען און זי איז נים אימשטאנד געווען פאר איהם קיין ווארימע ציכטיגע נעסט צו שאפען. זי האט אויסגעפונען, אז ער איז ווייט נים אזוי גוט און פיין, ווי איהר האט זיך געדאכט און ער האט זיך דער־וואוסט, אז נים שטענדיג מיינט א סך לאכען — גוטסקייט, אז אמאל קען זיך אונטער איהם אויך געפינען פארביסענ־קייט און בייזקייט. וואכען לאנג פלעגען זיי אמאל נים רעדען איינער מיט'ן צוויי־טען און די אזוי שטארק געווינשטע היים איז אין א ווינסטע פארוואנדעלט געווא־רען.

איין מאל אין א שלאפלאזער נאכט, נאך א לאנגען, ביטערען קריעג איז אין זיין מוח א געדאנק געבוירען געווארען און איהם אין גאנצען פארכאפט: יא, זיין טרוים קען נאך געראטעוועט ווערען, דער אויסזעהן אויף גליק פאר איהם איז נאך נים אינגאנצען פארשוואונדען. עס איז נאך פאראנען א וועג, וועלכער קען ברענ־גען ווארימקייט און ליעבע אין זיין קאל־טער, פוסטער היים: א קינד! וואס וועט זי איהם אין גאנצען אנגעהן ווען נעבען איהם וועט זיך געפינען א צארט, קליין נפש'ל, וועלכעס וועט אין זייגע אויגען קוקען און אויף זייגע ליעבעס ווערטער מיט א אונשולדיגען שמייכעל ענטפער־רען? זאל זי לעבען ווי איהר ווילט זיך, טאן ווי זי פארשטעהט, עס וועט איהם נים ארען, אזוי לאנג ווי א קינד וועט זיין געבען איהם... יא, יא... א קינד, א קינד...

אין דער פריה איז ער ווי נאר מאנג־דער מענש געווען, זי האט זיך אוש דער־שראקען פאר זיין פלוצלינגער גוטסקייט און רוהיגקייט. פארנאכט האט ער זיך נים גענומען, ווי געוועהנליך, צו די צייטונ־גען אדער ביכער, נאר געדערט פון איהר נייעם קלייד און דערנאך אוועק מיט איהר אין א מואווינג־פיקטשור טעאטער...

ער האט איהר אלעס גענומען נאכגע־בען און בלויז געטראכט פון דעם גרויסעס וואס געהט קומען, פון דער נייער זון וואס וועט זיין לעבען באלויכטען און דער־ווארעמען.

ווען ענ[י] איז שוין אין פינפטען חדש געווען האט באסין איין מאל אויף א פאר־זאמלונג באגעגענט יענע פרוי אויף וועל־כער ער האט אזוי לאנג און אומזיסט גע־ווארט, וועלכע האט איינע בלויז בעקענט אנצינדען דאס היימליך ברענענדע פייער אין זיין היים. רחל האט זי געהייסען. דאס איז געווען יענע פרוי, וועלכע איז באשטימט געווארען פאר איהם, מעגליך נאך מיט טויזענדער יאהרען צוריק, ווען מענשען האבען האלב־ווילדע אין די היי־לען און וועלדער געוואוינט.

זיי האבען זיך זוי דערקענט, זיך ווי דערפיהלט און ביי דער ערשטער געלעג־נגהייט זיך געגעבען די הענט.

ביז שפעט אין דער נאכט זיינען זיי נאכהער איבער די גאסען געגאנגען און גערעדט. פון וואס? פון שטארבענדע און אויפלעבענדע וועלטען, פון פלאטערנדע מענשליכע הערצער, פון אייביגען לויף פונם מענשענ'ס מח, פון שטויב און איי־ביגקייטען... זיי האבען אזוי פיעל געהאט צו זאגען איינער דעם צווייטען, זיי הא־בען זיך שוין אזוי פיעל יאהר־הונדערטע נים געזעהן. — — —

א צופעליגע באגעגעניש און זיין אר־לויזיע פון קומענדען, אזוי הייס־געווינש־טען גליק איז, ווי שטויב נאך א רעגען, פארשוואונדען. א פיינליכער טרויער, א שארפע בענקשאפט האט זיין הארץ אנ־געפילט און ער איז ווי אין דעם פארטרונ־קען געווארען.

ער האט איהר אלעס פון זיין לעבען דערצעהלט איינמאל זיצענדיג מיט איהר ביינאכט אין פארק. זי האט גארנים גע־זאגט, ער האט אויך נעשוויגען, דערנאך האבען זיי צוגעשפארט זייערע קעפ איי־נער צום צווייטען און שטילע טרערען הא־בען זיך איבער זייערע באקען געקייקעלט.

און די שווארצע נאכט האט נעקוקט אויף זיי, זיך צוגעהערט צו זייערע רייד, מעגליך זיך דערמאנט פון יענער מינוט אמאל, ווען זייערע נשמות זיינען אפגע־געבען געווארען איינער צום צווייטען, און רעטזעלהאפט געשוויגען.

— פארוואס זיינען מענשען אזוי נישטיג, קענען קיין מאל נים ריכטיג אויס־קלייבען דעם וועג וואס פיהרט צו זייער גליק?...

— ווער ווייסט?... — ענטפערט שטיל רחל.

— ווי ווערים אדער, אפשר, נאך ניש־טיגער פון זיי, פויזען מיר ארום איבער אונבאקאנטע וועגען און ווערען פון אי־מיצען צוטראטען...

— ווי ווערים... — זיפצט זי קוים הערענר.

א לאנגע פויזע.

ער האט זי מיט אמאל פאר'ן האנט אנגעכאפט:

— רחל, מיין איינציגע, וואס וועט פארט זיין?

— וואס דו ווליסט...

— מיר מוזען זיך צעגעהן... די הערסט?... פאר וואס־האבען מיר זיך נים נעטראפען אביסעל פריהער, בלויז מיט פיער חדשים פריהער, איידער זי איז?... פאר וואס?... וואס פאר א פארשאלטע־נע, טייפעלשע קראפט האט דיך די גאנצע צייט פון מיר נעהאלטען באהאלטען און פונקט אצינד אונז צוזאמענגעבראכט?... אצינד, אצינד!!... — ער האט געציט־טערט. — ניין, מיר מוזען זיך גלייך צו־געהן!...

— רעכענסטו ווענסט עס קענען טאן?

זי האט זיך אין איהם ווי איינגעביר־טען מיט איהר בליק.

— ניין, ניין! — ער האט זי פעסט ארומגעכאפט — איך וועל עס נים קע־נען... איך קען אויף איהר נים קוקען: אלעס אין הויז איז מיר מיאוס... — ער איז צו־געפאלען צו איהר אקסעל.

— איך וועל אויך נים קענען! — זיפצט זי און ווישט אפ א טרער.

נאך א לאנגען שטילשווייגען זאגט ער ענטשלאסען:

(שלוס נעקסטע וואך)

---

קעפ און דאך הפקר פאר זיך אליין. הפקר מיט דער אייגענער קאפ...

מען קען שטעהן אויף דער וואך אין גאס, און דאך זיין סענטימענטאל־פארליעבט. ווי אין א באזונדער־צימער.

מען קען אפילו קלאפענדיג עמיצען אי־בער'ן קאפ, זיך אומטראגען מיט א פארוואונ־דעט הארץ.

מען קען דינען אן ארדנונג — און דאך זי נים ליעב האבען.

און אפילו וואס די מורא פאר דער ווייב קען זיין, קאן דא אויך א טעות זיין.

א קליינע, שוואכע ווייבעלע, קען אמאל זיין שטארקער און ברוטאלער אפילו פון א ריזיגען פאליסמאן.

אפשר זיינען טאקע דא גענוג אורזאכען פאר זעלבסטמארד פון דעם ברוקלינער פאליס־מאן?

און איך קען נים באשטימען וואו איז דער אמת. און די גאנצע זאך תויבט מיר אן אויס־צוקוקען עפעס אזוי אומנאטירליך־ווילד, און פאראדאקסאל־קאמיש...

עס איז ווילד: אן ארדנונג, וואס האלט זיך אויף דער פאליציי. אויף זייער כח און חוצפה, און ברוטאליטעט און דיסציפלין, און אין אזא ארדנונג זאל א פאליציימאן אליין באגעהן זעלבסטמארד!

עס איז ווילד און קעדערליך פאר דער ארדנונג אליין, וואס קען נים פארהיטען דעם לעבען פון איהרע טריגעסטע דינער!...

פע!...

עס איז א פאראדאקס, אז א פאליסמאן זאל זיך דוקא שיסען אין הארצען.

הארץ און פאליציי! ווי דערלאזט עס דער פאליס־קאמישיאנער?!

עס איז לעכערליך און קאמיש, אז א פא־ליציימאן זאל זיך גאר שיסען אין א פארק.

און אפשר צווישען בלומען.

און אפשר מיט א באר פון פויגעל־געזאנג.

ווי פאסט עס איהם גאר?

וואס איז ער, א פאעטעל, וואס?

פע!...

אויב שוין יע שיסען זיך, האט א פאליציי־מאן עס געדארפט טאן אין א סאלון.

דארט איז זיין פלאץ. דער ריכטיגער, פאס־סיגער און אויסערוועהלטער פלאץ.

אי, א סאלון!... און דא איז מיר אויבגע־פאלען גאר א שפאגעל נייער געדאנק:

אפשר איז גאר די אורזאכע פון דעם זעלבסטמארד פון דעם ברוקלינער, 36 יאהרי־גען פאליסמאן, בלויז דאס וואס צוליעב פראה־היבישאן האט זיך צוגעשלאסען דער סאלון אין זיין געגענד, און מיינע אלע טיעפע גע־דאנקען און פילאסאפירייען זיינען גאר ארויס־געווארפען?

און ביז דעם בלייב איך שטעהן...

# די אַרבּייט פון דער אינטערנעשאַנאַל פאַר די לעצטע פּאַר מאָנאַטען

(סעקרעטער באַראָף'ס רעפּאָרט צום לעצטען פערטעל-יעהרליכען מיטינג פון דזשענ. עקזעקוטיוו באָארד).

3.

איך האָב בייגעוואוינט קאָנפערענצען צווישען לאָק. 25 און די ווייסט און דרעס מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן פון ניו יאָרק, מכוח דער אָנווענדונג פון דעם פּונקט אין דעם אַגרימענט וועגען א „פּרעפערענשעל" יוניאָן שאָפּ, לויט ווי עס איז פאַרשטאַנען געוואָרען אין דעם לעצטען סעטעלמענט. די קאָנפערענצען האָבען באַצוועקט, דאָס די מאַנופעקטשורער זאָלען דעם פּונקט ריכטיג אָפּהיטען אין זייערע שעפּער.

די קאָנפערענצען האָט אויך בייגעוואוינט ברודער מאַקס פינקעלשטיין, דער נייער טשיף קלוירק פון לאָקאַל 25, וועלכער האָט פריהער געהאַלטען אַן עהנליכען אַמט ביי דעם דזשאָינט באָארד פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן. ברודער פינקעלשטיין'ס אַרבּייט איז זעהר צופריעדענשטעלענד און מען קאָן האָפען אַז וואָס ווייטער וועט דאָס ווערען נאָך בעסער און בעסער.

לויט א באַשלוס פון דעם באָארד אויף א פריהערדיגען מיטינג, האָבען מיר זיך אונטערגענומען צו העלפען לאָקאַל 25 קויפען דעם גרויסאַרטיגען זומער-פּלאַץ, די יוניטי הויז, אין פ א ר ע ס ט פּ א ר ק, פאַר א וואַקיישאָן פּלאַץ פאַר די מיטגליעדער. מיר האָבען דאָס גאַנץ גערן גענומען און געהאָלפען די אונטערנעהמונג מיט 10 טויזענד דאָלאַר.

* * *

רעדענדיג וועגען גרויסע אונטערנעהמונגען אין אונזער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן, ווילט זיך שוין דאָ אויך דערמאָהנען א גאַנץ וויכטיגע אונטערנעמונג, צו וועלכער מיר פאַרהאַלטען זיך שוין צו גלייכגילטיג, — איך מיין דאָ אונזער באַשלוס צו בויען א סאַניטאַריום פאַר די קאָנסאַמפּטיוו מעמבערס פון אונזער יוניאָן. די זאַך האָט באַקומען גאַנץ ווענינג אויפמערקזאַמקייט פון אונזער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, פּונקט אַזוי גוט ווי פון די לאָקאַל יוניאָנס.

דעם 1טען אָקטאָבער איז געוואָרען א יאָהר זייט מיר האָבען אַרויסגעלענט אויף די מיטגליעדער א ספּעציעלען אַסעסמענט פאַר א סאַניטאַריום. אָבער דער קאָלעקשאָן פון דעם אַסעסמענט פאַר דעם פאָנד איז ביז יעצט גאַנץ שוואַך געווען, און ספּעציעל ביי די ניו יאָרקער לאָקאַלס. דיעזער אַסעסמענט האָט געזאָלט אַריינברענגען אַרום 100 טויזענד דאָלאַר יעהרליך, און די סומע וואָלט אפשר געווען גענוג אויפצוהאַלטען א סאַניטאַריום. ווי מיר האָבען דעמאָלט גערעכענט, האָט די איינגאַהמע פון דעם ערשטען יאָהר געזאָלט געהן אויף צו בויען דעם פּלאַץ. אָבער ווי געזאָגט, דאָס געלט איז ניט אַריינגעקומען און מיט גוטע ווינשע קאָן מען אַזאַ אינסטיטוציע ניט אויפבויען. מיר האָבען שוין דעם פּלאַן, די צייכנונגען פון אַרכיטעקט פאַר די בילדינגס, מיר ווערען אָבער געשטערט אין דער אַרבּייט פון די לאָקאַלס וואָס האָבען נאָך ניט באַצאָהלט דעם אַסעסמענט.

ביז צו א געוויסען גראַד איז דיעזע אַרבּייט אויך געשטערט געוואָרען, וואָס צוליעב דעם סאַניטאַריום פאָדערט זיך, דאָס איידער א נייער מיטגליעד ווערט אויפגענומען אין א לאָקאַל, דאַרף ער, אָדער זי, דורכמאַכען א שטרענגען „מעדיקאַל עקזאַמען". אין מאַנכע צווייגען פון דער ליידיס גאַרמענט אינדוסטריע וואָלט דאָס געווען א שטערונג פאַר דער אָרגאַניזאַציאָנס-אַרבּייט. צו דעם דאַרף געפונען ווערען אַן אויסוועג, א לעזונג. דאָס איז אָבער ניט קיין גרויסער אָפּהאַלט. זאָל נאָר די גרויסע מעמבערשיפּ באַצאָהלען דעם סאַניטאַריום אַסעסמענט און מיר וועלען באַלד קאָנען צוטרעטען צו דער אַרבּייט און אָנפאַנגען בויען אונזער סאַניטאַריום. ווי מיר הערען פון אונזער אויִדיטאָר, האָבען כמעט אַלע ניו יאָרקער לאָקאַלס דעם אַסעסמענט שוין אויפגענאָהמען פון די מיטגליעדער. אָבער די לאָקאַלס האַלטען דאָס געלד ביי זיך אין די טרעזשורים. פאַר דעם גאַנצען יאָהר האָט דער אינטערנעשאַנאַל אָפיס באַקומען פון דעם געלד בלויז 8,436.30, און מיר האָבען באַצאָהלט קנאַפּע 14 טויזענד דאָלאַר פאַר דעם פּלאַץ וואָס מיר האָבען געקויפט פאַר דעם סאַניטאַריום.

* * *

## א וואָרט וועגען אונזער וועכענטליכער פּרעסע.

עס איז קיין פראַגע ניט, דאָס אונזער אידישע וועכענטליכע צייטונג, די „גערעכטיגקייט", געווינט פאַר זיך א פּלאַץ צווישען אונזערע מיטגליעדער, און אין דער גאַנצער אַרבּייטער וועלט. עס איז נאָך אָבער לויט מיין מיינונג, אַלץ דאָ פּלאַץ פאַר אויסבעסערונג. איך גלויב, דאָס אַזוי ווי א גרויסע צאָהל פון די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" זיינען פרויען וואָלט געווען גאַנץ ווינשענסווערט, דאָס אין דער צייטונג זאָל זיין א גוט רעדאַגירטען „פרויען-פּיידזש", דאָס וואָלט געוואָרען מיט דער צייט א ווערטפולע פּיטשור.

וואָס אַנבאַלאַנגט אונזער ענגלישע צייטונג "דזשאַסטיס", וויל איך זיין גאַנץ אָפענהערציג און זאָגען, אַז זי פאַרשאַפט ניט קיין גרויס כבוד אונזער אינטערנעשאַנאַל... די צייטונג איז גאַנץ טרוקען, דאָס רוב אָנגעשטאָפּט מיט אַרטיקלען איבערזעצט פון דער אידישער אויסגאַבע. מיר שיינט, אַז די „דזשאַסטיס" דאַרף זיין מעהר זעלבסטשטענדיג, כאָטש זי זאָל האָבען די זעלבע עדיטאָריעלע ריכטונג. אַלע אונזערע צייטונגען דאַרפען טאַקע האָבען איין און די זעלביגע ריכטונג, אָבער די ענגלישע צייטונג דאַרף דאָך ניט זיין א איבערזעצטע קאָפּיע פון דער אידישער אויסגאַבע. פאַר ענגלישע לעזער דאַרף זיין גאַנץ אַנדערש, אי דער סטיל פון שרייבען, אי די מעטאָדע ווי אַרויסצוברענגען פאַר דעם לעזער געדאַנקען און אידעען.

וועגען אונזער איטאַליענישער וועכענטליכער צייטונג, „דזשוסטיציא", קאָן איך קיין מבינות ניט זאָגען. איין זאַך איז אָבער זיכער, זי ווערט ניט אויסגעפּיהלט מיט איבערזעצונגען פון אידיש. ווי ווייט איך האָב געהערט, זיינען אונזערע איטאַליענישע מעמבערס מיט דער צייטונג מעהר אָדער ווענינער צופריעדען.

* * *

## אונזער רעקאָרד דעפּאַרטמענט.

אונזער רעקאָרד דעפּאַרטמענט האָט אין די לעצטע פּאַר מאָנאַטען געמאַכט א גרויסען שפּרייז פּאָרווערטס. ברודער מינקאָו, דער דירעקטאָר פון דעם דעפּאַרטמענט, האָט מיר ניט לאַנג צוריק איבערגעגעבען א זעהר גרינדליכען און צופריעדענשטעלענדען רעפּאָרט, אין באַצוג די רעקאָרדס פון אונזער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן. דער רעקאָרד דעפּאַרטמענט באַקומט אַנערקענונג פון די בעסטע פון אונזערע לאָקאַל יוניאָנס איבער'ן גאַנצען לאַנד, פּונקט אַזוי גוט ווי אין ניו יאָרק. דער דעפּאַרטמענט האָט נאָך אפילו א סך שוועריגקייטען איבערצוקומען, אָבער ער קומט זיי איבער גאַנץ שנעל.

* * *

## אונזער עדיוקיישאָנאַל אַרבּייט.

דער עדיוקיישאָנאַל סיזאָן אין דעם ווינטער פון 1919 — 1918 האָט זיך פאַרענדיגט אין מאָנאַט מאַי, גלייך נאָך דעם לעצטען מיטינג פון דער באָארד. די אויסגאַבען אויף דער אַרבּייט יענעם סיזאָן האָט באַטראָפען אַרום 10 טויזענד דאָלאַר, און ווי עס שיינט מיר, איז דאָס געלד פאַרברויכט געוואָרען אויף א גאַנץ גוטען צוועק. נאַטירליך, מען קען נאָך דיסקוטירען וועגען דעם, ווי די אַרבּייטער אָרגאַניזאַציאָנען פיהרען אָן די עדיוקיישאָנאַל טעטיגקייטען, אַז מען וויל, איז נאָך דאָ וואָס צו קריטיקירען. מען קאָן דענקען, אַז מאַנכע פון די קורסען זיינען ניט נויטיג געווען און מען דאַרף בעסער געבען אַנדערע. מען קאָן אפשר אויך זאָגען, אַז די אינטערנעשאַנאַל האָט געקאָנט די אַרבּייט טאָן אויף א מעהר עקאָנאָמישען אופן דורך די עקזיסטירענדע, עדיוקיישאָנאַל אינסטיטוציעס, און ניט דורך אַן איינגענעם ספּעציעלען דעפּאַרטמענט. אָבער, צו די וואָס האָבען זיך דירעקט באַטייליגט אין דער אַרבּייט און האָבען ערפאַהרונג שיינט עס, אַז דאָס וואָס די עדיוקיישאָנאַל אַרבּייט ווערט פאַרוואַלטעט דירעקט דורך דער אינטערנעשאַנאַל איז פון גרויס נוצען און האָט א בעסערען עפעקט אויף די מיטגליעדער, ווי דאָס וואָלט געטאָן געוואָרען אויף אירגעד וועלכען אַנדערען אופן.

אין דער צייט וואָס דער רעפּאָרט ווערט געשריבען, פאַנגט אָן דער עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט זיינע טעטיגקייטען פאַר דעם טערמין פון 1919 און 1920. דער דעפּאַרטמענט האָט אָנגעשטעלט דר. לואיס פריעדלאַנד, איינער פון דעם סטעף פון ניו יאָרק סיטי קאָלעדזש, אַלס דירעקטאָר, מיט א געהאַלט פון 75 דאָלאַר א וואָך.

אונזער וויס-פּרעזידענטין, מיס פאַניא מ. קאַהן, וועלכע איז געווען גאַנץ אַקטיוו די לעצטע עטליכע מאָנאַטען, דורך דעם דזשענעראַל אָפיס, מיט די סטרייקס וואָס מיר האָבען געהאַט, און אויך מיט דער אָרגאַניזאַציאָנס-אַרבּייט צווישען די קאָרסעט אַרבּייטער און פּעטיקאָוט מאַכער אין ניו יאָרק, און אויך אויסער ניו יאָרק, איז איצט פאַרנומען מיט דער אַרבּייט פון דעם עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט. דעם אמת זאָגענדיג, איז מיס קאַהן און ברודער ה. וואַנדער, דער טשערמאַן פון דער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע, די איינציגע אַקטיווע מיטגליעדער פון דער קאָמיטע. איך וואָלט דעריבער פאָרגעשלאָגען דאָס פאַר דעם סיזאָן זאָל צו דער קאָמיטע צוגעזעצט ווערען נאָך-טעטיגע מיטגליעדער.

* * *

## שלום - וואָרט

צום שלום וויל איך זאָגען, דאָס דורך דער צייט פון די פינף און א האַלב מאָנאַטען, צווישען דעם פריהערדיגען מיטינג פון דעם דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד און דעם איצטיגען, האָט אונזער אָרגאַניזאַציאָן זעהר פיעל דורכגעמאַכט און גאָר א סך אויפגעטאָן. עס איז אָנגעקומען דער זאָגענאַנטער „רעקאָנסטראַקשאָן" פּעריאָד און דאָס האָט געבראַכט מיט זיך א גרויסע צאָהל אינדוסטריעלע קעמפע, גרויסע און קליינע סטרייקס. עס איז געקומען אַן ערוואַכונג אין די רייהען פון די אַרבּייטער איבער'ן גאַנצען לאַנד; אומעטום האָבען די אַרבּייטער, איצט מעהר ווי אַלעמאָל, גענומען פאָדערען „זייער פּלאַץ אונטער דער זון", און צו באַפעסטיגען זייערע אָרגאַניזאַציאָנען פאַר דער צוקונפט.

אין דעם גרויסען קאַמף האָט אונזער אינטערנעשאַנאַל גענומען איהר טייל און מען קען זאָגען, דאָס מיר האָבען געוואונען אונזערע קעמפע אויף אַלע פראָנטען! נאַטירליך, אונזער יוניאָן איז א טייל פון דער אַלגעמיינער אַרבּייטער באַוועגונג אין אַמעריקא און דער אויסגאַנג פון די אַלע גרויסע באַוועגונגען און קעמפע מוז אויך, אין איין וועג אָדער א צווייטען, האָבען א ווירקונג אויף אונזער שטאַנד און אויף דעם שיקזאַל פון אונזערע מיטגליעדער. מיר מוזען דעריבער, איצט מעהר ווי אַלע מאָל, זיין בעסער און שטאַרקער פּאַראַירינט — פעסטער צוזאַמענגעבונדען אין אַלע אונזערע טיילען און אויפּפאַסען אויף דער ענטוויקלונג פון די אַרומיגע פּאַסירונגען. איצט מעהר ווי אַלעמאָל, ווען אַלע פינסטערע כוחות לויערען אויף דער אַרבּייטער באַוועגונג און זוכען אויף פאַרשידענע אופנים איהר צו באַקעמפען, איז נויטיג מיר זאָלען זיין שטאַרקער צוזאַמענגעבונדען, צו זיין איינייג און לאָיאַל צו אונזער גרויסער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן.

מיט ברידערליכען גרוס,

**אב. באַראָף,**

דזשענעראַל סעק.-טרעזשורער.

# ווען א פּאָליסמאַן באַגעהט זעלבסטמאָרד

(פעליעטאָן.)

פון לעבעדיגען.

אין אָרדנונג אין וועלכער א פּאָליסמאַן קען נאָך באַגעהן זעלבסטמאָרד איז נאָך ווייט קיין אָרדנונג ניט.

(פון מיינע צוקונפטיגע גרויסע געדאַנקען.)

א מאָדנע זאַך פּאַסירט מיט מיר. עס זיינען דאָ צייטען, ווען מיך הערען אויף אינטערעסירען די אַלע גרויסע, ברייטע, הויכע און וויכטיגע פּאַסירונגען. די זאָגענאַנטע גרונד-שטיינער פון דער וועלטס-געבייידע: די טאָג-טעגליך זיך שאַפענדע געשיכטע — נור מיך הויבען אָן דוקא צו אינטערעסירען זייטיגע, קליינע, אויפ'ן ערשטען בליק, ניט וויכטיגע און נאַרישע פּאַסירונגען.

אָט נעהמט, למשל, זעלבסטמאָרדען!

צעהנדליגע זעלבסטמאָרדען ווערען באַגאַנגען יעדען טאָג איבער דער וועלט. עס מאָרדען זיך מיט אַלע מיתות משונות יונגע מענשען, און אַלטע לייט. עס טייטען זיך אפילו אָפט גרויסע מענשען, סאַמע פּרינצען, מיניסטאָרען, און פיהרער פון דער מענשהייט. אָבער מיך פאַראינטערעסירט אַמשטאַרקסטען בלויז (אויהר הערט?) די זעלבסטמאָרדען פון פּאָליסלייט.

ווען א פּאָליסמאַן באַגעהט זעלבסטמאָרד איז פאַר מיר ניט דאָס וואָס א געוועהנליכער בשר ודם באַגעהט. דאָס קוקט אויס עפּעס מאָדנער-וווּנדערליך, עס ראַטעט זיך ניט איין אין דער געוועהנליכער רעזיקע, פון געוועהנליכע זעלבסטמאָרדען...

לעזער פון „גערעכטיגקייט", (סיטי און קאַונטרי) לאָמיר טאַקע א טראַכט טאָן פאַר וואָס זאָל א פּאָליסמאַן באַגעהן זעלבסטמאָרד?

געזונד איז ער.

דענקען — דענקט ער ניט.

א מונדיר טראָגט ער.

פּוילעווצען זיך, קען ער.

א שטיקעל בעל-הבות איבער פרעמדע קעפּ איז ער.

סענטימענטאַל און פאַרליעבט קען ער ניט זיין, ווייל, ווי קאָן מען זיין סענטימענטאַל און פאַרליעבט מיט א שטיק האָלץ ביים זייט?

די אָרדנונג איז איהם געפעלען, ווייל ווען זי וואָלט איהם ניט געפעלען געווען, וואָלט ער דאָך איהר ניט אַזוי טריי געהיט.

און אויך פון א ווייב קען ער ניט האָבען קיין צרות, ווייל עס איז זיכער, אַז אויך א ווייב פון א פּאָליסמאַן דאַרף פאַר איהם אבשוי און מורא האָבען.

איז דאָך טאַקע ווידער די קשיא: פאַר וואָס זאָל אַזאַ מאַן באַגעהן זעלבסטמאָרד?

פאַר וואָס?

אָט האָט מיך טאַקע די טעג פאַראינטערעסירט אַזאַ מין זעלבסטמאָרד-נייעס אין א צייטונג.

איך האָב געלעזען: „פּאָליסמאַן דזשאָן פאַוויק האָט זיך גענומען דאָס לעבען, אַריינגעשאָסען א קויל אין האַרצען, ווען ער האָט זיך געפונען אין דעם פּאַרק גרין פּאַרק, ברוקלין. די פּאָליס פון זיין סטיישאָן האָבען ניט געקענט דערגעהן די אורזאַכע פון דעם פּאָליסמאַן'ס טויט. דער פּאָליסמאַן איז געווען אַן אַלטער און 36 יאָהר אַלט."

אָט האָט איהר אייך!

און עס הייסט, אַז אפילו קלוגע קענען ניט דערגעהן די אורזאַכע פון אַזאַ טאָט.

וואָס האָט איהם טאַקע געקענט טריבען צו ענדיגען אַזוי טראַגיש זיין לעבען? — טראַכט איך.

און נאָך דורך א שאָס פון א קויל!

מיר זיינען געוואוינט צו לעזען אַז פּאָליסלייט זאָלען שיסען אַנדערע א ב ע ר ניט זיך.

און געשאָסען האָט ער זיך, איהר הערט, גאָר אין האַרצען!

ווי קומט אַזאַ זאַך צו א פּאָליסמאַן? און וואו האָט ער עס צום געהאַט אַנצושאַפען אונטער'ן גראַבען געוואַנט אַזאַ ניט וויכטיגען „פּרעדמעט", ווי א האַרץ?

ספקות, ספקות און ספקות!

אָבער אָט פאַרקירעוועט איך מיינע געדאַנקען אויף צוריק און איך טראַכט שוין גאָר אַביסעלע אַנדערש.

אפשר איז דאָס אין גאַנצען ניט מעהר ווי א טעות, אָט דאָס אַלעס וואָס איך און איהר דענקען וועגען פּאָליסלייט?

מען קען טאַקע זיין געזונד ווי א פּאָליסמאַן און דאָך זיך אומטראָגען מיט א וועהטאָג.

מען קען אומגעהן מיט א שטיק האָלץ ביים זייט — און דאָך דענקען הימעלשע, ליכטיגע און פיינע געדאַנקען.

מען קען טראָגען א מונדיר — און ער זאָל דאָך זיין צו לאַסט...

מען קען זיין א בעל-הבית איבער פרעמדע

# די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער)

**דער טויט פון דער וועלט-באריהמטער שעהנהייט, אלמא וועסטערא, און דער היסטארישער פלוך אויף דער געוועזענער עסטרייכישער קייזערליכער פאמיליע.**

אלמא וועסטערא-העין-ענדריוס-סטיען, וועלכע איז באקאנט געווען אויף ביידע וועלט-טיילען אלס אן אומגעזעצליך אייניקעל פון'ם פארשטארבענעם עסטרייכישען קייזער פראנץ-יאזעף, און וועלכע האט זיך באריהמט געמאכט מיט איהר גרויסער צאהל ליעבעס, ראמאנען און הייראטען, איז דא ניט לאנג געפונען געווארען טויט אין איהר וואוינונג אין לאנדאן. זי האט זיך פאר'סם'ט דורך איינגעמען א דאזע פ, א זעהר שטארקען גיפט, וועלכען זי האט די לעצטע פיער-פינף יאהר תמיד ארומגעטראגען מיט זיך.

די פאר'סם'טע איז געווען נאך א זעהר יונגע פרוי, אבער אין איהר קורצען לעבען האט זי אויספעיעט צו זיין דריי מאל פארהייראט און א פאר דוצענד מאל פארליעבט. צוויי פון איהרע מענער זיינען געווען אמעריקאנער. איהר ערשטער מאן איז געווען א באקאנטער ניו יארקער וואל סטריט „בראוקער", דזשאדזש אסבארן העין. זי האט מיט דעם דאזיגען העין'ען ניט אויסגעוואוינט אפילו קיין פולע צוויי יאהר, ווי זי האט שוין דורכ'ן געריכט פון איהם ארויסגעקראגען א גט, און אין א קורצער צייט ארום איז זי שוין געווען די „כלה" פון א יונגען סטודענט פון יעיל אוניווערסיטעט, איינעם א דאנאלד שיעלד אנדריוס, א בחור פון א יאהר 19 און א זוהן פון אלטען רייכען טאטען.

די עלטערן פון'ם דאזיגען יונגען סטודענט זיינען געווען שטארק נעגען דעם שידוך; זיי האבען אנגעווענדעט אלע מיטלען ניט צו דערלאזען זייער זוהן'ס חתונה מיט דער דאזיגער „געפעהרליכער באצויבערין פון יונגע מענער". עס איז איינמאל שוין געקומען אזוי ווייט, אז דער אלטער ענדריוס, דער פאטער, האט ארומגענומען פון זיין זוהן די מלבושים און א נאקעטען איהם פארשלאסען אין א צימער אין א געוויסען האטעל, און האט אנגעשטעלט דעטעקטיווס צו היטען זיין געפאנגענעם זוהן. אבער „ליעבע איז שטארקער פון אייזען"; די שלעסער און די ריגלען און אפילו די שומרים האבען ניט געהאלפען: אלמא'ן איז דאך געלונגען ארויסצו'גנב'ענען איהר חתן. זי איז מיט איהם גלייך אוועק קיין מאמאראנעק, ניו יארק, און דארט אויף גיך, ביי א ריכטער אין הויז, אפגעפראוועט א חתונה נאך אלע געזעצען פון'ם שטאאט...

דאס איז געווען אין מאנאט אפריל, 1915. זי האט מיט אט דעם יונגען, רייכען סטודענט אפגעלעבט אין נחת און אין ליעבע גאנצע... צוויי וואכען. אויף דער דריטער וואך איז זי נעלם געווארען און מע האט ניט געוואוסט וואו זי איז אהינגעקומען.

אין א פאר חדשים ארום האט זי זיך פלוצלונג באוויזען אין דער העכסטער אריסטאקראטישער געזעלשאפט אין לאנדאן, און האט שוין געהאט ארום זיך א גאנצע מחנה נייע פארעהרער, און דווקא די שענסטע און רייכסטע יונגעלייט פון דער לאנדאנער אריסטאקראטיע. דער אלטער ענדריוס האט דערוויל, דורך א קליוולענדער געריכט, שטילערהייט ארויסגעקראגען א גט פאר זיין יונגען זוהן און איהם אזוי ארום באפרייט פון זיין צאצקעדיגער ווייבעל.

אלמא וועסטערא-העין-ענדריוס האט דעמאלט ערקלערט, אז זי טרעט אריין אין דער ענגלישער ארמעי אלס א נורס, וואו זי וועט זיך אפגעבען מיט לינדערען די שמערצען פון פארוואונדעטע סאלדאטען. עס איז געווען ארום יענער צייט ווען זי האט זיך דאס באזארגט מיט דער פארציע גיפט (אויף „ווי א זאך מאכט זיך"), מיט וועלכען זי האט זיך שוין קיינמאל ניט געשיידט, און מיט וועלכען זי האט טאקע דא ניט לאנג געמאכט א סוף צו איהר לעבען.

[illegible] געשטארבען איז זי אלס די פרוי פון אן ענגלישען קאפיטאן מיט'ן נאמען סטיען, מיט וועלכען זי האט געהייראט ערשט לעצטען אויגוסט.

[illegible] וואסערע אורזאכען און מאטיווען זי האט געהאט פאר איהר זעלבסטמארד — דאס איז נאך דערווייל ניט באקאנט און וועט שוין אפשר בלייבען א סוד אויף אייביג. די בריטישע און אמעריקאנער צייטונגען שרייבען אן אויף אט דער דא-מאנטישער פרוי, מיט איהר דראמאטישען לעבען און טראגישען טויט, אלס אויך נאך איין קרבן פון דעם היסטארישען פלוך, וואס איז געפאלען אויף דעם הויז פון די האפסבורגס — די געוועזענע עסטרייכישע דינאסטיע.

אלמא וועסטערא-העין-ענדריוס-סטיען איז געווען די טאכטער פון פריילין מאריא וועסטערא, וועלכע איז געווען די אומגליקליכע געליעבטע פון'ם אומגליקליכען עסטרייכישען קרוינפרינץ רודאלף. דער טויט פון אלמא'ס עלטערן — פון'ם קרוינפרינץ רודאלף און פון זיין געליעבטער מאריא — זיינען אין דער געשיכטע באקאנט אלס דער געהיימניספולער דאפעלטער זעלבסטמארד פון מעיערלינג. מעיערלינג איז דער נאמען פון דעם פלאץ, וואו אין איינעם שענעם פרימארגען אין 1889 זיינען דער עסטרייכישער קרוינפרינץ רודאלף און זיין יונגע, 18-יעהריגע געליעבטע, די שעהנע מאריא וועסטערא, געפונען געווארען טויט, ליגענדיג אויף א הויפען ווילדע בלומען, אין א פארווארפען וועכטער-שטיבעל אין וואלד.

דער דאזיגער זעלבסטמארד פון דעם עסטרייכישען קרוינפרינץ רודאלף איז געווען ניט דער ערשטער און ניט דער איינציגער אומגליק אין דער עסטרייכישער קייזערליכער פאמיליע. די געשיכטע פון דער האפסבורג-דינאסטיע איז, פון'ם ערשטען טאג אן וואס פראנץ-יאזעף האט באטראטען דעם טראן, געווען איין לאנגע קייט פון אומגליקען פאר דער האפסבורג-פאמיליע.

איינינע מיסטיקער באהויפטען זאגאר, אז „די קללה אויף די האפסבורגס" איז די קללה אויף דער גאנצער מענשהייט. אלס באוויז דערצו ווייזען זיי אן אויף דער ערמארדונג פון דעם עסטרייכישען יורש-עצר, דעם ערץ-הערצאג פראנץ-פערדינאנד, אין סאראיעווא, אין זומער פון 1914, וועלכע איז פאקטיש געווען דער ערשטער שטויס צו דער שרעקליכער וועלט-מלחמה, וואס האט געבראכט אזוי פיעל אומגליקען אויף דער גאנצער וועלט.

פאר די פון אונזערע לעזער, וואס זיינען ניט באקאנט מיט דער היסטאריע פון דער טרויעריג-באריהמטער „קללה אויף די האפסבורגס", וועלען מיר דא איבערגעבען אין קורצען די געשיכטע פון'ם דאזיגען מערקווירדיגען פאקט, וואס קלינגט היינט ווי אן אלטערטימליכע לעגענדע.

באלד נאכדעם ווי קייזער פראנץ-יאזעף איז, אלס נאך גאנץ יונגער מאן, אין דער ערשטער העלפט פון'ם פארגאנגענעם יאהרהונדערט, ארויף אויפ'ן עסטרייכישען טראן, איז אין עסטרייך עפענטליך הינגעריכטעט געווארען דער יונגער אונגארישער גראף קאראלי, פאר זיין אנטייל נעהמען אין'ם אונגארישען אויפשטאנד נעגען דער עסטרייכישער קרוין. די אלטע, גרייז-גרויע גרעפין קאראלי, די מוטער פון'ם הינגעריכטעטען גראף, וועלכער איז געווען איהר איין-און-איינציגער זוהן, האט אויף א באל אין'ם קייזערליכען פאלאץ, זיך אריינגעריסען אין צימער, וואו עס האט זיך דעמאלט געפונען דער יונגער קייזער, און האט אויף זיין קאפ אויסגעגאסען א ביטערע קללה, וואס איז געקומען פון א צעווייטיגט הארץ פון א מוטער:

„גאט און טייוועל זאלען דיין גליק צושטערען!" — האט זי אויסגעשריען — „דיין פאמיליע זאל אויסגעראטען און פארטיליגט ווערען פון גאט'ס ערד! זאלסט געטרויבט ווערען פון אלע די, וואס זיינען דיר אם-ליעבסטען און טייערסטען! דיינע קינדער זאלען רואינירט ווערען, און דיין אייגען לעבען זאל צובראכען ווערען, אבער ניט אפגעבראכען ווערען; זאלסט לעבען אין אנגסט און אין איינזאמקייט, און ביי יעדע פרישע צרה, ביי יעדען נייעם אומגליק, וואס וועט אויף דיר קומען, זאלסטו זיך אין צ טערניש דערמאנען אן דעם נאמען קאראלי!..."

אט דאס איז געווען די שרעקליכע קללה פון דער אלטער גרעפין; און איהר קללה איז מקוים געווארען. די האפסבורג-דינאסטיע, וועלכע איז געווען באטראכט אלס די מיוחס'דיגסטע פאמיליע צווישען אלע קייזערליכע הויפען, איז אויך געווען באקאנט אלס די אומגליקליכסטע און פארשאלטענסטע קייזערליכע פאמיליע אויף דער וועלט.

און היינט, ווען דער אלטער פראנץ-יאזעף אליין איז שוין טויט, און דער עסטרייכישער טראן, צוזאמען מיט אלע אנדערע קייזערליכע טראנען, איז שוין צובראכען און אפגעווישט פון דער ערד, — אפילו היינט איז נאך די קללה אויף די קינדער פון דער אומגליקליכער האפסבורג פאמיליע ניט ערשעפט. דער איצטיגער טראגישער סוף פון דער יונגער שעהנער אלמא וועסטערא, וועלכע איז געווען די פרוכט פון דער אומגליקליכער ליעבע צווישען דעם קרוינפרינץ רודאלף מיט מאריא וועסטערא, ווערט דעריבער מיט רעכט באטראכט אלס נאך א קרבן פון דער היסטארישער „קללה אויף די האפסבורגס".

# קורצע שמועסן

## צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

ס. בלעכמאן. — געוויס, מיר באשולדיגען אייך ניט, איהר האט עס דאך געלייענט אין די צייטונגען, אז דער שטאהל סטרייק איז געבראכען. גלויבט איהר עס אין אייער גאזעטשעס? די מעשה איז אבער פונקט קאפויר. די סטרייקער, איבער דריי הונדערט טויזענד אין צאהל, שטעהען פיעל פעסטער, פיעל ענטשלאסענער אין זייער קאמפף, ווי אין דעם ערשטען טאג, ווען זיי זיינען ארויס אין סטרייק. אין דער אמת'ען, אז מען געדענקט אונטער וועלכע אומשטענדען זיי סטרייקען, אז מען לאזט זיי ניט פארזאמלען זיך, ניט זיך דורכרעדען מיט זייערע ברידער, און מען געבען זיי דעם שרעקליכסטען טעראר, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען, איז דער דאזיגער קאמפף פון די שטאהל-ארבייטער איינער פון די זעלטענע, וואס די וועלט האט אמאל געזעהן. דאס איז א קאמפף פון העלדען, פון טיטאנען. אי, ווארום אונזער פארקויפטע פרעסע מאכט אדער א שווייג וועגען דעם אלעס, אדער זאגט פשוט ליגען? נו, דאס איז טאקי דערפאר, ווייל זי איז פארקויפט מיט הויט און ביינער צום שטאהל-טראסט. די איינציגע האפנונג פון דיזע באנדיטען איז צו צווינגען די סטרייקער צוריקגעהן צו דער ארבייט דורך הונגער. פארשטעהט זיך, ווייס די פרעסע, אז ווען זי וועט זאגען דעם אמת וועגען דער פעסטער האלטונג פון די סטרייקער, וועלען זיך געפינען פילע, וואס וועלען סימפאטיזירען מיט זיי און זיי געבען די מעגליכסטע הילף פינאנציעל און מאראליש. טויג עס דאך ניט. ערקלערט מען, אז דער סטרייק איז געבראכען. דאן, נאטירליך, וועט פארגעהן דער חשק פון פילע צו קומען מיט זייער הילף. צו וואס, אז דער סטרייק איז [illegible] פארלארען? דאס איז דער נידערטרעכטיגער פלאן. אבער דאס מאל וועט ער ניט געלינגען. די ארבייטער-וועלט איז אויסגעצייכענט אינפארמירט איבער דעם צושטאנד פון דעם שטאהל-סטרייק, און די ארבייטער וועלט וועט און מוז העלפען די שטאהל-סטרייקער מיט אלץ נאר וואס זי איז אין שטאנד. האפענטליך וועט אויך איהר ניט נאר אייער חלק ביישטראגען, נאר איהר וועט, אלס עהרליכער מענש און ארבייטער, זארגען, אז אלע אייערע פריינד און באקאנטע זאלען פון זייער זייט ביישטייערען אלץ, וואס זיי קענען. מיט דער דאזיגער הילף קען מען אויסהאלטען דעם סטרייק אזוי לאנג, ביז ער וועט געוואונען ווערען. אייער טענה, אז דער סטרייק ציהט זיך שוין אביסעל צו לאנג, איז, זייט אונז מוחל, א נארישער. אז עס איז ניט צו לאנג פאר די סטרייקער, וועלכע ליידען הונגער, קעלט און די גרויזאמסטע פארפאלגונגען, דארף עס ניט זיין צו לאנג פאר אייך.

ב. ניינעריגער. — עממא גאלדמאן און בערקמאן זיינען פריי, אבער דאך מיט א שטריקעל הינטער זיך. יעדער פון זיי האט געמוזט צושטעלען 15 טויזענד דאלאר ביול, אז זיי זאלען חלילה ניט אנטלויפען, אזוי ווי זיי וואלטען געקענט אדער געהאט וואו צו אנטלויפען! מיר הערען, אז זיי גרייטען זיך צו מאכען אן אגיטאציאנס-טור, אויב זיי וועלען [illegible] די מעגליכקייט דערצו. דאס איז, פארשטעהט זיך, א זאך וואס הענגט ניט אפ פון אונז, נאר פון די, וועלכע האבען די מאכט.

ב. יורעלעוויטש. — עס איז פאר אונז קלאר, אז איהר האט זיך ניט אריינגעטראכט אין די גאנצע אנגעלעגענהייט, און אזוי גיך, מעגליך, עס זיינען דא עהנליכע צו אייך, ווילען מיר דא פאר אייך, ווי פאר זיי, מאכען די גאנצע אנגעלעגענהייט גאנץ קלאר. אפילו ווען אונזער שמועס זאל דאס מאל מוזען זיך פארציהען אביסעל לענגער, ווי געוועהנליך. אין שעהנעם טאג, אין דער צייט פון קעמפיין, האט זיך באוויזען אויפ'ן גאס א הענדביל מיט א קשה: וואוט פאר דעם און דעם קאנדידאט, און איבער דעם, פארלאנג איז געווען געדרוקט אויף דעם לעטערהעד פון דער אינטערנעשאנאל א בריף פון ב. שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל. איז ווען א צייטונג, וואס געהערט צו די באסעס, וואלט דערפון געמאכט א גאנצע סענסאציע: אפגעדרוקט דעם בריף, ווי ער שטעהט און געהט, ניט אויסלאזענדיג אפילו דעם פארלאנג „וואוט", און וואלט געמאכט איבער דעם א לאנגען פירוש: זעהט נור, בבאמנות, ווער אייער פרעזידענט איז, וואלט עס געווען פארשטענדליך, און, ביז א געוויסען גראד, פארציהליך. ווען גלאט א צייטונג, וואס זוכט נור סקאנדאלען, וואלט אזוי געהאנדעלט, וואלט דאס אויך געווען באגרייפליך און פארציהליך. ווען אבער א צייטונג, וואס פרעטענדירט צו זיין אן ערנסטע צייטונג, און האלט אין איין מאכען פארווירפע אנדערע צייטונגען פאר זייער „געלקייט" און סענזאציע-זוכעריי, זאל פלוצלינג אליין זיך באנוצען מיט דיזעלבע געלע מעטאדען, דאן איז עס אי שענדליך און סקאנדאליעז. זעהט, ווי דער „פארווערטס", וועמען די „נייע וועלט" האלט אין איין אטאקירען, אלס געלע צייטונג, האט געהאנדעלט. דיבער דער „פארווערטס" האט פונקט אזוי גוט געקאנט מאכען א „דיספליי" פון דעם בריף, און דערמיט מאכען א גאנצען טומעל אין אונזער גאס, א פיעל גרעסערען, ווי דער, וואס די „נייע וועלט" האט געמאכט. ווארום, ווי פיעל לעזער האט זי, אומשטיינס געזאגט, נאך אין גאנצען? ווארום-זשע האט עס דער „פארווערטס" ניט געטאן? ווייל דער „פארווערטס" ווייס, ווי דאס ווייסען אלע אנדערע, אז שלעזינגער איז ניט קיין אונטערשטיצער, ער איז ניט ערשט פון נעכטען מיט אונז. זיינע אייגענע אנגרייפער, גאט ווייס, וואס פון זיי קען זיך נאך אויסלאזען. מיר האבען נאך מיט זיי קיין פעסטע זאלץ ניט אויפגעגעסען. ביי שלעזינגערן איז עס גאנץ אנדערש. זיין גאנצער לעבען איז פאר אונז אן אפענער בוך. דארום האט קיין עהרליכער מענשען גאר ניט געקאנט איינפאלען, אז שלעזינגער איז מיט אמאל געווארען א טאמאני-פאליטישען. אמת, דער בריף, לאמיר אננעמען, איז געווען עפעס קשה: איז וואס-זשע דארף מען טאן אין אזא פאל? רוהיג איבערגעבען די נייעס, און ווארטען ביז שלעזינגער וועט האבען א געלעגענהייט צו ערקלערען. שוין באלד איהם אפ'משפט'ן, אלס טאמאני-פאליטישען, דאס קען נור א מענש, וואס האט ניט דעם מינדעסטען געפיהל פון פארשטענדליכקייט. אין דערזעלבער צייט מוז זיין דער מאן א ביטערער שונא פון שלעזינגערן. ווארים געגען א מענשען צו וועמען מען האט די מינדעסטע אכטונג, קען מען ניט האנדלען אזוי סקאנדאליעז. פאלגליך, איז דער דזשאינט באארד געווען פאלשטענדיג גערעכט וואס ער האט אין זיין רעזאלוציאן פארדאמט אזא סקאנדאליעזע האנדלונג. ווארים שלעזינגער איז דא ניט אטאקירט געווארען בלויז אלס פערזאן, נור אלס דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל. איבערהויפט קען מען די צוויי זאכען גארניט פארנאנדערטיילען, און דערפאר האט דער דזשאינט באארד, דורך זיין רעזאלוציע, גענומען די איינציגע ריכטיגע שטעלונג. איצט באטראכט, ווי דערזעלבער סענסאציע-מאכער, איז פארטיג געווארען מיט דער רעזאלוציע פון דער דזשאינט באארד. ער האט ניט גענומען די רעזאלוציע, און צוגלידערט איהר,


# עסען אין רעסטאראן

...איז אל-רייט, ווען איהר האט נאר אימער ביים האנט א קליינע באקסעל

# עקס-לאקס!

# וועלכע געזעצע דאַרפֿען די ארבייטער אויספֿאָלגען?

**די ווערט פון ארבייטער געזעצע אין די קאפיטאליסטישע געריכטען. — זיינען סטרייקס געזעצליך אדער אונגעזעצליך? — וואס טעפט און פּאלמער זאגען וועגען דעם. — א פראגע וואס איז פון גרעסטער וויכטיגקייט פאר ארבייטער ארגאניזאציאנען.**

פון ב. מיימאן.

„קיין פארווערענדער באפעהל אדער אינדזשאנקשאן זאל ניט טאָרען באנוצט ווערען צו פארבאטען אירגענד וועלכער פערזאן אדער פערזאנען פון אוועקלייגען די ארבייט, אדער איבערריידען אנדערע אויף א פריעדליכען אופן דאס צו טאָן, אדער... פון אירגענד וועלכער פערזאן, אדער פערזאנען, וועלכע פיהרען אן אזא סכסוך צו נעמען אדער צוריקהאלטען סטרייק בענעפיטס אדער אנדערע געלדער אדער ווערטפולע זאכען; אדער צוריקהאלטען פון פריעדליכער פארזאמלונג אין אירגענד וועלכען פלאץ אויף א פריעדליכען וועג און פאר פריעדליכע צוועקען."

דיעזע שטעלע איז א ווערטליכע איבערזעצונג (אדער אזוי נאָהענט ווערטערליך ווי עס איז מעגליך) פון דעם „קלעיטאן אמענדמענט" צו דעם אנטי־טראסט געזעץ. ווען דיזער פונקט איז געווארען א געזעץ האבען ארבייטער פיהרער געמיינט, אז זיי זיינען שוין אויף אייביג פטור געווארען פון דער אינדזשאנקשאן מכה, פון וועלכער ארבייטער יוניאנס האבען אלע מאָל געליטען. און די ארבייטער פיהרער האבען געהאט א פאלקאמען רעכט אזוי צו רעכנען. דוכט זיך, וואס קען נאך זיין דייטליכער ווי דיזער פונקט? ער זאגט אויסדריקליך, אז די קאורטס טארען ניט ארויסגעבען קיין אינדזשאנקשאן בעגען קיין סטרייק; אז זיי טארען ניט פארווערען צו טרייען איבערריידען אנדערע צו סטרייקען; אז זיי טארען ניט אפהאלטען קיין סטרייק בענעפיטס פון קיין סטרייקערס; און אז זיי טארען ניט פארווערען קיינע פריעדליכע פארזאמלונגען. און די ארבייטער האבען זיך מיט דעם ארומגעטראגען ווי מיט אן אבן טוב און געשריען הורא פאר דער דעמאקראטישער פארטיי, וועלכע האט זיי געהאלפען דורכפיהרען אזא גאלדענעם געזעץ.

דיזער גאלדענער געזעץ האט זיך איצטער ארויסגעצייגט צו זיין, ווי דער אמעריקאנער זאגט, „א גאָלד בריק"...

מר. וויליאם האווארד טעפט, געוועזענער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען, זאגט, אז לאיערס האבען גאר קיין מאָל ניט געמיינט אז דיזער געזעץ וועט אפשאפען אינדזשאנקשאנס געגען סטרייקס. אט זיינען זיינע ווערטער:

„ווען דער קלעיטאן געזעץ איז אָנגענומען געווארען האבען די ארבייטער פיהרערס באהויפטעט אז דיזעס וועט אפשאפען די אינדזשאנקשאנס געגען לייבאר יוניאנס. טראץ דעם וואס דאס איז ניט געווען די מיינונג פון פארזיכטיגע לאיערס, און די ענטשיידונגען פון די געריכטען האבען באשטעטיגט די מיינונגען פון די לאיערס."

מר. טעפט, איידער ער איז געווארען פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען, איז געווען א דזשאדזש. ער האט וואס מען רופט אין ענגליש, „א דזשורידישאל מיינד", דאס איז אזא מין סארט מוח וואס איז פון גאט עקסטרא געמאכט געווארען אזוי ווי עס איז נויטיג צו פארשטעהן און פארטייטשען געזעצע... ער האט דארום געקענט זעהן גלייך ווי יענער געזעץ איז אנגענומען געווארען, וועלכען מיר האבען אויבען געבראכט און וועלכען א קינד קען, דוכט זיך, פארשטעהן אז ער פארבאט יא אינדזשאנקשאנס געגען יוניאנס, האט אבער דער גרויסער „דזשודישיאל מיינד" פון טעפט'ן פארשטאנען אז ער וועט ניט שטערען קיין דזשאדזש ארויסצוגעבען אינדזשאנקשאנס. טעפט זאגט אויך, אז די לעצטע ענטשיידונגען פון די קאורטס האבען באוויזען אז דאס וואס ער זאגט איז ריכטיג.

דיעזע ווערטער פון טעפט'ן — און טעפט איז געוויס אן אויטאריטעט אז מען זאל זיך אויף זיי אפשטעלען — צייגען דייטליך צוויי זאכען: ערשטענס, אז דאס וואס די רעגיערונג האט זיך באנוצט מיט דער טענה וועגען דער מלחמה וואס איז טעארעטיש נאך ניט געענדיגט; וועגען דעם „לעווער עקט" בנוגע שפייז און הייצונג וועלכער עקזיסטירט נאך אלץ; וועגען דעם אגרימענט וואס די מיינערס האבען געהאט געמאכט מיט די בעלי בתים פון די מינעס און וועלכע האבען זיך ניט געענדיגט; און די אלע אנדערע טענות וואס די רעגירונג האט געהאט, זיינען בלויז געווען בעקוועמע זאכען צו באנוצען געגען. די סטרייקערס און האבען אפשר אביסעלע בעסער אפעלירט צום גרויסען ברייטען עולם, אבער אז דיזעס איז ניט געווען דורכאויס נויטיג אום צו ברעכען דעם אנטי־אינדזשאנקשאן געזעץ. די רעגיערונג האט געקענט קריגען אן אינדזשאנקשאן געגען די קוילען מיינערס אפילו אהן די אלע טענות וועגען דער מלחמה. „קערפול לאיערס" האבען קיין מאָל צאר ניט געגלויבט אז דער קלעיטאן עקט וועט שטערען די קאורטס ארויסצוגעבען אינדזשאנקשאנס. דאס וואס די ארבייטער פיהרער האבען זיך אלזא געפרעהט מיט דיזער שטיק ארבייטער געזעצגעבונג איז געווען אבסאלוט א פאלשע שמחה. מען האט זיי, אדער זיי האבען זיך אליין, אין גאנצען אפגענארט מיט דעם.

צווייטענס, אז עס איז גאר אונמעגליך צו שרייבען ארבייטער געזעצע אזוי, אז די ארבייטער זאלען זיין זיכער דאס די קאורטס וועלען זיי מוזען דורכפיהרען זיי לטובה. ווארים וואס קען, דוכט זיך, זיין דייטליכער ווי דיזער פונקט אין דעם קלעיטאן געזעץ איז געשריבען געווארען? עס צייגט זיך ארויס צו זיין די אלטע מעשה פון „שרייב יא, שרייב ניט — עס וועט יעדענפאלס בלייבען דאס זעלבע"...

וואס זשע בלייבט טאקע פארט מיט דעם רעכט פון ארבייטער צו סטרייקען? איין מאָל פאר אלע מאָל, לאמיר וויסען, האבען די ארבייטער א רעכט צו סטרייקען אדער ניט? מען פאדערט פון אונז אויספאלגען געזעצע, האבען מיר דאך כאטש א רעכט צו וויסען וואס דער געזעץ איז. איז עס געזעצליך צו סטרייקען אדער ניט?

דעם ענטפער אויף דיזער פראגע דארפט איהר ניט זוכען אין די געזעצביכער. איהר זעהט דאך שוין, אז וואס אייך דוכט זיך אויס צו זיין אזוי פאלקאמען דייטליך, זאגען „קערפול לאיערס" אז עס איז פונקט קאפויער... ווען איהר ווילט, אלזא, אן ענטפער אויף דער פראגע צי מען מעג סטרייקען אדער ניט, זאלט איהר ניט זוכען אין דער קאנסטיטושאן נאר הערען וואס די „קערפול לאיערס" זאגען אויף דעם. אזוי ווי דיזע פראגע איז פון אונגעהייער גרויסער וויכטיגקייט פאר ארגאניזירטע ארבייטער; אזוי ווי דאס, מעג מען זאגען, געהט די ארגאניזאציאנען אין לעבען, וואלט נים זיין איבריג דא צו ברייגען די מיינונגען פון די וויכטיגסטע לאיערס פון דער היינטיגער צייט. מען קען נאטירליך ניט ברייגען אלע, וועלען מיר זיך באנוגענען מיט די מיינונגען פון צוויי — די סאמע וויכטיגסטע וואס מיר האבען געקענט געפינען. איין מיינונג פון דעם איצטיגען אטאירני דזשענעראל, מר. פאלמער, וועלכער שפרעכט אין אלע ווארשיינליכקייטען אויס די מיינונג פון דער איצטיגער אדמיניסטראציע, און די צווייטע, פון אונזער אלטען אויטאריטעט, מר. טעפט, א געוועזענער דזשאדזש, א געוועזענער פרעזידענט און א איצטיגער פראפעסאר פון יוריספרודענץ. חוץ דעם איינער וואס מעג ריידען מיט אויטאריטעט פאר די הערשענדע מיינונגען אין דער רעפובליקאנער פארטיי.

אטאירני דזשענעראל פאלמער האט געזאגט, אז „אונטער געוועהנליכע אינדוסטריעלע צושטענדע" האבען ארבייטער יא א רעכט צו סטרייקען, אבער עס זיינען דא אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען, ווען מען האט א רעכט ביי זיי דיזעם רעכט צו צונעהמען. אט זיינען פאלמער'ס ווערטער:

„וועהרענד דאס רעכט צו סטרייקען אין אלע געוועהנליכע אינדוסטריען, אונטער נארמאלע צושטענדע, קען ניט ווערען ענטזאגט, זיינען אבער פאראן אייניגע באשעפטיגונגען וועלכע שטעהען אין אזא נאהענטער פארוואנדשאפט צו דעם לעבען, פרייהייט און זיכערהייט פון דעם פאלק אז דאס רעכט צו סטרייקען אין דיזע פעלע מוז זיין אונטערווארפען דעם העכערען רעכט פון פובליקום צו קריגען אונאונטערבראכענע דיענסטע.

און אט זיינען די ווערטער פון מר. טעפט:

„עס איז נאריש פון ארבייטער צו ריידען וועגען דעם רעכט צו סטרייקען אלס א הייליגעס רעכט פארזיכערט אין דער קאנסטיטוציאן. . . . אויב די אבזיכט איז געזעצליך, און די מעטאדע איז געזעצליך, וועט דאס רעכט צו סטרייקען ווערען אפגעהיט און רעספעקטירט פון די קאורטס. אבער אויב די פאראייניגונג וועלכע איז דאס לעבען און דער כוח פון דעם סטרייק איז פאר אונגעזעצליכע צוועקען, ווי עס איז געווען אין דער ענן ארבאר קעיס, אין דער דעבסט קעיס און אין דער לואיס קעיס, איז דער סטרייק ניט מעהר אונטער דער פראטעקציע פון דער קאנסטיטוציאן ווי אירגענד וועלכער אנדערער פארברעכען, און אלע געזעצליכע פראצעסען, אריינגערעכענענדיג דעם אינדזשאנקשאן, קענען באנוצט ווערען געגען דעם."

אט האט איהר דייטליכע דבורים: א סטרייק איז געזעצליך בלויז „אונטער געוועהנליכע צושטענדע" און ווען ער „איז פאר געזעצליכע צוועקען, און עס ווערען באנוצט בלויז געזעצליכע מעטאדען." ווער זשע וועט אורטיילען צי עס איז „אונטער געוועהנליכע צושטענדע" און פאר „געזעצליכע צוועקען"? דזשאדזש אנדערסאן, אדער מר. פאלמער, אדער מר. טעפט, אדער די אנדערע "קערפול לאיערס" מיט די „דזשודישיאל מיינדס."

וואס פאר א פראקטישען ווערט "קענען האבען די אלע ארבייטער געזעצגעבונגען, אזוי לאנג ווי די אויסטייטשער און די דורכפיהרער פון די געזעצע בלייבען אזעלכע וואס דיענען די אינטערעסען פון אנדערע? „שרייבט יא, שרייבט ניט — עס וועט ביי אייך בלייבען די זעלבע מכה. אזוי לאנג ווי די ארבייטער וועלען לאזען זייערע בלוטיגע שונאים פארוואלטען די רעגיערונג, אזוי לאנג ווי די קאורטס וועלען בלייבען די פעסטונג פון די בעלי בתים און די „קערפול לאיערס" וועלען שאלטען און וואלטען איבער'ן פאלימישען לעבען פון דעם גאנצען פאלק.

ווען מען באטראכט גוט די פראגע פון פאלגען דעם געזעץ אין דעם ליכט פון די לעצטע געשעהעניסען, מוז זיך שטעלען די פראגע: וועלכע געזעצע דארפען די ארבייטער אויספאלגען, די וואס די געזעצגעבער מאכען, אדער די וואס די געריכטען טייטשען אויס?

# ליעדער

פון י. אדלער.

## דער ים און מיין ליעד...

כ'בין ביים ים געזעסען,
ביי דעם בייזען ים;
עס האט מיין הארץ געזאָטען פונקט ווי זיינס;
עס האט מיין בלוט געכוואליעט פונקט ווי דאָרט;
א פלוך, א שווארצער, איז געווען מיין וואָרט,
א ווארט, געבוירען אין יסורים'ס־פלאם —
און אויפגעוועקט צום לעבען א באגעהר...

כ'בין ביים ים געזעסען,
ביי דעם ווילדען ים;
געזונגען האט דער ים זיין שטורעם־ליעד;
געקאכט, געהויבען זיך מיט ווילדער לוסט...
א ליעד געבוירען ווערט אויך אין מיין ברוסט.
א ליעד געבוירען פון מיין הארצענס־פלאם.
עס זיעדט א שווארצע קללה אין דעם ליעד...

כ'בין ביים ים געזעסען,
ס'האט גערעדט דער ים;
יעדעס ווארט א וואל, יעדעס ווארט א קנאל.
און ווי טויזענד דונערס האט עס בייז און ווילד
זיך ווידערהאלט די ווערטער און געברילט;
געוועקט אין מיר מיין ליעד, דאס ליעד פון פלאם,
געוועקט עס פון נשמה'ס טיפסטען קוואל...

כ'בין ביים ים געזעסען,
און מיין ליעד, עס שעלט...
און ס'שפיעלט דער ווילדער ים זיין ליעד און שפיעלט.
איך טראכט:
אונענדליך איז זיין לעבענס־צייט;
אויך רוישען וועט ער אין דער אייביגקייט.
זיין ליעד וועט אייביג הילכען אין דער וועלט,
און מיין ליעד? —
מיין ליעד וועט ווערען איינגעשטילט...

## א מעשה'לע פון שלום...

וואונדערשעהנע פארבען שפיעלען
אויף די גרינע פעלדער;
יונגע צארטע ווייסע ליליען
צו דער זון זיך ציהען;
פון די ווייסע ליליען־גלעקלאך
קלינגען אויס געזאנגען,
קלינגען שעהן און קלינגען זיס,
מיט בשמים־מעלאדיען.

פון דעם בשמים'דיג געזאנג
יעדעס בלימעל פרעהט זיך;
פאסען גאלד פון זונענשיין
גארטלען אום די וועלדער;
ליליען־גלעקלעך קלינגען אויס
און זינגען אויס מיט ליעבע:
שבת־רוה און יום טוב רוה
זאל הערשען אויף די פעלדער!

און פון יעדען בלימעלס ליפ
גיסען זיך געזאנגען;
און פון יעדען בלימעל כוס
הויכט ארויס א חלום;
און אויף יעדעס בלעטעל מיט
א זונעשטראהל א העלען,
שרייבט דער בורא דארטען אויף
א מעשה'לע פון שלום...

# קלאוק פרעסערס יוניאן לאקאל 35

**אויפמערקזאם.**

## רעגולע סעקשאן־מיטינגען וועלען אפגעהאל־טען ווערען אין די פאלגענדע פלעצער

סעקשאן „איי", ניו יארק — וועט מיטען מאטאג, 24טען נאוועמבער 8 אוהר אבענד, אין 77-79 דעלענסי סטריט.

סעקשאן „די", בראנזוויל — וועט מיטען שבת, 22טען נאוועמ־בער, אין בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

## בראנקסער פרעסער

א מיטינג פון אלע פרעסערס וואס וואהנען אין די בראנקס וועט אפ־געהאלטען ווערען

**מאנטאג, 24טען נאוועמבער, 8 אוהר אבענד, אין לאנדאן קאסינא, 3875 דריטע עוו.**

צוועק:

1) די רעגולע ביזנעס פון דער יוניאן.
2) צווייטע נאמינישאנס פאר פרעזידענט, מענעדזשער, סעק־רעטאר, טשערמאן בעאמטע און עקזעקוטיוו באארד מעמבערס.

## עקז. באארד לאקאל 35

דזשיי. ברעסלאו, מענעדזשער.

# קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

**אויפמערקזאם!**

## א רעגולער מעמבער מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

## מאנטאג אבענד, דעם 24טען נאוועמבער
## אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט

טאגעס ארדנונג:

1) צווייטע נאמינישאן פאר אן עקזעקוטיוו באארד.
2) אונזער מינימום סקייל.

ווי איהר זעהט, זיינען די פראגען זעהר וויכטיג. קומט אלע, ווייל עס ריהרט אן אייערע אינטערעסען.

## די עקזעקוטיוו פון לאקאל 1

ש. קאטלער, מענעדזשער.
מ. וואלבערג, טשערמאן.
ס. דזש. רינגער, סעק.

# קלאוק פינישערס יוניאן לאקאל 9

אלע מיטגליעדער זיינען געבעטען צו נעהמען אין אכט אז די פאלגענדע לעקטשורס זיינען דערוייל ארראנזשירט געווארען.

**פאר הארלעם: מעדיסאן האל, 1666 מעדיסאן עוועניו.**
פרייטאג, דעם 28טען נאוועמבער, מיט ש. יאנאווסקי, רעדאק־טאר פון דער „גערעכטיגקייט" אלס לעקטשורער.

**פאר די בראנקס: מעקינלי סקווער קאסינא, 779 איסט 169טע סטריט.**
פרייטאג, דעם 5טען דעצעמבער, מיט גענאסע שיפלאקאוו אלס לעקטשורער.

**פאר דאון טאון:: פאסיפיק האל, 209 איסט בראדוויי.**
פרייטאג, דעם 12טען דעצעמבער, מיט גענאסע אלדערמאן ב. וולארעק אלס לעקטשורער.

**פאר בראנזוויל: בראנזווילער לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן סטריט.**
שבת, דעם 20טען דעצעמבער, מיט גענאסע אלדערמאן י. שיפ־לאקאף אלס לעקטשורער.

די עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

דזש. האלפערין, מענעדזשער.

# עקזאמינערס, באנראדערס, בושלערס יוניאן לאקאל 82, א. ל. ג. וו. י.

אפיס 78 איסט 10טע סטריט. טעל. סטייוועסאנט 7787.

די פאלגענדע מעמבערס פון אונזער לאקאל האבען אנ־גענומען אלס בעאמטע פאר'ן יאהר 1920.

| | | |
|---|---|---|
| ל. באסאף | ל. יאסער | ד. פעלד |
| מ. בראנדינגער | ס. לעווין | ס. פרידמאן |
| מ. גאלדמאן | נ. סאמסאן | ז. קאהן |
| י. ברוידי | ל. סטיין | דזש. קאף |
| י. גראף | ק. פאגעל | ס. קלייד |
| מ. גרייפער | דזש. פארבער | ב. ראזאנסקי |
| ל. טונים | ס. פייגין | ס. ראשינסקי |
| מ. טיש־טישקאפסקי | מ. פיין | ל. שעהנבערג |
| | | אב. שעהר |

אבדזשעקשאנס געגען די קאנדידאטען קענען געבראכט ווערען אין אונזער אפיס ביז מאנטאג אבענד, דעם 24טען נא־וועמבער, 1919.

מיט גרוס,

ל. ראזענבלאט, סעק. מ. י. אשפיז, מענעדזשער.

# ריינקאוט מייקערס יוניאן, לאקאל 20.

אלע מעמבערס פון דער ריינקאוט מייקערס יוניאן לאקאל 20, קומט זיך צוזאמען צו דעם רייכען

# מוזיקאלישען קאנצערט

וואס וועט שטאטפינדען

## דאנערשטאג, דעם 27טען נאוועמבער, טהענקסגיווינג־דעי, 2 אוהר בייטאג
## אין וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פליים און 16טע סטריט

פאר מעהר אייגצעלהייטען וועגען דיזען קאנצערט וואטשט אונזערע אדווערטייזמענטס אין דער טעגליכער פרעסע.

**וויכטיגע מוזיקאלישע קרעפטען וועלען מיטווירקען ביי דיזען קאנצערט**

טיקעטס צו באקומען אין אפיס פון דער יוניאן אדער ביי די שאפ טשערלייטע. פריי פאר אלעמען.

**עקזעקוטיוו באארד ריינקאוט מייקערס יוניאן לאקאל 20**

# קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9.

די עקזעקוטיוו באארד פאדערט אויף אלע די מיטגליעדער, וועלכע זיינען יעצט באשעפטיגט אין אנדערע טריידס, און די יעניגע וועלכע זיינען אין גאנצען ארבייטסלאז, גלייך צו רעדזשיסטרירען זיי־ ערע נעמען אין אפיס פון דער יוניאן, 228 צווייטע עוועניו.

עקשאן וועט גענומען ווערען געגען די מעמ־ בערס וואס וועלען דעם ארדער נים אויספאלגען.

**עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9**

דזש. האלפערין, מענעדזשער.

באארד איז נים געקומען צו דער ציישונג, און דערלאנגט איהר 500 דאל. ווארשיינליך, איז מען געקומען ב ע ט ע ן. מיר וויסען נים, ווער עס איז געקומען. מעגליך, עס איז גע־ ווען דער בעל דבר אליין. אבער יעדענפאלס נים אהן זיין וויסען. אין יעטוועלכען פאל איז מים א פאר מאנאטען צוריק, ווען דער דזשאינט באארד האט געגעבען 500 דאל. איז ער נים גע־ ווען פון יענע חברה „באים, וואס מאכען א דזשאב". ווארים אויב יע, וואלט עס דאך פשוט געהייסען, אז די דאזיגע ציימונג האט גענו־ מען שוחד־געלד פון דעם דזשאינט באארד. און איצט, אז דער דזשאינט באארד האט זיך אנ־ געקומען פאר דעם פרעזידענט פון דער אינ־ טערנעשאנאל, און האט פארדאמט דעם קליינ־ ליכען סקאנדאל־מאכער, איז דער דזשאינט באארד אומגעוואנדעלט געווארען אין „באים, וואס מאכען א דזשאב". איהר קענט פון דעם גאנץ קלאר זעהען, מיט וועמען מען האט דא צו טאן, און עס איז נים ווערט צו צאהלען ווייטערע אויפמערקזאמקייט נים צו דעם מאן, וואס איז פעהיג אויף אזעלכעס, נים צו דער ציישונג, וואו עס קען זיין פלאץ פאר אזעלכע אומגעלומפערטע בלבולים און זידלערייען. מיר וואלטען אויך איצט נים פארנומען דעם פלאץ דערמיט, ווען איהר און א פאר אנדערע, וואלטען דורך אייערע בריף נים געוויזען, ווי ווייניג זיי טראכטען זיך אריין אין דאס, וואס זיי לייענען, און אויף וואס עס פארלאזען זיך טאקע שלעכטע פארלוימדער און סענסאציע־ מאכער.

קומען. אז דער דזשאינט באארד האט
ך גאר אומזיסט איהם אטאקירט, ווי דאס
לט געטאן יעדער, וואס פיהלט זיך גערעכט.
ער האט גאר אנאנדער מעטאדע: גלייך בא־
ער דעם דזשאינט באארד, איהם אנרו־
דיג „באים, וואס מאכען א דזשאב". פרעסט
רעדט, ער ערקלערט דעם דזשאינט באארד פון
ר קלאוקמאכער יוניאן, אלס גענגסטער, אלס
שרעקליכע באנדע פארברעכער. פארשטעהט
, אז מען וואלט גארנים געקאנט האבען צום
ייבער. ווען דאס וואלט געווען זיין עהרליכע
יינונג. אפילו, ווען ער געהט צום דיסטריקט
אטורני, און פאר'מסר'ט די דאזיגע „באים"
רעקט, וואלט מען צו איהם נים געקאנט האבען
ג. א מענש איז בארעכטיגט צו האבען זיינע
בערצייגונגען. איז אבער דאס נים אמת.
ן זיין זידלערייו לאזט ער אונז ערשטענס
יסען, אז ער און זיין ציישונג האבען „קיינ־
ל אויסער גוטעס נים געטאן פאר זייער יו־
אן". עס פרעגט זיך, ווי קען אן עהרליכער
נש, וואס גלויבט אז א געוויסע יוניאן האט
לס אוהרע פיהרער א גענגסטער־באנדע, —
ן עטוואס גוטעס פאר אזא יוניאן? עס איז
ך איינס פון די דריי: אדער דער מאן איז
ליגנער, און האט קיינמאל פאר די יוניאן
יין גוטעס נים געטאן, אדער ער אליין איז
ונער פון דער באנדע, און האט ביז איצט גע־
ויגען, ווייל ער און די באנדע האבען גע־
עבט בשלום, אדער ער האט פשוט געמאכט א
מיינעם בלבול אויף א קערפערשאפט, וועלכע
פרעזענטירט מיט זיך צעהנדליגע טויזענדע
רבייטער, ווייל מען האט, לויט זיין מיינונג,
יהם פוגע בכבוד געווען. באטראכט נאך א
ך: ער דערצעהלט אליין, אז דער דזשאינט
אירד האט געגעבען פאר זיין ציישונג 500
אל. עס פארשטעהט זיך, אז דער דזשאינט


## מעמבערס פון דער אינטער־ נעשאנאל.

ווען איהר דארפט אויסרעכענען אייער פעי, דארפט איהר זיך נים פארלאזען אויף אנדערע. קויפט א „קלייד'ס האורלי וויידזש רעקארד". דארט קענט איהר זעהן גענוי צו וויפיעל פער שטונדע איהר זיינט באר־ רעכטיגט, לויט די צאהל שטונדען, וואס איהר האט געארבייט. צו באקומען ביי

**JACOB KLEID,**

**42 East 23rd St., N. Y.**

אויך צו באקומען אין אלע סטיישאנער־ רי סטארס. פרייז 25 סענט.

# יוניאן דענטאל און מעדיקאל קליניק

**אפים: 31 יוניאן סקווער** — **ארייננאנג: 23 איסט 16טע סט.**

דער דענטאל און מעדיקאל קליניק איז די אייגענטום פון די ארבייטער, ווערט אנגע־ פיהרט און געמענעדזשט ביי די ארבייטער אויף א ק א א פ ע ר א ט י ו ו ע ן ב א ז י ס.

## עהרליכע, וויסענשאפטליכע דענטיסטרי פאר קאסט־פרייז
## נים ביליגערע אבער בעסערע ארבייט

אלגעמיינע מעדיציניגשע אונטערזוכונג און באהאנדלונג. קריגט א קארד פון אייער לאקאל.

ספעציעלע קליניקס פאר'ן מאגען, נאז, האלדז, אויערען און נערוועז־קראנקהייטען!

א סטעף פון פיער דענטיסטען יעדען טאג פון 10.30 פריה ביז 8 אוהר אוונט.


# סקוירט מאכער, אויפמערקזאם.

לויט דעם באשלוס פון אונזער יוניאן וועט דער פונקט אינ'ם אגרימענט אין באצוג די צאהל מאשינען און די צאהל אפרייטארס דיעזען סיזאן שטרענג דורכגעפיהרט ווערען. אונזערע מעמבערס וועלכע ארבייטען אין שעפער וועלכע קומען נישט נאך דעם אגרימענט, זיינען אויפגעפא־ דערט זיך צו רעדזשיסטרירען אין א[פ]ים. אונזער אפיס וועט העלפען ליווטע פון אזעלכע שעפער קריגען פלעצער צו דער ארבייט. געחענקסט, אז נעקסטען סיזאן וועט נישט ערלויבט ווערען צו ארבייטען אין אזעל־ כע שעפער וועלכע סענען נישט באקומען דעם אגרימענט.

**עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23**

**ה. וואנדער, מענעדזשער**

נ. ב. — נעקסטען דאנערשטאג איז טהענקסגיווינג דעי. אונזערע סעקשאן מיטינגען וועלען דארום דיעזע וואך נישט אפגעהאלטען ווערען.

## א נייער מיטעל וועלכער פאר־ טרייבט רהומאטיזם.

## א 75 ס. באקס פריי פאר יעדען ליי־ דענדען.

אין סיראקיוז, ניו יארק, איז אויסגע־ פונען געווארען א מיטעל געגען רהומאטיזם און די הונדערטער וועלכע באנוצען זיך מיט דעם, דענקען אז עס איז אן אמת'ער וואונ־ דער־מיטעל. זאגאר די ערגסטע פעלע, וואו אלע אנדערע מיטלען האבען גארנים געהאל־ פען, טוט דיזער מיטעל אויף אמת'ע וואונ־ דער. קענטיג דאס נייטראליזירט דאס יורין זויערע און די לייב־זאלץ שטאפען און די בלוט און עס פארטרייבט אלע סם־עדיגע שטע־ רענדע פסולת פון דעם סיסטעם. ליידען, וועהטאג, שטייפקייט, געשווילעכץ שיינט צו־ שמעלצט צו ווערען און פארשווינדען.

דיזע באהאנדלונג, וועלכע איז צוערשט באקאנט געווארען דורך מר. דעליגא, איז אזוי גוט אז דער איגענטימער וויל דאס יעדער וואס ליידעט פון רהומאטיזם אדער וועלכער האט א פריינד וואס איז געטראפען מיט דעם, זאל קריגען א פרייען 75 סענטי־ גען פעקעדזש פון איהם און זיך איבערציי־ גען וואס דאס קען טאן פאר איהם איידער ער גיט אוים א סענט אויף דעם. מר. דע־ לאנא זאגט: „צו איבערצייגען אז דער דע־ לאנא מיטעל וועט זיכער בייקומען רהומא־ טיזם, עס מאכט נישט ווי שארף, איינגע־ ווארצעט אדער כראניש עס איז, און זאגאר ווען אלע אנדערע באהאנדלונגען זיינען נים בהילפיג געווען. — וועל איך, אויב איהר האט זיך פריהער נים באנוצט מיט דיזען מיטעל, שיקען א פולען 75 סענטיגען פעק־ עדזש פריי אויב איהר וועט אויסשניידען דיזען נאטיץ און שיקען עס מיט אייער נא־ מען און אדרעס מיט 1 סענט צו העלפען שיקען פאסטיידזש און צושיקונגס־עקספענ־ סעס, צו מיר פערזענליך:

**F. H. DELANO,**

**(1224) Griffin Square Building,**

**Syracuse, N. Y.**

איך קען בלויז שיקען איין פעקעדזש צו אן אדרעס.

## ענדע פון מלחמה

ברענגט גליק פאר דער וועלט

# מארמאלאקס

די געשמאקע פרוכט קענדי אבפיהר מי־טעל האט געמוזט פיר דער צייט פון מלחמה אראפ פון מארקעט, ווייל דער טייערע מעדיצינישער שטאף וואס קומט אריין אין מארמאלאקס איז גענצליך פארברויכט געווארען אין די מלחמה האספיטעלער. יעצט די ענדע פון מלחמה-וועלכע האט געבראכט נייע גוטע צייטען, האט אויך צוריק גע־בראכט די גרויסע רפואה פיר אלע מא־גען ליידענדע, „מארמאלאקס״, די פרוכט-קענדי אבפיהר מיטעל וואס איז געשמאקער פון די טייערסטע קענדי און רייניגט אב דעם מאגען אין א פאר שטונדען לייכט און אנגענעהם.

ליידעט ניט אויפ'ן מאגען און האלט די מאגענדלעך פון אייערע קינדער אין ריינעם און געזונטען צושטאנד. א באקסעל מארמאלאקס אין הויז איז א פארזיכערונג פיר א געזונטען מאגען און וועט פארהיטען פון אלע מאגען קראנקהייטען.

10, 25 און 50ס א באקס.

אין אלע גוטע דראג סטארס אדער מיט פאסט

MARMALAX COMPANY,
NEW YORK



# דאס נייע אידישע טעאטער

27טע סטריט און מעדיסאן עוועניו.
טעלעפאן מעדיסאן סקווער 579.
עמנואל רייכער, קונסט דירעקטאר.
לואיס שניצער, דושענ. מענעדשזער.

פרייטאג אבענד, שבת און זונטאג בייטאג און אבענד, 21טען, 22טען און 23טען נאוועמבער

## עמנואל רייכער — צום ערש־טען מאל אויף דער אי־דישער ביהנע

אין

# דער שטומער משיח



# נעביל'ס טעאטער

235 באוערי. טעל. ארטשארד 4345.
מאקס נעביל, דירעק. הערי גאטי, מענ.

צום ערשטען מאל! צום ערשטען מאל!

מאקס נעביל'ס נייע פראדאקשאן

## פרייטאג אבענד, שבת און זונ־טאג מאטינע און אבענד, 21טען, 22טען און 23טען נאוועמבער

מאקס נעביל, דזשעני גאלדשטיין און די גאנצע קאמפאני אין

# א מיידעל פון קאזא הארץ

לעבענס בילד אין 4 אקטען פון איזידאר זאלאטארעווסקי, אויפגעפיהרט פון מאקס נעביל און יעקב האבשטיין.

מוזיק פון ארנאלד פערלמוטער.

...ענגען, בענעפיטס און טיקעטס ניך צו ...ווענדען און אפיס פון טעאטער.



# דעזיינערס פון פרויען־קליידער ווערען איבע־ראל פארלאנגט

## און אנשטענדיגע שטעלע פאר יעדען מאן אדער פרוי. — גרינג צו לערנען — בעצאלט זיך גוט.

אויך איהר קענט לערנען דעזיינינג און ווערען אן ערפאלגרייכער דעזיינער

### מענער און פרויען פער־דינט מעהר געלד.

נעמט אויף א פראקטישען קורס און אונטעררינטונג אין מיטשעל־סקוהלס.

אין דעזיינינג פון פרויענס, מיסעס און קינדערישע קליידער. א קורס פון אונטעררינטונג אין די מיטשעל'ס סקולס מיינט א באלדיגע שטעלע און מעהר געהאלט. די מיטשעלס סקולס פון דעז־זיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג זיינען געגרינדעט געווארען מעהר ווי 50 יאהר צו. האבען ערגרייכט נייע געדאנקען, נייע סיסטעמס, בעסטע מעטאדען, בעסטע רע־זולטאטען

אינדיווידועלע אויפמערקזאמקייט — טאג און נאכט קלאסען, מעסיגע באדינגונגען.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער פאר־לאנגט פאר א פרייען בוקלעט, דע־מאנסטראציאן און פולע אינפאר־מאציאן.

אבענד־קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

# מיטשעל דעזיינינג סקוהלס

912-920 בראדוויי (קארנער 21טע סט.) ניו יארק.

טעלעפאן — גרעמערסי 83.



# SECOND AVE. THEATRE

35 סעקאנד עוועניו.
יאזעף עדעלשטיין, דזשענ. מענ.
טעלעפאן, פארסייטה 1643.

## טיקעטס 8 וואכען אין אדוואנס.

דער איינשטימיגער אורטייל פון איבער 50,000 מענשען, וועלכע האבען ביינע־וואהנט די פארשטעלונג פון יאזעף רומשינסקי'ס לעצטע און שעהנ־סטע אפערעטא

## דעם רבינ'ס נגון

גרעסטער ערפאלג! ערפאלג!

30 נומערען געזאנג.

פרייטאג אווענד, שבת און זונטאג מאטי־נע און אווענד, 21טען, 22טען און 23טען נאוועמבער

יאזעף רומשינסקי'ס נייעסטע אפע־רעטע

# דעם רבינ'ס נגון

ליברעטא פון ג. באדער
אויפגעפיהרט פון יאזעף רומשינסקי

סעמיועל ראזענשטיין, לודוויג זאץ, רע־גינא פראנער, ראזא קארפ. באריס ראזענ־טאל, מרס. סאבינא לאקסער, פעני לוב־ריצקי, היימי דזשייקאבסאן און יאקאב פרענק באטייליגען זיך אין דיזער אפע־רעטע, ווי אויך לואיס היימאן. ה' טשאר־לעס נאטאנסאן אלס „לייבעניו.״

## דעם רבינ'ס נגון איז 100 פרא־צענט פערפעקט.

אין מוזיק, פערזאנאל, ארטיסטען, אויס־שטאטונג, רייכע קאסטיומען, שעהנסטער קאהר, שעהנע טענץ און באלעטען, וואונ־דער עפעקטען, גרויסער ארקעסטער, אין אלע הינזיכטען.

$10 ווערטה אמיוזמענט פאר 1 דאל.

און עקסטרא גרויסער כאר און סימפא־ני ארקעסטער אונטער לואי רומשינסקי.

חברות לאדזשעס, סאסייעטיס, יוניאנס, ארבייטער רינג בראנטשעס, רעליעפס, ווי אויך פריוואט פערזאנען קענען זיך מעל־דען פאר בענעפיטס און טיקעטס אין אפיס פון טעאטער.



## דארפט איהר א מוזיק לעה־רער?

ל. גאלדבערג, דער באוואוסטער פיעדעל שפיעלער, וועלכער האט די הסכמה פון דעם גרויסען זשעניע, פרא־פעסאר לעאפאלד אוער, דער לעהרער פון צימבאליסט, מישא עלמאן און נאך אנדערע קינסטלער

גיט לעסאנס אין פיעדעל שפיעלען צו גאנץ מעסיגע פרייזען, ספעציעל צו קינדער פון קלאוקמאכער.

אדרעס:

507 איסט מאונט עדען עוו., בראנקס.
טעלעפאן: טרימאנט 1505.
נ. ב. — נעמט דריטע עוועניו עלע־וויטער און סטאפ ביי 171טע סטריט און קלעירמאנט פארקוויי.



A. DELBON



פיקסט און שארפט שערס.
90-484 6טע עוועניו,
ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטריט.



## דיזע ציימונג

ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענ־גלישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די

### אפ-טו-דייט פרינטינג קא.

195 קאנעל סט. ניו יארק
טעלעפאן 5425 פרענקלין.



טעלעפאן גרעמערסי 2441

## די לענארד פרעס

42 איסט 23טע סטריט, נ. י.



# י. קראוז

## בעדזשעס און בענערס

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר. סטריקטלי יוניאן ארבייט.

134 קלינטאן סטריט. ניו יארק


## שמשון און דלילה.

מיטוואך אווענט, דעם 3טען דע־צעמבער, וועט געשפיעלט ווערען אין דעם נייעם אידישען טעאטער „שמשון און דלילה״, פון דענישען דיכטער סווען לאנגע.

די אונטערנעהמונג איז פאר'ן ניו יארקער דיסטריקט קאמיטעט פון דעם אידיש־נאציאנאלען ארבייטער פאר־באנד. דער פראפיט פון דער אונטער־נעהמונג געהט אויף העלפען די ניו יאר־קער אידישע פאלקס־שולען און אויף גריגדען נייע.

טיקעטס קען מען קויפען אין אלע בראנטשעס און אין אפיס פון אידיש־נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד און ביי דער קאסע פון טעאטער.


# טאמאשעווסקי טעאטער

האוסטאן סט. און סעקאנד עוועניו
טעל. ארטשארד 2612.
הערי טאמאשעווסקי, סטיידזש מענ.

7טע וואך! גרעסטער סוקסעס!

דאס גרעסטע, שענסטע, ריינסטע און היי־לינסטע וואס אידען האבען אמאל געזעהן אין אידישען טעאטער

## באריס טאמאשעווסקי'ס נייע אפערעטע

## דאס הייליגע ליעד

מיט 28 נומערען געזאנג, פון דעם איינציגען אמת'ן אידישען קאמפאזיטאר

### הערמאן וואהל

מיט א קאמפאניע פון די גרעסטע סטארס פון דער אידישער ביהנע און אן עקסטרא כאר פון זעכציג פערזאן, ווי אויך א סימפאני ארקעסטער פון 24 פערזאן.

ל. גאלדבערג, פרעזענטירט

באריס טאמאשעווסקי, דייוויד קעסלער, סעם קעסטין, רעגינא צוקערבערג, בעסי ווייסמאן, ראזא גרינפעלד, קלמן יא־וועליער, וויליאם שווארץ, מאד. זיבעל, מאד. ווילענסקי, מאד. מאגע, ה' גרינבערג, ה' גילטמאן, ה' גאלד, ה' צוקערמאן און בעלא פינקעל, ווי אויך האבען מיר צוויי נייע זינגער, מאד. טוכמאן און ה' פעראנ־זא.

ווען אין דער געשיכטע פון אידישען טעאטער האט איהר נאך געזעהען אדער געהערט אזא קאמבינאציע פון אזעלכע שוישפיעלער און זינגער, צוזאמען ווי איהר וועט זעהן און הערען אין טאמאשעווסקי'ס נייע אפערעטע „דאס הייליגע ליעד״?

פרייטאג אווענד, שבת און זונטאג מאטי־נע און אווענד, 21טען, 22טען און 23טען נאוועמבער.

## טאמאשעווסקי'ס און וואהל'ס נייע אפערעטע

# דאס הייליגע ליעד

אפערעטע מיט א פראלאג אין 3 אקטען. אויפגעפיהרט פון די צוויי גרעסטע אידי־שע רעזשיסערע ה' טאמאשעווסקי און ה' קעסלער. 28 נומערען מוזיק, מיט א סימפאני ארקעסטער פון 24 מאן פון אונזער קאמפאזיטאר און דירעגענט ה' הערמאן וואהל, אלע טענץ אראנזשירט פון דעם באריהמטען בראדוויי פראדיוסער ה' דען דודי, קונסט עפעקטען פון הערי טאמאשעווסקי.



די יוניאן־קאאפעראטיוו סאסייעטי

לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן

פע: קויפט אויסשליסליך

# וזייט לילי טהעע קאלאמביא טהעע צוועטאטשני טשאי

# בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 East Broadway
1702 Pitkin Ave., Brooklyn
100 Lenox Avenue
895 Prospect Ave., Bronx

## די סטייט באנק

**ריסארסעס איבער $65,000,000**

אויב איהר טהוט ביזנעס מיט אנדערע לענדער אדער איהר דענקט פערגרעסערען אייער ביזנעס דורך אימפארט אדער עקספארט, זיינט איהר געלאדען זיך צו בענוצען מיט די אויסערגעוועהנליכע פאסיליטיעס פון דער סטייט באנק.

מיר געבען ארויס לעטערס אוו קרעדיט, קאמוירשאל לע־טערס אוו קרעדיט, טרעוולערס טשעקס און דרעפטס נאך אלע טהיילען פון דער וועלט.

די וואס ווילען העלפען זייערע קרובים אין אויסלאנד, בע־זאנדערס אין פוילען, רומעניע, גאליציע, און טשעכא־סלאוואקיע, קענען שיקען געלד מיט די ביליגסטע רעיטס דורך דער סטייט באנק.

די פאלגענדע ביינק זיינען איינינגע פון אונזערע קארעספאנד־ענטס אין אויסלאנד

**ENGLAND**
**Credit Lyonnais, London.**
**FRANCE**
**Comptoir National d'Escompte de Paris.**
**BELGIUM**
**Banque Generale Belge.**
**SWITZERLAND**
**Swiss Banking Corporation.**
**GERMANY**
**Deutsche Bank, Berlin.**
**HOLLAND**
**Rotterdamsche Bank Vereeniging.**
**CZECHO-SLOWAKIA**
**Bohmische Union Bank, Prague.**
**GERMAN AUSTRIA**
**Wiener Bank Verein, Vienna.**
**POLAND**
**Polska Krajowa Kasa Pozyczkowa, Warsaw.**

דיזע באנקען זיינען די גרעסטע און שטארקסטע אין זייערע לענדער. אויב איהר ווילט שיקען געלד צו אייערע פריינד און קרובים — דאן שיקט דורך אונז, וועט איהר זיין זיכער, דאס עס וועט שנעל באזארגט ווערען, און מיר רעכענען דעם ביליגסטען פרייז, לויט דעם טאגעס-קורס.

# THE STATE BANK

376 און 378 גרענד סטריט. ניו יארק.

**ברענטשעס:**

100 עסעקס סטריט; 7 וועסט 26טע סטריט;
1400 פיפטע עוו.; 158 יוניאן און וועסטשעסטער עוועס.
פיטקין און סטאון עוועניוס, ברוקלין.
גרעהעם עוועניו און נוערעס סטריט, ברוקלין.

## א שענער קאנצערט פאר די מעמבערס פון לאקאל 20.

קומענדען דאנערשטאג, דעם 27טען נאוועמבער, טהענקס גיווינג דעי, וועט אין וואשינגטאן אוירווינג היי סקוהל, אוירווינג פלייס און 16טע סט., שטאטפינדען א רייכער קאנצערט פאר די מעמבערס פון לאקאל 20.

דיעזער קאנצערט איז אראנזשירט פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע פון לאקאל 20 אלס דער אנפאנג פון א סעריע קאנצערטען און ליטערארישע אווענדען, וואס די עדיוקיישאנאל-קאמיטע פון לאקאל פלאנעוועט צו ארגאניזירען פאר די עטליכע ווינטער-מאנאטען פאר די מעמבערס פון לאקאל 20.

דער יעצטיגער קאנצערט איז ספעציעל אראנזשירט אין א ליגעל האלידעי, פאר וועלכען אונזערע מעמבערס קריגען באצאהלט אלס רעזולטאט פון אונזער לעצטען דזשענעראל סטרייק, אום אונזערע מעמבערס זאלען זיך קענען אמוזירען און צוזאמען מיט זייערע פרויען פארברענגען א פאר אנגענעהמע שטונדען.

מיר ערווארטען, אז קיין איין מעמבער פון אונזער יוניאן וועט ניט פארפעהלען בייצוואווינען דיעזען וויכטיגען מוזיקאלישען קאנצערט, וואו זיי וועלען זיך גוט אמוזירען.

פאר טיקעטס זאל מען זיך ווענדען אין אפיס פון דער יוניאן, 22 וועסט 17טע סט.

## קלאוק שעפער קאלעקשאנס פאר'ן 100 טויזענד דאלאר פאנד

| | |
|---|---|
| פעלערמאן בראס. דורך הינדען, | 3.00 |
| לעווין, דורך פישקין — — — | 5.00 |
| מארטימאר הערמאן און קא. דורך מאקס קאהען — — — | 4.50 |
| ליפשיטץ, דורך טשאפמאן — | 3.50 |
| ליפשיטץ און פריעדמאן — — | 4.00 |
| קלאינמאן, דורך לואיס פאס — | 3.05 |
| אלעקסאנדער און סמיטה, דורך פינקעלשטיין — — — | 14.75 |
| וו. בעסס, דורך סעם רייסמאן — | 5.00 |
| אייזענבערג און ניטעלמאן, דורך עקלאף — — — — | 9.25 |
| אסטער לעווין און טשיעפסקי, דורך אפעלבאום — — — | 3.00 |
| בענדזשאמין שלאס, — — — | 15.50 |
| ר. און ר. קלאוק קא. דורך ווס. בערג — — — — | 8.00 |
| עסטראף און וואלק — — — | 7.25 |
| ראוז און שווייצער, דורך סייפמאן — — — — | 7.15 |
| דייוויד שאפירא, דורך דזש. קראון — — — | 11.50 |
| ראזענבערג און אייזנער, דורך טש. שאפירא — — | 3.00 |
| ה. וועגג, דורך ה. מיללער — — | 6.50 |
| לוסטגארטען און בארגענסדארף, דורך שווארטץ — — — | 8.50 |
| האלשטיין און יאנג, דורך אסטראף — — — — | 10.70 |
| ווינטאן קלאוק קא. — — — | 12.50 |
| שלאנסקי און אדלער — — — | 64.51 |
| לאוועט — — — — — — | 5.10 |
| טאטאל — | 215.26 |
| פריהער קוויטירט — | 2623.93 |
| צוזאמען — | 2839.19 |

פיליפ קאפלאוויטש,
טרעזשורער דזש. ב.

## עקזעקוטיוו באארד מיטינג, לאקאל 25.

(שלוס פון זייט 6.)

ציירען און אנדערע מוזען אכטען, נאך א דרינגליכער דיסקוסיאן ווערט דער רעפארט גוט געהייסען.

די ארגאניזיישאן קאמיטע שיקט אריין א רעפארט פאר דער צייט פון דעם 12טען מאי ביז דעם 8טען נאוועמבער, 1919 אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען מיט איינצעלהייטען וואס עס איז אויפגענומען געווארען פאר דער צייט, בעמליך וויפיעל שעפער זיינען ארגאניזירט געווארען, וויפיעל פון זיי האבען זיך אנגעשלאסען אין די אסאסיאיישאנס, וויפיעל האבען געסיינט אגרימענטס מיט דער יוניאן אונאפהענגיג, וויפיעל סטרייקס זיינען אנגעפיהרט געווארען און זא ווייטער. דער רעפארט ווערט גוט געהייסען.

א מיטטיילונג ווערט פארגעלעזען פון דער קאמיטע צו פראטעסטירען געגען די פאגראמען אויף אידען אין אוקראינא. א מאנסטער דעמאנסטראציאן און מאססמיטינג ווערען אראנזשירט פאר מאנטאג דעם 24טען נאוועמבער אין קארנעגי האל און עס ווערט ערווארטעט דאס נאהענט צו א פערטעל מיליאן אידען זאלען זיך אנשליסען אין דער טרויער-פראצעסיע. מיר ווערען איינגעלאדען אנטייל צו נעהמען אין א קאנפערענץ וואס ווערט איינבערופען פאר מיטוואך דעם 12טען נאוועמבער, וואו פלענער ווי אזוי צו מאכען די דעמאנסטראציאן געגען די אונבאשרייבליכע געוואלדטאטען, איינדרוקספול. א קאמיטע מיט פולמאכט, באשטעהענד פון ברידער ה. זילבערמאן, טשערמאן; נ. פאגראן, י. וואסילעווסקי, דזש. שאפירא, י. לייבאוויץ, טש. דזשייקאבסאן, ל. קאהן, ה. דייווידסאן און י. שעהנהאלץ ווערט ערוועהלט צו אטענדען און זעהן דאס אונזערע מעמבערס זאלען אנטייל נעמען אין דער דעמאנסטראציאן.

פינאנץ און רעליעף קאמיטע רעפארט ווערט אויסגעהערט און פארהאנדעלט צווישען אנדערעס ווערט באשלאסען:

1) צו ביישטייערן 25 דאלער צום עמאנציפאטאר, וועלכער נעהמט ארויסגעגעבען ווערען אלס א וועכענטליכע צייטונג פאר ניגראס.

2) צו ביישטייערן 10 דאלער צו די הארד ראבער טוירנערס יוניאן, וועלכע געפינט זיך אין א סטרייק.

י. שעהנהאלץ, סעק.

## קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

**אויפמערקזאם!**

1. אויב איהר האט ניט קיין פלאץ אדער איהר ארבייט ביי אן אנדער טרייד לאזט גלייך וויסען אין אונזער אפיס, אום איהר זאלט קיין שוועריגקייט ניט האבען צו קריגען א ווארקינג קארד ווען איהר וועט דארפען קריגען א פלאץ צו דער ארבייט.

2. קיינער טאר ניט ארויפגעהן ארבייטען אהן א ספעציעלע ווארקינג קארד פון אונזער אפיס פאר דעם בעטרעפענדען פלאץ. אין פאל מען טוט דאס-ניט, קען מען קיין אנדער ווארקינג קארד ניט קריגען ווען מען דארף בייטען דעם פלאץ, ווייל מען גיט ניט קיין ווארקינג קארד וואו מען קעהרט ניט אום צוריק די אלטע ווארקינג קארד.

3. אייער פרייז וועלכען איהר קריגט אין אייער שאפ איז אייער סקייל און איהר טארט ניט ארבייטען פאר ווייניגער אין קיין אנדער שאפ. ארבייטען פאר ווייניגער ווי אייער סקייל אהן דער צושטימונג פון דער יוניאן איז א פארברעכען פאר וועלכען מען וועט רופען צו דער גריוועגס קאמיטע.

4. א שאפ טשערמאן, וועלכער וועט ערלויבען צו ארבייטען אהן א ווארקינג קארד וועט גערופען ווערען צו דער גריוועגס קאמיטע. יעדער איז פארפליכטעט צו מעלדען פון די טשערלייטע וועלכע ערלויבען צו ארבייטען אהן ווארקינג קארדס.

**די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1.**

GERECHTIGKEIT (JUSTICE)

# גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפּלאָזען.

„מיר ווילען, מיר ...ען זיין גערעכט ...אפילו צו די, צו וועמ...ען עס גלוסט זיך אונז ...זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

VOL. I. No. 46. New York, Friday, Nov. 29, 1919. פרייטאג, 28־טען נאוועמבער, 1919. PRICE 3 CE[NTS]

# ...ענזשאמין שלעזינגער פאהרט נאך יוראפ

...ם אין אפיס פון דער אינטערנעשאנעל איינגעשטעלט אזוי, אז די נויטיגע ...ארבייט דורך שלעזינגער׳ס אפרייזען פאר א פאר מאנאטען זאל ניט גע־שטערט ווערען — די אינטערנעשאנעל מאכט לכבוד דעם אפרייזען פון איהר פרעזידענט א שעהנעם באנקעט בלויז פאר די נאהענטסטע פריינד פון דער אינטערנעשאנעל און ב. שלעזינגער. — דער גרויסער באנקעט וועט ערשט קומען, ווען ער וועט קומען צוריק. — שלעזינגער רעכענט, דאס זיין ארבייט אין יוראפ צוזאמען מיט דער רייזע היין און צוריק אויפ׳ן שיף זאל געדויערען באלד דריי חדשים. אזוי, דאס אין אנפאנג מערץ וועט ער זיין צוריק אויף זיין פאסטען — עטוואס פון דעם, וואס ער האט בדעה אויפצוטאן אין יוראפ.

...אר די לעזער פון „גערעכטיגקייט". ...דאס מיינט כמעט די גאנצע מעמ־...שיפ פון דער אינטערנעשאנאל, איז ...שלעזינגער׳ס פאהרען נאך יוראפ ניט ...סורפריז. מיר האבען וועגען דעם ...לדעט אין אונזער באריכט וועגען ...פערטעל־יעהרליכען מיטינג פון דער ...נעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער ...ג. וו. י. אין באפאלא. דאן האבען ...זיי געלאזט וויסען וועגען א קייבל־...ם, וואס איז אנגעקומען ניט לאנג צו־...פון האלאנד, אין וועלכען די אינ־...עשאנאל איז איינגעלאדען געווארען ...צו באטייליגען אין אן אינטערנא־...אלער שניידער־קאנפערענץ. שלע־...ר האט באלד זיך געווענדעט אין ...ינגטאן וועגען א פאס, און נאך פיע־...שוויריגקייטען האט ער איהם נעקרא־... ווייל עס מוז דא געזאגט ווערען, ...ש פאר אונזערע „לינקע" קען עס ...א שטיקעל חידוש, אז שלעזינגער ...ניט אזא פערסאנא גראטא אין וואש־...טאן, ווי זיי שטעלען זיך עס פאר. ...על גאמפערס האט געמוזט פאר ...ערב זיין, אז ער וועט, חלילה, ...בייז ניט טאן אנקעגען סעם, דאן ...האט ער געקראגען די ערלויבניס ...ארלאזען אונז פאר א פאר מאנאטען.


## אינהאלט־פארצייכניס

גערעכטיגקייט נומער 46

2. די יוסף — נ. בוכוואלד.
3. די נייע פאדערונגען פון פילאדעל־...ער דזשאינט באארד.
4. האט הערט זיך אין באסטאן? — י. זאריצקי. אין דער ריפער מאכער יו־...ען לאקאל 17 — דזש. העלער.
5. עכיבים פון אונזער אינטערנעשאנאל ...ין דער פרעסע — פון א סטאף רעפארטער. דער סטרייק פון די דרעס קלויקס ...ין ניו יארק — די פרעס קאמיטע.
6. די פרויען־וועלט — ראזע בעדריק ...לינדער. עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון ...לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ.
7. פלערליי פון שיקאגא — ה. סקול־...אן. די לאגע אין דעם גענעראל סטרייק ...ון די לידיס העטמאכער.
8. א געזאנג נאך ליעבע (ראמאן) — ...אלינא וואלמי.
9. ראמאן. קאלעקשאנס אין די רוינ־...אום שעפער פון לאקאל 20 — ס. פריד־...אן.
10. פון רעדאקטאר׳ס נאטיץ ביכעל.
11. א שפאגעל נייער דרעהדעל אין דעם ...יהלען סטרייק קאנפערענץ — ב. מייר־...אן.
12. אין דער טעאטער וועלט — דער ...ריטיקער. די בעסערע האלבע (חלפט ...עלעשאן) — דער לעברינגער.
13. לעיבט זיך צו זיין געזונד? — ...דער ערשטער פון א סעריע ארטיקלען) — ...ר. ב. דובאווסקי. לידער — מ. פערעל־...ומעט.
14. „[illegible]" (ערצעהלונג) — שמואל דייקסעל.
15. קורצע שמועסען. באריכט פון [illegible] — י. מעניו...
...17, 18 און 19 — אדיטאריעל־[illegible]
20. [illegible]
...— ה. הילפמאן.


אלעס, וואס איז געווען מעגליך אויפ־צוטאן אין פארשיעדענע אנגעלעגענהייטען פון דער אינטערנעשאנאל, איידער ער זעצט זיך אויפ׳ן שיף, האט ער אויפגעטאן אין די לעצטע פאר וואכען. אזוי איז ער געווען די לעצטע פאר טעג אין שיקאגא, וואו ער האט כמעט ווי אויסגעגליכען א שטארק תארע אנכטערטען עסק; אויך איז ער געווען אין טאָלידא, סינסינעטי. און אלעס אזוי איינגעארדענט, אז זיין אבוועזענהייט פאר א פאר מאנאטען זאל זיך ניט שטארק פיהלען.

כדי די ארבייט זאל געהן אזוי רעגעלמעסיג ווי מעגליך אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, איז איינבארופען געווארען א מיטינג אין ניו יארק דעם דאנערשטאג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, אויף וועלכען עס זיינען דיסקוטירט און אנגענומען געווארען אלע נויטיגע פלענער פאר דעם.

און אזוי ווי אויף דעם הימעל פון דער אינטערנעשאנאל זעהען זיך ניט קיינע וואלקענס, קען שלעזינגער זיך אפגעבען צו זיין אויפגאבע אין יוראפ מיט זיין גאנצער באקאנטער ענערגיע און באגייסטערונג. ווארים זאל דא ערקלעהרט ווערען נאך א מאל, אז שלעזינגער׳ס רייזע נאך יוראפ איז בשום אופן ניט קיין פארגניגענס־רייזע. אין יוראפ, וועלכע שטעהט האלב־פארוויסטעט דורך די שרעקליכע פינף בלוטיגע יאהר, און אין וועלכער דער בלוטיגער מבול האט אין פיעלע פלעצער נאך אלץ ניט אויפגעהערט, וואלט געווען א משוגעת צו פאהרען זוכען פארגעניגען. שלעזינגער פאהרט אין יוראפ, ערשטענס, אום צו קענען רעפארטען צו דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל איבער דער לאגע פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין אלע אונזערע נידעל־טריידס — עטוואס, וואס מוז זיין פון העכסטען אינטערעס און וויכטיגקייט פאר אונזער אינטערנעשאנאל. צווייטענס, פאהרט ער נאך יוראפ, אום צו זעהן, אויב עס איז ניט מעגליך אויסצושפרייטען די באשיצענדע פליגלען פון אונזער אינטערנעשאנאל אויך אויף די קלאוקמאכער, די לידיעס ווייסט מאכער, און די אלע אנדערע ארבייטער פון אונזערע טריידס אין יוראפ.

מעגליך, אז זיי האבען דאס זייער איינענעם [illegible] מעגליך אז ניט. אין ערשטען פאל וועט ער זעהן, אויב עס איז ניט מעגליך אן אמת׳ע פאראייניגונג צווישען די ביידע פאראיינען. אין צווייטען פאל וועט ער זעהן, אז די פיעלע פארשיעדענע יוניאנס פון אונזערע פארשיעדענע טריידס זאלען זיין דירעקט אנגעשלאסען אן אונזער אינטערנעשאנאל.

דאס איז ניט מעהר קיין חלום, ווי [illegible] ריק. יוראפ איז געווארען א גאנץ נאה־

...הענטע שכנה פון אמעריקא, און עס איז ניטא דער מינדעסטער גרונד, ווארום זאל אונזער מעכטיגע אינטערנעשאנאל מיט אלע איהרע מיטלען, וואס זי פארמאגט, ניט העלפען דער ארגאניזירונג פון די בעלי מלאכות פון אייראפא. עס קומט באלד די צייט, ווען א רייזע נאך אייראפא דורך א לופט־שיף וועט ניט נעהמען מעהר, וויפיעל עס נעהמט איצט צו קומען פון ניו יארק נאך שיקאגא, און די אויסברייטונג פון דער אינטערנעשאנאל אויך אין אייראפא קען ניט מעהר באטראכט ווערען אלס א שעהנער חלום, נאר אלס א זעהר פראקטישע מעגליכקייט.

ווען מיר זאגען יוראפ, מיינען מיר אויף א גרויסען טייל פון אונזער אלטער היים. אויך דארט — אויב מעגליך — וועט שלעזינגער זיין, און דארט וועט ער האבען א דאפעלטע אויפגאבע: די ערשטע וועט זיין די זעלבע ווי אין ענגלאנד, פראנקרייך א. ז. וו.; און די צווייטע אויפגאבע וועט זיין צו זעהן אויב די אינטערנעשאנאל קען ניט ברענגען איהר הילף דירעקט צו אונזערע בעל מלאכות, וועלכע נויטיגען זיך אין איהר.

ביז איצט האט די אינטערנעשאנאל בייגעשטייערט גאנץ באדייטענדע סומען געלד דורך דעם פיפעלס רעליעף. אבער אויף וויפיעל דאס געלד פון די הינע בעלי מלאכות איז ווירקליך אנגעקומען צו די פאראונגליקטע בעלי מלאכות פון אונזער אלטער היים, דאס איז נאך א פראגע. עס טראגען זיך ארום וועגען דעם פארשיעדענע קלאנגען. שלעזינגער׳ס אויפגאבע וועט זיין דאס אויסצוגעפינען אויף ריכטיג, און אנווענדען אלע זיינע כחות, אויב ביז איצט איז די הילף ניט אינגאנצען אנגעקומען צו די, פאר וועלמען די גרויסע מעמבערשיפ פון אונזער אינטערנעשאנאל האט געמיינט צו געבען, אז דאס זאל אנדערש ווערען.

ער האט ניט קיין פיעל צייט פאר די אלע טעטיגקייטען, אין גאנצען דריי מאנאטען, ווארים לענגער קען ער דארט ניט פארבלייבען, אבער מיר זייען זיכער, אז ער וועט די ארבייט זיינע אויספיהרען בשלומות, מיט דער גאנצער גרינדליכקייט, אויף וועלכער ער איז פעהיג.

און אין דער איבערציינונג, אז זיין רייזע וועט זיין פון גרויסער וויכטיגקייט סיי פאר די ארבייטער אין אונזערע טריידס אין יוראפ און סיי פאר אונזער אינטערנעשאנאל דא אין אמעריקא, ווינשען מיר איהם פון גאנצען הארצען א שעהנע, א אנגענעהמע און אן ערפאלגרייכע רייזע.

# פראטעסט און טרויער דעמאנסטראציע נעגען די שחיטות אויף אידען אין אוקראינא

**True translation filed with the Postmaster at New York City on Nov. 28, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."**

צעהנדליגע טויזענדער אידען פון ניו יארק האבען לעצטען מאנטאג אנטייל גענומען אין דעם טרויער און פראטעסט פאראד נעגען די רציחות וואס זיינען באגאנגען געווארען אויף אידען אין אוקראינא.

געקליידט אין שווארצען אדער מיט טרויערבאנדען אויף די ארבעל, זיינען זיי געגאנגען איבער די ניו יארקער גאסען און שטום דערצעהלט דער וועלט וועגען די ליידען פון זייערע אומגליקליכע ברידער אין דער פארפלוכטער לאנד פון דעניקינס און פעטלוראס.

געטרויערט האבען אלע — ארימע און רייכע, פריידענקער און פרומע, יונגע און אלטע, — אלע וואס האבען אין זייערע נשמות געפיהלט דעם אפקלאנג פון די וועה־געשרייען פון די טויזענדער קרבנות, די טויזענדער קדושים אונזערע.

וועקען דעם וועלט־געוויסען — דאס איז געווען דער צוועק פון פאראד.

און אויב עס איז דא א וועלט־געוויסען, האט ער זיך געמוזט פיהלען שרעקליך געפלאגט, ווען די צעהנדליגע טויזענדער עבלים זיינען געגאנגען איבער די גאסען מיט שטומען וועהטאג אין זייערע נשמות; מיט יאמער אין זייערע אויגען און געמאכט שטומע אבער פייערדיגע פארווארפען דער גרויסער ציוויליזירטער וועלט, אונזער לאנד, אלע לענדער, וואס האבען ערלויבט די שרעקליכסטע רציחות אין דער געשיכטע, רציחות נעגען שוצלאזע מענער, פרויען און קינדער, רציחות געפלאנט און דורכגעפיהרט פון אוממענשען, וועלכע פארדירען אלס רעטער פון רוסלאנד, און וועלכע ווערען געשטיצט פון די רעגירונגען פון פיעלע לענדער.

עס איז דער טרויעריגער שטאלץ פון דעם ניו יארקער יודענטום צו זיין אין די פאדערשטע רייהען פון פראטעסט באוועגונגען נעגען שחיטות אויף זייערע ברידער אין אייראפא. די פראטעסט דעמאנסטראציע וואס איז אפגעהאלטען געווארען מיט איינינע חדשים צוריק האט פיעל־ווייניג אפגעשטעלט די מערדערליכע הענט פון די פוילישע פאגראמטשיקעס. ניט ווייל דער געוויסען האט גענומען פלאגען די דאזיגע מערדער, נאר ווייל די אויסערליכע וועלט, איבערהויפט אונזער לאנד, האט ניט געקענט פארטראגען דעם פייערדיגען פארוואורף, וואס א טייל פון דעם בירגערטום האט א שליידער געטאן אין פנים אריין די אפיציעלע פארטרעטער אונזערע, און שרים זיינען גענומען געווארען די רציחות אפצושטעלען. מיר ווילען האָפען, אז דאס וועט אויך איצט זיין דער פאל. אויך איצט קענען די עלאים רעגירונגען, און איבערהויפט אונזער רעגירונג, פיעל אויפטאן אויף דעם געביט פון אפשטעלען דעם מערדער׳ס האנט.

אויף דעם מיטינג אין קארנעגי האל, וואס איז אפגעהאלטען געווארען באלד נאך דעם פאראד, זיינען פיעלע רעדעס געהאלטען געווארען פון אנגעזעהענע מענער, אידען און קריסטען. מיר ווילען זיך אויף די רעדעס ניט אפשטעלען, ווייל די לעזער זיינען אדער אליין דארט געווען אדער געלייענט די באריכטען אין דער טעגליכער פרעסע. מיר מוזען אבער אנווייזען אויף א שטעל פון אב. קאהאנ׳ס רעדע, וואו ער מאכט א שטארקען, כאטש דיפלאמאטיש־אויסגעדריקטען, פארוואורף די „פריינד" אונזערע — ענגלאנד, פראנקרייך און די איבעריגע רעגירונגען, וואס העלפען דעם הויפט־פאגראמטשיק דעניקין קעמפפען פאר דער „באפרייאונג" פון רוסלאנד.

„די טראגעדיע פון׳ם אידישען פאלק — האט קאהאן געזאגט — באשטעהט איצט אין דעם וואס עס איז אויסגעקומען אזוי, אז אפילו אונזערע פריינד האבען

# עפּאָרט צו דער איינשטעלונג פון דער נייער עס־ זעקוטיווע אין דער וויסט און דרעסמאכער יוניאָן לאָקאל 25

פון א סטעק רעפּאָרטער.

מיט דער ערוועהלונג פון א נייעם קזעקוטיוו באָארד פאנגט זיך אָן א נייער עבען און טעטיגקייט אין דער וועיסט און רעסמאכער יוניאָן לאָקאל 25, דער גרעס־ על לאָקאל אין אונזער אינטערנעשאָנאל וניאָן.

עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, אָס אין דעם לאָקאל האָט די לעצטע אר מאָנאַטען ניט געפעהלט קיין אינער־ ליכע טראָבעלס, און דער אלטער עקזע־ קוטיוו באָארד האָט דערפון געהאט גאנץ ענוג.

אין פארלויף פון דעם לעצטען פאר־ ביטערטען סטרייק אין דער איגדוס־ טריע, וועלכער האָט געדויערט 11 וואָ־ כען צייט, איז דער לאָקאל געבענשט גע־ וואָרען, — און אז מען וויל, קען מען אָגען געשטראָפט געוואָרען — מיט א „קאונסיל", וועלכער האָט פאראורזאכט א שטיקעל בורענינע אין דער יוניאָן. עס מאכט ניט אויס וואָס דעם „קאונ־ סיל'ס" אנזיכטען, ווי אנצופיהרען די יוניאָן־טעטיגקייט שטימט פאלשטענדיג אין מיט די אנזיכטען פון אזעלכע בא־ וואוסטע „ארבייטער פריינד", ווי דער וננער ראקעפעלער פון אויל טראָסט און מר. גערי, דער קעניג פון שטאָל טראָסט. אויך די צוויי „ארבייטער פאראָרגער־ טענה'ן, פונקט ווי, להבדיל, די לייטע פון דעם „וועיסטמאכער קאונסיל", אז ארבייטער דארפען ניט האָבען קיין יונ־ יאָן־בעאמטע, וועלכע זאָלען פאראהאנד־ לען מיט'ן באָס אין פאל פון א סכסוך אין שאפ צווישען קאפיטאל און ארבייט. עס איז בעסער, זאָגען זיי, דאָס די אר־ בייטער פון יעדען שאפ זאָלען פון צווי־ שען זיך אויסקלייבען א פאר מענשען, און דיעזע זאָלען פאראהאנדלען מיט'ן באָס. און די לייטע פון „קאונסיל" טענה'ן אויך דאָס זעלבינע. אויך זיי זאָגען, אז פאר די ארבייטער וואָלט גע־ ווען בעסער, ווען יעדער שאפ זאָל דורך א פאר אויסגעקליבענע מענשען פון דעם שאפ גופא אליין פאראהאנדלען מיט'ן באָס.

ווי איהר זעהט, קומען זיך דא צוזאַ־ מען צוויי עקסטרימען. די העכסט „רויטע" קומען זיך צוזאמען מיט די גאר שוואר־ צע און ביידע שטעהן פאר'ן זעלבען פרינ־ ציפּ, „ניעדער מיט די יוניאָן בעאמטע!... עס לעבע די איינצעלנע שאפּ פארטרע־ טער!"

אָבער ניט דאָס בין איך אויסען... איך האָב בלויז געוואָלט באמערקען, אז אָט דער „קאונסיל" וועלכער איז באמת א שטיק רעאקציע אין דער טרייד יוניאָן באוועגונג, האָט דער וועיסט מאכער יו־ ניאָן געגעבען אביסעל טראָבעל, שוין דורך דעם אליין וואָס דאָס האָט ארויס־ גערופען א אינערליכע צאנקעריי און פאר־ אורזאכט טומעל ביי מאנכע מיטינגען.

און טאָמער איז דאָס נאָך ניט גענוג געווען, איז אין דעם לאָקאל לעצטענס אויך אויסגעוואקסען „א וועלפעיר ליעג", און כאָטש דער נאָמען קלינגט אזוי מילד און אומשולדיג טויג דאָס אָבער אלץ אויף כפרות... ווייל, צו וואָס דארף מען האָבען אָן ארגאַניזאציאָן אין דער ארגאַניזא־ ציאָן? דאָס מוז דאָך ברענגען מיט זיך רייבונגען, — דער ציהט אהער, יענער שלעפּט אהין... און צו וואָס דארף מען דאָס אלעס?

לאָמיר זאָגען, אז אין דער יוניאָן דאר־ פען טאקע געמאכט ווערען געוויסע רע־ פאָרמען, אומענדערונגען און געוויסע אויסבעסערונגען. — טו דארף מען צו דעם האָבען א באזונדער „ליעג?" ווארום קען דאָס ניט געטאָן ווערען דורך דער באשטענדיגער יוניאָן ארגאניזאציע? דאכט זיך, יעדער לאָגישער מענש קען איינזעהן, אז אזא ארבייט קען א סך בעסער געטאָן ווערען דורך דער רעגעל־ מעסיגער יוניאָן־ארגאַניזאציע, ווי דורך עפּעס א „וועלפעיר ליעג" וואָס איז אין בעסטען פאל, א נייע זאך, און ווענינ מיט־ גליעדער קאָנען האָבען צו איהר דאָס נויטיגע צוטרויען.

אלזא, אין דער פראקטיק קענען עק־ סטרא ארגאַניזאציעס אין דער יוניאָן קיין נוצען ניט ברייננען, ניט דער יוניאָן און די מיטגליעדער אין די שעפּער אודאי און אודאי נים. עס פאראורזאכט בלויז, עס זאָל אפּגעצויגען ווערען די אויפמערק־ זאמקייט פון די ווירקליך נויטיגע רע־ פאָרמען וואָס דארפען אין דער יוניאָן געמאכט ווערען, און אויף אזוי פיעל ברענגט עס דער יוניאָן א דירעקטען שא־ דען.

אזעלכע און עהנליכע געדאנקען זיינען ארויסגערופען געוואָרען לעצטען שבת נאכמיטאג, הערענדיג די רעדע פון פּרעזידענט שלעזינגער, אויף דעם אינ־ סטאלישאָן מיטינג פון לאָקאל 25 אין בעטהאָווען האָל, וואו עס איז איינגע־ שטעלט געוואָרען דער נייער עקז. באָארד פון דער יוניאָן פאר'ן נעקסטען יאהר. ער האָט זיך באריכות אפּגעשטעלט אויף דעם צושטאנד פון דער יוניאָן און אנשטאָט צו מאכען דעם געוועהנליכען באנאַלען „צערעמאָניעלען ספּיטש", וואָס עס ווערט געוועהנליך געהאלטען ביי אזא געלעגענ־ הייט, האָט ער בעסער דיסקוטירט די לאגע פון דעם לאָקאל און אנגעוויזען אויף גאנץ וויכטיגע, גרונטאָונע רעפאָרמען וואָס דארפען אין דער יוניאָן געמאכט ווערען.

עס איז דאָ ניט דער פּלאץ דיעזע רעפאָרמען צו באריהרען, דאָס דארף גע־ טאָן ווערען אין א באזונדער ארטיקעל און מיר וועלען דאָס טאָן ביי־א צווייטער געלעגענהייט.

צום שלום פון שלעזינגער'ס מייסטער־ האפטע באטראכטונג און צעגליעדערונג פון דער זאכלאגע, האָט ער באדאנקט דעם אלטען עקזעקוטיוו באָארד פאר זיין אר־ בייט, און אויך אנגעוויזען דעם נייעם וואָס פאר א פאראנטוואָרטליכע ארבייט ס'שטעהט איהם פאר, אום געטריי און עהרענהאפט אויפצוהאלטען דאָס צוטרויען וואָס די גרויסע מעמבערשיפּ האָט צו די ערוועהלטע דעלעגאטען אנפּארטרויט.

זיין רעדע איז פון אלע אנוועזענדע ווארים באגריסט געוואָרען.

קורצע, זאכליכע רעדען זיינען אויך געהאלטען געוואָרען פון סעקרעטער בא־ ראף און וויס־פּרעזידענט זיידמאן, דער געוועזענער מענעדזשער פון לאָקאל 25. אויך זייערע רעדען האָבען ניט געטראָגען דעם געוועהנליכען צערעמאָניעלען „אינ־ סטאלישאָן" כאראקטער, דאָס זיינען גע־ ווען אנווייזונגען אויף די נויטיגע ארביי־ טען וואָס דער ניי־ערוועהלטער עקזעקו־ טיוו באָארד וועט באלד דארפען אויפ־ נעהמען, פאר דעם וואויל און בעסטען פון דער יוניאָן און פון די מיטגליעדער אין די וועיסט און דרעס שעפּער וואָס די יו־ ניאָן קאָנטראָלירט.

דער טשערמאַן פון דעם מיטינג איז געווען ברודער ראָזענבערג, דער מענעד־ זשער פון איינעם פון די יוניאָנס דע־ פּאַרטמענטס.

און אלגעמיין קאָן געזאָגט ווערען, דאָס דער מיטינג איז געווען א זעהר איינ־ דרוקספולער. אלע אנוועזענדע האָבען זיך גאנץ ערנסט געהאלטען. מען האָט געקענט ארונטערלעזען פון די פּנים'ער פון די ערוועהלטע דעלעגאטען צו דער נייער עקזעקוטיווע, דאָס זיי פארשטעהען וואָס פאר א וויכטיגע ארבייט זיי האָבען אויף זיך גענומען, צו זיין די פּאקטישע פיהרער פון דיעזער גרויסער יוניאָן, מיט אזא פארשיעדענארטיגער מעמבערשיפּ, און מען קען האָפען, דאָס זיי וועלען זיי־ ער ארבייט עהרענהאפט ערפילען; דאָס זיי וועלען זעהן, אז די מיטגליעדערשאפט וואָס האָט געשטימט פאר זיי, וועלען ניט האָבען קיין אורזאכע צו באדויערען.

עס איז צו האָפען, דאָס די נייע עק־ זעקוטיווע וועט אויפפאסען אז אין דער יוניאָן זאָל הערשען האַרמאָניע, איינינ־ קייט און אמת'ע ברידערליכע געפיהלען! דאָס די עקזעקוטיוו וועט זעהן, דאָס אויב עס וועט נויטיג זיין איינצופיהרען אין דער יוניאָן געוויסע נייע רעפאָרמען, זאָל דאָס געטאָן ווערען אויף דעם רעגעלמעסי־ גען ארגאַניזאציאָנס־וועג, דורך דער יו־ ניאָן גופא, און ניט דערפאר באשאפען עקסטרא „ליעגס", וועלכע דערגרייכען ניט זייער ציעל און האָבען מעהרסטענטייל, ווי מיר האָבען פריהער אנגעוויזען, א גאנץ פארקעהרטע ווירקונג, אריינברענגענדיג כאאָס אין דער יוניאָן אנשטאָט נייע רע־ פאָרמען. רעפאָרמען זיינען אימער און אומעטום אם פלאץ, עס ווענדט זיך אָבער זעהר פיעל ווער עס נעהמט זיך אונטער זיי איינצופיהרען און אויף וועלכען אופן דאָס ווערט געטאָן.

פון גאנצען הארצען ווינשען מיר ער־ פאלג דער נייער עקזעקוטיווע! מיר האָ־ פען און ערווארטען דאָס דיעזע קערפּער־ שאפט וועט זיך אוועקשטעלען אויף דעם הויכען באַרוף וואו זי דארף שטעהן און וועט געטריי און איבערגעבען טאָן איהר נוצליכע ארבייט פאר דער יוניאָן און פאר די מיטגליעדער. זאָל מיט דער אריינ־ קומען פון דער נייער עקזעקוטיווע זיך אָנ־ פאנגען אין דער יוניאָן א גאנץ נייע ערא, א נייע צייט פון פּראָגרעס און אלגעמיינער יוניאָן טעטיגקייט, וואָס ווייטער אלץ מעהר און מעהר צו פארבעסערן די לא־ גע פון די צענדליגע טויזענדע ארבייטער אין דער אינדוסטריע.

# קלאָוקמאכער, אויפמערקזאם.

עס פרעהט אונז אייך אנצוזאגען אז דער טעקס פון צוויי דאָלאר פאר די שטאָהל סטרייקערס איז דורכגעגאנ־ גען מיט א זעהר גרויסער מאַיאָריטעט.

די שטאָהל סטרייקערס פיהרען א קאמף פאר בעסערע באדינגונגען, פאר מעהר מענשליכע באהאנדלונגען, און פאר דעם רעכט צו זיין ארגאניזירט. אין דער גאנצער גע־ שיכטע פון אונזערע קעמפע און די קעמפע פון ארבייטער אין אנדערע אינדוסטריען, האָט זיך ניט קיין קאמף אזוי בולט ארויסגעוויזען אלס א קאמף צווישען קאפּיטאל און ארבייט, ווי דער יעצטיגער קאמף אין דער שטאָהל אינדוסטריע. גאנץ קאפּיטאל האָט זיך פאראייניגט מיט איין צוועק, צו באזיגען די שטאָהל ארבייטער. מיליאָנען־דאָלארס ווערען געשפּענט אום צו צווינגען די שטאָהל סטרייקערס זיך אונ־ טערצוגעבען צו דעם ווילען און פארלאנג פון מיסטער גע־ רי און זיינע חברים.

דער קאמף פון די שטאָהל ארבייטער איז א הייליגער און ער רופט ארויס באוואונדערונג. ניט נאָר דארפען זיי קעמפען געגען דער הונגער וואפע, נאָר זיי דארפען אויך קעמפען געגען פארשיעדענע אנדערע וואפען וועלכע זיי־ נען נאָך געברויכט געוואָרען אין דעם מיטעלאלטער ווען דער ארבייטער מיט זיין פאמיליע איז געווען דאָס פאלקא־ מענע איינענטום פון זיין בעל הבית.

קלאָוק מאכער, דאָס וואָס די שטאָהל סטרייקערס מא־ כען דורך אין 1919 (נאָר מיט מעהר אכזריות) האָט איהר דורכגעמאכט אין 1910. אויך אייערע ארבייטסגעבער האָ־ בען ניט געוואָלט אנערקענען אז איהר האָט א רעכט צו זיין ארגאניזירט און האָבען א דעה צו זאָגען אונטער וואָס פאר א באדינגונגען איהר זאָלט ארבייטען. דער גלויבען פאר איי־ ער גערעכטער זאך, אייער שטארקער ווילענס־קראפט און די מאראלע און פינאנציעלע שטיצע פון דער גאנצער ארביי־ טער באוועגונג האָט געבראכען דעם עקשנות פון אייערע בעל הבתים און זיי האָבען זיך צו אייך געמוזט צו הערען.

אויך די שטאָהל ארבייטער האָבען גלויבען אין זייער גע־ רעכטען קאמף. זייער ווילענס קראפט צו זיין פאראייניגט קען ניט באזיגט ווערען. זיי וועלען האָבען אויסדויער ווען די באוועגונג וועט זיי שטיצען. פינאנציעלע מיטלען צו בא־ קעמפען די הונגער וואפען וועלכע צווינגט ארבייטער אויפ־ צוגעבען זייערע קעמפע איז זעהר דרינגענד.

די שטאָהל סטרייקערס ווארטען אויף אונזער ברידער־ ליכע שטיצע. זיי קוקען צו אונז ווי מיר שטרעקען אויס אונ־ זערע הענד זיי צו העלפען אין זייער קאמף געגען וועלכען גאנץ קאפּיטאל מיט דער גאנצער פרעסע שטעהט פאר־ איינינט. ניין! זייער יעצטיגער קאמף טאָר ניט און וועט ניט אזוי דערטרונקען ווערען אין בלוט ווי זייער ערשטער קאמף איז דערטרונקען געוואָרען. פאראייניגטע ארבייטער וועלען דאָס ניט דערלאָזען.

שוועסטער און ברידער, געהט גלייך אין אלע יוניאָן אפּיסעס פון דעם דזשאינט באָארד אדער אפּיסעס פון איי־ ערע לאָקאלס און באצאָהלט אייער טעקס. שנעלע הילף איז די בעסטע און ווירקזאמסטע הילף.

**דזשאינט באָארד קלאָוק, סקוירט און ריפּער מאכער יוניאָן**

ל. לאנגער, סעק.